STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04673

DI GOLDENE KEYT

Upton Sinclair

•

*Permanent preservation of this book was made possible
by Norman & Carol Labelson
in memory of
Moishe & Tellie Berkowitz, for the love of Yiddish*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייפּטאָן סינקלער

די גאָלדענע קייט

עסייען

איבערגעזעצט:
מאַרק פאָגעלמאַן

פאַרלאַג שלמה גאָלדפאַרב

וואַרשע 1931

Printed in Poland

דאס בוך הייסט אין אָריגינאַל

MAMMONART

UPTON SINCLAIR — Di
GOŁDENE KAJT

Tłum. : M. FOGELMAN

Wydawnictwo Sz. Goldfarb
Warsz. Dr. L. Zamenhofa 31

Druk. Piment, Sierakowska 4

צום לייענער!

דאָס פאָרליגנדיקע בוך, איז דער המשך פון דעם פריער שוין דערשינענעם בוך „קונסט און געלט". אין דידאָזיקע צוויי ביכער, וועלכע הייסן אין אָריגינאַל „MAMMONART" (די געלט־קונסט), און זענען געשריבן אין אַ זייער אָריגינעלער פאָרם, אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג צווישן אַ מאַן מיט אַ ווייב, אין אַ הייל פון דער אור־אַלטער עפּאָכע, גיט דער מחבר אויף געציילטע זייטלעך אַ כאַראַקטעריסטיק פון די שרייבער, וואָס האָבן זיך מיט זייער נשמה און פען פאַרקויפט צום הערשנ־דיקן קלאַס, פאַר גרויסע לוינען געשילדערט די קייסערלעכע הייף, זייערע ליבעס און אינטריגעס, דאָס פירשטלעכע לעבן, זייערע פאַרווייליונגען, דעם גלאַנץ פון סאַלאָנען, געזינגען הימ־נען צו שיכּרות און זנות, און נישט געזען די נויט, וואָס דריקט דאָס פאָלק, אָפּגעגעבן ליוב־געזאַנגען די נאָבעלע דאַמען און נישט געהערט די קרעכצן פון די שקלאַפן, וואָס האָבן זיי באַ־דינט. זיי האָבן געריטמט די העלדישקייטן פון די קעניגן און קיינמאָל נישט קיין טראַכט געטון וועגן די מענטשלעכע יסורים, וועגן דעם פאַרגאָסענעם בלוט, מיט וואָס עס איז באַצאָלט גע־וואָרן פאַר דידאָזיקע נצחונות — און אויך יענע קינסטלער, וועלכע האָבן אונטער דעם מאַנטל פון דער „קונסט לשם קונסט"

טעאַריע און מיט דער פּראָזע, אַז די שיינע קונסט איז נישט צוגעגנגלעך פאַרן בּראָסטן פאָלק, געלענקט זייער גאַנצער דיכטערישער שאַפונג אין דער ריכטונג, וואָס ווייניקער פאַרשטענדלעך צו מאַכן די קונסט פאַרן פאָלק. און וואָס געטרייער זיי האָבן אויסגעפירט זייער מיסיע, אַלץ גרעסער איז געוואַקסן זייער אָנזען ביי די מושלים, פון וועלכע זיי זענען באַלוינט געוואָרן און מיט וועמענס הילף עס איז פאַר זיי געעפנט געוואָרן די טויערן צום היכל פון רום.

און פאַרקערט: יענע קינסטלער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דינען דעם הערשנדיקן קלאַס, און נישט אָפּשרעקנדיק זיך פאַר קיין הונגער-טויט, האָבן זיי זייער שאַפונגס-גייסט געווידמעט יענע מיליאָנען אונטערדריקטע און אויסגענוצטע פאַרפייניקטע און פאַרפאָלגטע, און מיט זייערע קונסט-מיטלען האָבן זיי געוועקט דאָס פאָלק צו באַפרייען זיך פון דער קנעכטשאַפט, צוגעגעבן זיי מוט אין דעם לאַנגן שווערן אומערמידלעכן קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן, אויסגעשטעלט זיך אויף דער פאַראַכטונג פון די הערשער און פון זייערע אייגענע צייט-חברים.

צו די לעצטע קאָן מען גאַנץ דרייסט אַריינרעכענען דעם מחבר פונם דאָזיקן בוך. דער שעפער פון „זומפּ“ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַר אונז אַנטדעקט די מוראדיקע אַרבעטס באַדינגונגען אין די ריזיקע שטאָל-קוילן-און פלייש-טרעסטן אויף יענער האַלבער ערד-קויל, וואָס איז אונז ביז דאַן געווען אַזוי פרעמד, און איז מוטיק אַרויסגעטרעטן קעגן זיי; ער האָט דער ערשטער אַ שפּיי געטון אין פּנים די „פירהונדערט מאַגנאַטן“, מיט וועלכע אַמעריקע גרויסט זיך.

און נישט גלייכגילטיק האָט סינקלער געקאָנט פאַרביינן דעם געביט פון קונסט, וואָס פאַרפעסטעט די גאַנצע געזעלשאַפט,

מאכט אויסגעלאסן דאס פאלק און איז די גרעסטע שטערונג פאר סאציאלער גלייכהייט, די ראדיקע צביעותדיקע, פאבריצירטע מוח-קונסט. און ער מאכט א שפאציר איבערן פאנטעאן פון בא-רימטקייטן, „כדי — ווי ער אליין דריקט זיך אויס — א קוק צו געבן, ווי אזוי מייגע הערן קינסטלער, האט איר מארדינט אייער געלט. איך וויל אייך איבערדרייען די קעשענעס און באטראכטן יעדער מטבעה, פאר וועלכע איר האט אפגעטון אזויפיל נידער-טרעכטיקייטן".

אזוי גייט ער פון איינעם צום אנדערן און שטעלט אונז פאר זייער לוקסוסיעז לעבן, פאר וועלכן זיי האבן זיך פאר-קויפט; ער רייסט אראפ דעם שלייער פון זייער פלומרשטער מאראל און דעקט אויף זייער אמתן פרצוף, דאס פרצוף פון די, וועלכע האבן, כדי צו באַרעכטיקן זייערע מעשים, געשאפן פאר זיך א קינסט לשם קונסט טעאריע, וואס האט זיך געשטיצט אויף לויטער בורזשואזע פרינציפן און אייגנשאפטן.

און אט אזעגן דידאזיקע שטעלט ער אוועק יענע קינסטלער, וועלכע האבן עקשנותדיק זיך געקלאמערט אנם פאלק, געקעמפט און געשאפן פאר די ברייטע מאסן, מקריב געווען זייערע לעבנס, געגאנגען אויף מארשיקונג, און נישט פארקויפט זיך דעם הערשנדיקן קלאס.

איך וועל דא נישט ארומרעדן דעם קינסטלערישן און פראפאגאנדיסטישן ווערט פון סינקלערס ווערק בכלל און פונם דאזיקן בוך בפרט. איך צווייפל, אויב דאס בוך באפרידיקט דעם פארלאנג פון מחבר צו ווערן א לערנבוך פאר די סאוויעט-טיש-רוסלענדישע שולן און אוניווערזיטעטן. אין א גרעסערער דורך מיר צוגעגרייטער אפהאנדלונג, וועלכע איך האלט איצט ביים פארענדיקן און וועט דערשיינען א. נ. „אפטאן סינקלער,

דער מענטש און זיין שאַפן", וועט זיך געפינען אַ כאַראַקטע־ ריסטיק פון אַלע זיינע ווערק, אַ קלאָר בילד וועגן דעם מענטשן און זיין נוצן פאַרן פּראָלעטאַריאַט און לסוף וועגן זיין גרויסער פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעטיקייט, וואָס האָט נאָך אין זיך אַזוי־ פיל בלויזן.

דעם לייענער וויל איך נאָר דערמאָנען, אַז איידער ער נעמט לייענען דאָסדאָזיקע בוך, איז ווינשנסווערט פריער זיך צו באַקענען מיטן שוין דערשינענעם בוך „קונסט און געלט".

מאַרק פּאַגעלמאַן

אינהאלט:

קאפ.		זייט
1	דער רויב-פויגל-דיכטער . . .	9
2	דער אַלטער קאָמונאַר . . .	14
3	עמאַליע און קאַמעען . . .	20
4	דאָס קינד פון זיין צייט . . .	25
5	ס'געבעט ביים פאַרראַט . . .	28
6	די הויפטגאַס אין פראַנקרייך . .	30
7	דער מאַטראַצנגרוב . . .	34
8	זיגפריד באַקונין . . .	37
9	די עוואַנגעליע פון שוויגן . .	44
10	דער וויג-ליד-קרוינדיכטער . .	49
11	אינטעלעקטועלע קרייזן . .	56
12	גאָט, ראַטעווע דאָס פאָלק . .	60
13	דער סנאָב-זאַמלער . .	63
14	קונסט און מלוכה . . .	67
15	מיר קומען קיין אַמעריקע . .	72
16	אַ קוואַקער	75
17	דער אונטערגאַנג פון פוריטאַניזם . .	78
18	דער מלאך ישרפל . . .	83
19	דער גוטער גרויער דיכטער . .	87
20	קרויט-באָרשטש . . .	94
21	טויטע נשמות . . .	98
22	דער רוסישער האַמלעט . .	101
23	דאָס טויטן-הויז . . .	104
24	דער פויערן-גראַף . . .	109
25	קאָפּוויטיק און שלעכטע פאַרדייונג .	116

26	דאָס חזירים-שעפֿל פֿון זאָלאַיזם	120
27	דער שפּילערישער דעמאָן	126
28	דער שונא פֿון קאָנווענאַנסן	129
29	ביאָלאָגישע העכערקייט	134
30	דער איבערמענטש	137
31	די אָקטאָפּוס-שטעט	143
32	די גרינע נעלקע	147
33	די ווייסע כריזאַנטעמע	153
34	דער דועל פֿון שאַרפֿזיניקייט	159
35	דער היסטאָריקער פֿון די געבילדעטע	166
36	דער אומגעקרוינטער קעניג	172
37	דאָס שמייכלענדיקע אַמעריקע	181
38	דער טיכטיקער הוליאַק	186
39	דער דיכטער פֿון עלנט	191
40	דער קאַליפֿאָרנישער אָקטאָפּוס	197
41	דער דיכטער פֿון די פֿיר מיליאָן	201
42	דער פֿילבלוטיקער מענטש	208
43	די אומברחמנותדיקע געמעזיס	221
44	דער אומשטערבלעכער אַלס רעוואָלוציאָנער	232
46	אַ לערנבוך פֿאַר רוסלאַנד	237

1

דער רויבפויגל־דיכטער

און פרוי אַגי באַמערקט:

— און באַלזאַק, שטעלסטו פעסט, אַז ער, ווייל זיינע געשטאַלטן האָבן בכלל אָנגעהערט דער בורזשואַזיע, האָט געפירט אַ געשיקטע קלאַסן־פּראָפּאַגאַנדע און איז בכלל געווען אַ בירגערלעכער מחבר? אַזאַ אופן פון אויפפאַסונג וואָלט יאָ געווען אַ פּאַראָדיע פון ליטעראַרישער קריטיק.

אַגי ענטפערט אָפּ:

— מיר וועלן נאָכאַמאָל אַ קוק טון צו באַלזאַקן.

אין דעמדאָזיקן אויגנבליק קומט אַריין די פּאָסט און ברענגט דער פרוי אַגי אַ בריוו, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ שלעכטע ידיעה פון אַ פריינדין. איר פּנים איז געוואָרן פאַרזאָרגט, אַגי, וואָס האָט זי שאַרף באַאָבאַכטעט, האָט אויסגעשריגן ווי פון אַ פּלוצלינגער אָנרעגונג:

— האַלט פעסט דעמדאָזיקן אויסדרוק!

— וואָס ווילסטו דען? — שטאַמלט טרוי אַגי גאַרנישט פאַרשטייענדיק.

— איך דאַרף אים האָבן פאַר אַ דערציילונג, איך מוז האָבן אַלע פּרטים: דאָס ציטערן פון דיינע ליפּן, דעם אויסדרוק פון דיינע אויגן. האַלט אים פעסט! ער איז מוסטערהאַפט!

— דו ביסט אַראָפּ פון זינען. — דער אויסדרוק פון פרוי אַגיס געזיכט איז לחלוטין פאַרענדערט געוואָרן.

אַגי זאָגט: — איך בין דער קינסטלער, איך דערגער מיך פון לעבן אַליין. מענטשן מאַטערן זיך און אין מיר יובלט אַ שטימע: „הערלעך!“ איך זע אויף אַ פּנים, ווי ער דריקט אויס צער און יסורים און איך פּליסטער שטילערהייט: „דאָס איז אַ גרויסער מאָמענט“. איך זע פּאַר מיר מענטשן דערנידעריקט, צעבראָכן, דערשלאָגן און איך טראַכט: „דאָס איז דער קוואַל פון מיין אומשטערבלעכקייט“.

— דו ביסט שרעקלעך. איך ווייס עס שוין פון לאַנג.

— ניין, איך וויל דיר נאָר שילדערן די נשמה פון באַלזאַקן, וואָס איז געווען דער פּאָלקאָמסטער טיפּ פון אַ רויב־פויגל־דיכטער, די סאַמע פּאַרקערפּערונג פון קונסט צוליב קונסט, דער גאָניע, וואָס האָט געוויסן נאָר לגבי דעם קונסטווערק און ווייסט נישט פון קיין שום זאַך, ווי נאָר דעם מוראדיקן דראַנג צו שילדערן: קראַפט, צאָרן, שיינקייט, אויפרעגונג, דערהויבנקייט, סענטימענטאַלקייט, מיטלייד, חשיבות, גיריקייט, אימה, גרויזאַמקייט, שרעק, חן, ליידנשאַפט, נידערגעשלאָגנקייט, בענקשאַפט, גאָטלאָזיקייט, רום, משוגעת, מאַיעסטעט און פאַרגעניגן.

דערדאָזיקער רויבפויגל־דיכטער, וואָס האָט געלעבט אין אַ וועלט פון רויב־חיות, און געשילדערט חיהשע געפילן, זעט אונז נישט אויס, ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, פּשוט צוליב דעם, וואָס ער גופא איז פולשטענדיק ענלעך צו זיינע געשילדערטע אָביעקטן. און געשילדערט האָט ער די וועלט פון דער רעאַקציע אין פראַנקרייך, וואָס לעבט נאָך דאָרטן היינט אויך. די מאַסן האָבן געמאַכט אַ רעוואָלוציע און געהאָפט, אַז זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן, אָבער די סוחרים, די באַנקירן און די אַדוואָקאַטן האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט צו זיך. די רעאַקציע אַליין וואָלט אין פראַנקרייך נישט געהאַט קיין שום דערפאָלג. אָבער ענגלאַנד איז איר געקומען צו הילף. דאָס איז געווען דער נצחון פון בריטישן גאָלד: זי האָט איבערגענומען די קאָנטראָל איבערן אייראָפּעישן קאָנטינענט און האָט אים געשאַפן אַזוי ווי ס'האָט געפּאַסט פאַר דער וועלט פון קרעמערס. אומעטום האָט געהערשט דאָס בירגערטום, די געזעלשאַפט, אין וועלכער יעדער איינציקער

יאָגט זיך נאָכן געלט. האָט ער דאָס דערגרייכט, פאַרוועגדט ער עס אויף דעם צו מאַכן נאָך מער געלט, אָדער צו אַנטוויקלען זיין פּערזענלעכקייט דערמיט, וואָס ער וועט מיט דעם כּח פון זיין געלט באַהערשן זיינע מענטשן און אונטערדריקן. די, וואָס האָבן דערפאָלג אין לעבן, געניסן. די וואָס האָבן נישט קיין דערפאָלג, ווערן צעטרעטן: דאָס איז די „מענטשלעכע קאָמעדיע", וואָס באַלזאַק האָט געשילדערט אין זיינע פינפאונאַכציק פּראָזע-ווערק, זיינע דראַמען, עסייען און קריטישע אַרטיקלען נישט אַריינגערעכנט.

ער האָט געשטאַמט פון אַ בירגערלעכער פאַמיליע און איז דערצויגן געוואָרן פאַר אַן אַדוואָקאַט. ער אָבער האָט געוואָלט שרייבן און אַזוי ווי די פאַמיליע האָט אים געשטערט אין דעם, האָט ער זיך געמאַטערט און געליטן דחקות אין אַ בוידעם-שטיבל דער הונגער, וואָס ער האָט געליטן, האָט אים נישט נאָר געברענט אין די געדערים, נאָר אויך אין זיין גייסט און אין זיין נשמה. ער איז געוואָרן אַ ליידנשאַפטלעכער כמעט וואַנזיניקער אַרבעטסמענטש. ער נעמט גיריק אויף פאַקטן און פאַרגעסט נישט דאָס מינדעסטע פון זיי. ער קלויבט אָן גאַנצע חמרים מיט דעטיילן, נעמען, ערטער, פאַך-טערמינען, אויסערלעכקייטן פון מענטשן און זאַכן, געשעענישן, אַנעקדאָטן און שמועסן. דאָס האָט ער דערוואָרבן אין זיינע ראָמאַנען. ער האָט געשאַפן אומגעהויערע פּאַנאָראַמעס פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט, געוואַלטיקע פרעסקעס, וואָס נעמען גאָרנישט קיין סוף. זיין אַרבעט איז געווען אַזוי גיגאַנטיש, אַז מען דאַרף פאַרברענגען כמעט אַ גאַנץ לעבן, כּדי אים דורכצולייענען. צענדליקער יאָר דאַרף מען פאַרברענגען, כּדי צו שטודירן דאָס לעבן פון זיינע צוויי ביז דריי טויזנט כאַראַקטערן און טיפּן.

און וואָס דערוויסט מען זיך, נאָכדעם ווען מ'האָט, אַ שטייגער, געענדיקט דעמדאָזיקן שטודיום? מען קען גענוי די בירגערלעכע פראַנצויזישע ציוויליזאַציע, די העכערע און די נידעריקע, די אָרעמע און די רייכע, די גוטע און די שלעכטע. מען זעט ווי די רייכע ווערן וואָסאַמאָל רייכער און די אָרימע — אָרימער,

ווי די גיריקע פרעסן אויף די גוטע, געדולדיקע, ערלעכע און לסוף ווערן זיי פון דער אייגענער משוגענער גיריקייט אליין אויפגעפרעסן. דאָס אַלץ איז לעבעדיק, גייסטרייך, עכט, ווי נאָר אַ געניע קען עס שילדערן און לכתחילה איז מען דערפון ממש באַצויבערט. ווי ווּנדערלעך איז עס צו שטודירן די וועלט אין דער צייט, ווען מען זיצט זיך רויק ביי זיך אין דער היים! פּאַמעלעך אָבער הויבט זיך אָן אויפצוּוועקן אַן אַנדער געפיל: אַ געפיל פון לאַנגווייליקייט: דאָס אַלצדינג קען מען שוין, צו וואָס ווידער לייענען? דאָס לעבן איז מיאוס, גרויזאַם און פילט אונז אָן מיט עקל. ווען מען טוט זיך אָבער אַ פרעג: — „צי קען מען גאָרנישט טון דערצו?“ — האָט באַלזאַק קיין שום ענטפער נישט.

וואָרים אין דער וועלט, ווו ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט די „מענטשלעכע קאָמעדיע“, איז נישט פאַראַן קיין שום רעטונג. באַלזאַק איז צופיל קינד פון זיין דעגענערירטער צייט, כדי זיך צו קענען פאָרשטעלן אַ סאָציאַליסטישע וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אויך געזען דעם קלאַסנקאַמף און זיך געשטעלט אויף דער זייט—פון זיין געלט. אַ ליידנשאַפטלעכער קאָנסערוואַטאָר האָט ער גערעדט פון „די צוויי אייביקע אמתן: פון דער מאָנאַרכיע און פון דער קאַטוילישער קירכע“.

זיינע פּאָליטישע מיינונגען דריקן זיך אויס אין דער פאָרמול: דאָס פאָלק מוז מען האַלטן ווי ווייט מעגלעך אין דער צוים. אין זיינע ראָמאַנען געפינען מיר זייער אַ סך פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע קענטעניש, וואָס ער פירט אָבער צו בלויז צו דער פילאָזאָפישער דערקענטעניש, אַז די פאַרלאַנגען, פאַנטאַזיע און אינטעלעקט מאַכן חרוב דאָס לעבן. ווען דאָס זאָל זיין אמת, וואָלט דער גורל פון דער קולטור שוין געווען באַשלאָסן און ס'וואָלט געווען אַן אומזיסטער צייט-פאַרטרייב צו פאַרנעמען זיך מיט עטיק, פילאָזאָפיע, אָדער אפילו מיט דער קונסט.

דידאַקטיקע מיינונגען זענען, נאַטירלעך, בלויז דער רעפלעקס פון דער אייגענער גיריקייט פון דעם רויבפויגל-דיכטער נאָך געלט, לוקסוס, רום און מאַכט. ער האָט כסדר געלעבט פאַר דער קונסט און פאַרן מאַמאָן. טיילמאָל פלעגט ער זיך

אויסבאַהאַלטן אויף גאַנצע חדשים, געשריבן, געאַרבעט און איבערגעאַרבעט, נאָר קיין מאָל ניט פאַרטיק. איבערדעם האָט ער שוין זייער פיל

אויפהער און נישט אָנגעזעען קיין מענטשן. אָנגעטון אין אַ ווייסן גלחישן קיטל, אַ שוואַרצן קאַפּל אויפן קאָפּ, פלעגט ער זיך אוועקזעצן אין מיטן דער נאַכט ביי זיין שרייב-טיש מיט אַן אַ צאָל אָנגעצונדענע ליכט און טרינקט ביי דער אַרבעט איין שאָל קאַווע נאָך דער אַנדערער. קוים האָט ער פאַרענדיקט אַ מייסטערווערק, קומט ער קיין פּאַריז, כדי צו באַקומען די פּאַרציע ליבע. באַווייזט זיך, מיט אַ שטעקן מיט אַן אומגעהויער טייער-געציירט הענטל אין דער האַנט. ווי גיך ער האָט ווידער איינגעקריגן אַ גאַנצן פאַרמעגן — צאָלט ער אָפּ אַ טייל דערפון זיינע חובות און קויפט איין, וואָס דאָס האַרץ גלוסט, זייד, סאַמעט, מעבל, טעפּיכער, גאָבעלינען, צירונג און קונסט-חפצים. פילט אָן דעם גאַנצן צימער מיט דידאַזיקע שמאַכטעס, און וואָס עס דריקט זיך אויס די ליידיקייט פון זיין בורזשואַזן גייסט און די „זינלאָזיקייט פון זיינע פאַרלאַנגען. און היות, ווי פאַר אים איז זיין געלט שטענדיק צו-ווייניק, הערט ער נישט אויף אויסצואַרבעטן אין זיין רייכער פאַנטאַזיע אַלץ נייע און נייע פּלענער: פאַרלאַגן, פּאַפּיר-פאַבריקאַציע, אַ צייטונג, אַ געהיימע געזעלשאַפט, זילבער-מינעס אין סאַרדיניען, דעם פאַרגראָבענעם אוצר פון טוזאַנל'אוווערטור. יעדערער פון דידאָזיקע פּלענער זאָל אים איבער איין נאַכט מאַכן פאַר אַ מיליאָנער.

אין זיינע שילדערונגען גיט באַלזאַק דאָס ערשטע אָרט די „קאַריערייסטן", מענטשן, וואָס האָבן פאַר דעם פּרייז פון זייער ערע, אָרנטלעכקייט און יושר זיך דערוואָרבן אַ פאַרמעגן. דידאָזיקע לייט האָט ער באַוואונדערט, ווייל ער אַליין האָט געהערט צו זיי. ווען ער האָט געוואָלט, שוין אַלס עלטערער מענטש, חתונה האָבן מיט אַ רייכער פּוילישער פרוי עוועלינאַ האַנסקאַ, שרייבט ער וועגן דעם צו זיין שוועסטער, און קלערט איר אויף, וואָס פאַר אַ באַדייטונג די חתונה וועט האָבן פאַר אים. זיין שפּראַך אין דעמדאָזיקן בריוו דערמאָנט איינפאַך אין דער שפּראַך פון אַן אַלפאָנס, וואָס באַראַט זיך מיט איינער פון זיינע מיטהעלפערינס. אַ פאַרבינדונג מיט

האנסקאַן, דערקלערט ער, ווען אים פאַרזיכערן דעם „אריינטריט אין דער גרויסער וועלט" און „א וועג צו מאַכט".

צי קען מען דאָס ווערק פון דעמדאָזיקן מענטשן אָנרופן פּראָפּאַגאַנדע? יענע וואָס האַלטן זיך ביי דער דאָגמע, אַז די שילדערונגען און די פאַרהערלעכונג פון דעם בלינדן עגאָאיזם הייסט קונסט, און, אַז להיפוך, דער פּרווו צו פאַרשטיין דאָס לעבן און אַרויסצודרינגען פון אים עפּעס ווערטפולעס און שיינס — איז פּראָפּאַגאַנדע, — יענע וועלן בלי שום ספק האַלטן די „מענטשלעכע קאָמעדיע" פאַר דער ריינסטער און דערהויבנסטער קונסט. ווער אָבער ס'איז מסכים מיט מיר, אַז אַ מענטש, וואָס איז געבוירן אין דערדאָזיקער געלט-גיריקער וועלט, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך איר פאַרסמטע אַטמאָספערע און נישט געשילדערט זי ווי אַווירקלעכקייט און אומפאַרמיידלעכקייט, נאָר ווי אַ רומרייכע, שיינע באַצויבערנדיקע און דערהויבענע וועלט — אַז אַזאַ מענטש איז אויך אַ פּראָפּאַגאַנדיסט — דער מוז שוין נעמען אויף זיך דעם גאַנצן אייפעריקן פּראָטעסט פון אַלע ליטעראַטור-פּראָפעסאָרן.

2

דער אַלטער קאַמונאַר

וויקטאָר הוגאָ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1802 מיט דריי יאָר שפּעטער ווי באַלזאַק. ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין דערזעלביקער וועלט, אָבער ער האָט נישט באַנוגנט זייערע קראַנקהייטן צו באַטראַכטן, נאָר געזוכט מיטלען זיי צו היילן. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן. דעריבער טאַקע, טענהן נאָך ביז היינטיקן טאָג זיינע קריטיקער, אַז זיינע ווערק ליידן צוליב זייער פּראָפּאַגאַנדיסטישן אינהאַלט. וויקטאָר הוגאָ האָט געלעבט דריי און אַכציק יאָר. ער האָט

געשריבן און געאַרבעט ביז זיין טויט, אַזוי אַז זיין לעבנס-געשיכטע פירט אונז אַדורך דורך דעם גאַנצן ניינצנטן יאָרהונדערט.

וויקטאָר הוגאָס פאָטער איז געווען אַ סאָלדאַט אין דער רעוואָלוציע, און דערגרייכט אין דער נאַפּאָלעאָנישער אַרמיי דעם טיטל גענעראַל. בעת דער דיכטער איז נאָך געווען אַ קליין יונגל האָט ער אַרומגערייזט מיט דער אַרמיי פון אָרט צו אָרט דורך דער שווייץ, איטאַליען און שפּאַניען. זיין מוטער איז געווען אַ רויאַליסטין און דער הויז-לערער, אַן אַלטער קאַטוילישער גייסטלעכער, האָט אים געלערנט די אַלטע רעליגיעזע ליטעראַרישע און פּאָליטישע דאָגמעס. ערשט אַלטווערנדיק זעקס און צוואַנציק יאָר ווערט דער דיכטער אַ רעוואָלוציאָנער, זיין איבערגאַנג אָבער האָט געהאַט אַן אומגעהויערן איינפלוס אויף דעם גייסטיקן לעבן פון אייראָפּע.

ער איז געווען אַ געניאַל קינד און זיינע וווּנדערבאַרע פעיקייטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן גאַנץ פרי. צו פערצן יאָר האָט ער פאַרפאַסט אַ דראַמע, צו זיבעצן אַרויסגעגעבן אַ צייטונג „דער ליטעראַרישער קאָנסערוואַטאָר". לודוויק דער אַכצנטער, וואָס איז אַרויפגעזעצט געוואָרן אויפן טראָן, צו פאַרזיכערן די קאַטוילישע רעאַקציע, האָט דורך אַ פענסיע פון טויזנט פראַנק געגעבן דעם דיכטער אַ מעגלעכקייט חתונה צו האָבן. קאַרל דער צענטער האָט אים צו דריי און צוואַנציק יאָר געמאַכט פאַר אַ ריטער פון ערן-לעגיאָן. ביסלעכווייז אָבער הויבן זיך אָן אין דער פאַרהערלעכונג פון „טראָן און עלטער" צו באַווייזן סמנים פון זעלבסטשטענדיקן דענקען. ער שרייבט אַן אַ דראַמע אין וועלכער ער שילדערט רישעליען פאַר דעם האַר פון זיין קעניג. אַזאַ אינטערפּרעטאַציע איז אין יענע צייטן געווען געפערלעך, דער צענזאָר פאַרווערט די דראַמע און דער יונגער דיכטער ווערט אָן דעם חן אין די אויגן פון זיין קעניג.

דעמאָלט איז נאָך פראַנצויזישע קונסט געווען אין גלות ביי די קלאַסישע אידעאַלן פון וואָלטער און ראַסין. די דראַמאַטורגן, הייסט עס, האָבן געדאַרפט אָפּהיטן די „דריי איינהייטן", אויב זיי

האָבן געוואָלט זען אויפגעפירט זייערע זאַכן אויף דער סצענע. אין יאָר 1830 איז דעם פראַנצויזישן פאָלק פאַרמיאוסט געווען די רעאַקציע, און זי איז ווידער גרייט געווען איבערצוחזרן די רעוואָלוציע. אין דער קונסט האָט זיך דידאָזיקע ענדערונג אַרויסגעוויזן אין דער אַנטשטייונג פון ראָמאַנטיזם. שעקספּיר איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן אין פּאַריז. וויקטאָר הוגאָ האָט פאַרעפנטלעכט אַ דראַמע וועגן קראָמוועל און אין דער הקדמה האָט ער זיך דערלויבט אויסצודריקן די מיינונג, אַז ראַסין איז בכלל נישט געווען קיין דראַמאַטורג. אין מיטן פון דער נייער רעוואָלוציע האָט ער אָנגעשריבן אַ ראָמאַנטישע דראַמע „הערנאַני“, וואָס דער העלד פון איר איז אַ רעוואָלוציאָנערער שפּאַניער פון בייראָנס שניט. וואָס רעקלאַמירט אָן אויפהער אויף דער בינע און שטאַרבט מיט אַ וווּנדערלעכן טויט.

די אויפפירונג פון דערדאָזיקער דראַמע האָט פינפאונפערציק אָוונטן נאָכאַנאַנד אַרויסגערופן אַוואַנטורעס, די הויפּט-אַרטיסטין האָט פּראָטעסטירט און די גאַנצע טרופּע האָט פאַרשטרייקט. וויקטאָר הוגאָ האָט אַרויסגערופן צו הילף די יונגע קינסטלער פון די אַטעליעס. זיי זענען געקומען מחנותווייז פון מאָנמאַרט און באַזעצט דאָס טעאַטער. אין יענער צייט האָט די ראָמאַנטישע יוגנט געשטרעבט קודם כּל, צו רייצן די בורזשואַזיע דורך זייער מאָדנער הלבשה. דער ניינצניאָריקער טעאָפיל גאָטיע האָט זיך באַוויזן מיט לאַנגע לאָקן, וואָס זענען אים אַריבערגעפאַלן איבער די אַקסלען, אין אַ שאַרלאַך-רויט-זיידן וועסטל און גרינע הויזן מיט פּאַסן, און אַ גרויע פוטער מיט גרין זייד. יעדן אָוונט האָבן די פיינדלעכע פּאַרטייען געשריגן און געליאַרעמט בעת דער פאָרשטעלונג, און דאָס אַלץ, כּדי אויסצוקויפן פאַרן דראַמאַטורג דאָס רעכט, צו ווייזן אין זיין דראַמע מער ווי שוי-פּלאַץ און מער ווי פיר און צוואַנציק שעה פון דעם העלדס לעבן.

וויקטאָר הוגאָ האָט אויך געשריבן ראָמאַנען און אויף יעדן געביט איז ער געוואָרן די גייע זון פאַר פראַנקרייך. אָבער דער ליטעראַרישער לאָרבער אַליין איז נישט געווען

געגנוג פאַר אים. ער האָט ווייטער געזוכט מיטלען קעגן דער בורזשואַזער אָרדנונג. ער האָט זיך אָנגענומען פאַר אַן אָרעמען אַרבעטער, וואָס האָט דערמאָרדעט דעם תּפיסה־דירעקטאָר, צוליב דעם וואָס מ׳האָט אים געפּייניקט אין תּפיסה. דער יונגער דיכטער אַנטדעקט אַ פרישן און אַ גאַנץ נײַ הייל־מיטל: צו פאַרשפּרייטן איבער גאַנץ פראַנקרייך די ביבל. „זאָל זײַן די ביבל אין יעדער פּויערישער שטוב“. בײַ אונז אין אַמעריקע האָבן די גידאָניטן, אויסגעפּרוווט דידאָזיקע אידעע און איבערגעלאָזט די ביבל אין יעדן האָטעל־צימער. אָבער אויף אַ מאָדנעם אופן געפינט זיך אין די פאַרייניקטע שטאַטן אַסאַך מער פאַרברעכער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער.

די רעוואָלוציע פון 1830 האָט געבראַנגט אַ נײַעם קעניג לויס פיליפּ, דעם אידעאַלן בירגער־מאָנאַרך, אַ ליבלעכן הער, וואָס האָט ליב געהאַט צו זיצן אין שטוב בײַ דעם ווײַב און געלאָזט הערשן פרײַ די באַנקירן און די געשעפטסלײַט. אַט דער קעניג האָט געמאַכט וויקטאָר הוגאָן פאַרן פּער פון פראַנקרייך. אָבער באַלד קומט פאָר אַן ענדערונג. אין יאָר 1848 ווערט דער נײַער קעניג אַראָפּגעזעצט פון טראָן און וויקטאָר הוגאָ ווערט אויסגעוויילט אין נײַען פאַרלאַמענט. ער רופט זיך אָן פאַר אַ „מעסיקן רעפּובליקאַנער“. דאָס דאַמאָלסדיקע פראַנצויזישע פאָלק האָט זיך געפונען אין דערזעלבער לאַגע ווי היינט דאָס אַמעריקאַנישע, דאָס הייסט, עס האָט געגלויבט, וואָס מ׳האָט אים אײַנגערעדט און איז גרייט געווען צו אָנערקענען פאַר אַ שטאַטסמאַן יעדן צירק־קלאָון. ער האָט אויסגעקליבן פאַר אַ פּרעזידענט אַ העסלעכע קרעאַטור, וואָס איז צופעליק געווען נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטס אַן אייניקל און צוגעזאָגט אומצוקערן פראַנקרייך צו איר אַלטן רום.

אָבער נאָך איין יאָר פון דערדאָזיקער רעגירונג קומט וויקטאָר הוגאָ צום באַשלוס, אַז די איינציקע האָפענונג פאַר דער פאָרשריט, איז דער פּראָגראַם פון די ראַדיקאַלן. זײַנע ביידע דערוואַקסענע זין ווערן אײַנגעזעצט אין תּפיסה, דערפאַר, וואָס זיי האָבן אין זייער צײַטונג אָנגעגריפן די פּאָליטיק פון לואיס

נאַפּאָלעאָן; דאָס האָט אויך אַ שטויס געטון זייער גרויסן פּאַטער צו ווערן אַן אָנהענגער פון די אידעען פון דער גרויסער רע־וואָלוציע פאַר דער „מענטשלעכער רעכט". געצוווּנגען פון די איבערגעשראָקענע פינאַנסיסטן, האָט נאַפּאָלעאָן צעטריבן דעם פּאַרלאַמענט און זיך אויסגערופן פאַרן קייזער. וויקטאָר הוגאָ העלפט מיט צעבונטעווען דאָס פאָלק; אויף די גאַסן שטעלט מען אַוועק באַריקאַדעס און עס פאַלן הונדערטער מענטשן. מיט גרויסער אָנשטרענגונג איז געלונגען דעם דיכטער צו אַנטלויפן קיין בריסעל. פון דאָרט הויבט ער אָן צו פירן אַ שאַרפן קאַמף קעגן דעם אוזורפּאַטאָר „נאַפּאָלעאָן דעם קליינעם", ווי ער האָט אים גערופן, ביז די בעלגישע קאַטוילישע רעגירונג שיקט אים אַרויס פון בעלגיען. ער אַנטלויפט אויף דער אינזל יערסי אין קאַנאַל. ער שרייבט אָן אַ בוך לידער „די שטראָפן". איינס פון די שטאַרקסטע באַשולדיקונגס-אָנגריפן אין דער וועלט-ליטע־ראַטור. מיט אַ קורצע צייט שפּעטער פאַרייניקן זיך די בירגער־לעכע רעגירונגען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, אַריסטאָקראַטיש רוסלאַנד פון קרים. עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסע מלחמה און די איינוווינער פון יערסי פאַרייניקן זיך מיט דעם קייזער קעגן דעם דיכטער, זיי באַפאַלן זיין וווינונג, און ער מוז אַנטלויפן אויף דער שכנותדיקער אינזל גורענסי, ווו ער גיט זיך אינגאַנצן איבער צו זיין אויפגאַבע, די אויפגאַבע פון יעדן אמתן קינסטלער איבערצושאַפן די וועלט און דורך זיין דיכטונג צו פּרעדיקן אַנדערע אידעאַלן פאַר דער נייער גענעראַציע. ניינצן יאָר האָט ער אַזוי פאַרבראַכט אין גלות, ביז נאַפּאָלעאָן דער קליינער האָט צוגעפירט זיין לאַנד און זיך אַליין צום אונטערגאַנג. דורך דער צייט האָט הוגאָ אָנגעשריבן עטלעכע בענדער מיט וווּנדער־לעכע געדיכטן, און פאַרענדיקט זיין מייסטער-ווערק, וואָס האָט געדויערט צען יאָר, „די ליידנדיקע", וואָס איז פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן גלייכצייטיק אין אַכט רעזידענצן פון דער וועלט און אַריינגעבערענגט דעם מחבר פירהונדערט טויזנט פראַנק.

אין דעמדאָזיקן ראָמאַן האָט וויקטאָר הוגאָ אויסגעגאָסן זיין גאַנצע ליידנשאַפטלעכע ליבע צו די אידעאַלן פון „פרייהייט, גלייכהייט,

ברידערלעכקייט" און זיין גליענדיקע שנאה צו דער גרויזאַמקייט פון דער טיראַניע. ער דערציילט אונז די געשיכטע פון אַנטלאָפענעם קאַטאָרזשניק, וואָס טוט תשובה און פירט אַרויף זיין לעבן אויף אַ גלייכן וועג, אָבער וועלכן די פּאָליציי הערט נישט אויף צו פאַרפאָלגן און וואַרפט אים לסוף צוריק אַריין אין תפיסה. אין דעמדאָזיקן ראָמאַן גיט אונז דער דיכטער אַ בילד פון פראַנקרייך אין זיין צייט, דאָס לעבן און די קאַמפן פון אַרבעטער־קלאַס. די פיגור פון זשאַן וואַלזשאַן איז איינע פון די שענסטע שאַפונגען פון דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע, און זיין לעבנס־געשיכטע איז אַ טייערער אוצר פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אַלע מאָדערנע לענדער.

„נאַפּאָלעאָן דער קליינער" האָט אַריינגעשלעפּט זיין לאַנד אין אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד און ער איז איינגאַנצן צעקלאַפּט געוואָרן, וויקטאָר הוגאָ האָט זיך תיכף אומגעקערט אַהיים און זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון פּאַריז. דאַן האָט אויסגעבראָכן דער מוראדיקער אויפשטאַנד פון די הונגעריקע ליידנדיקע מאַסן, די פּאַריזער קאָמונע. אָבער די בלוטדורשטיקע בורזשואַזיע האָט אָוועקגעשטעלט האַרמאַטן, כדי פולשטענדיק צו פאַרטיליקן דאָס פאָלק מיט זיינע אידעאַלן און גלויבן. די ווייסע בעסטיעס האָבן צוגעשטעלט צו דער וואַנט פונפציק טויזנט אַרבעטער, מענער, פרויען און קינדער און צעהאַקט זיי אין פלייש־מאַסן. וויקטאָר הוגאָ, וואָס איז אַריינגעטרעטן צו די קאָמונאַרן האָט ווידער געמוזט ראַטעווען זיין לעבן דורך אַנטלויפן.

נאָך דעם שלום מיט דייטשלאַנד איז פראַנקרייך ווידער געוואָרן אַ רעפּובליק. דער גרויסער דיכטער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, כדי צו לעבן מיט זיינע אייניקלעך, און צו קעמפן פאַרן אַרבעטנדיקן קלאַס און מיט זיין וואונדערבאַרער שפּראַך צו פאַרשפּרייטן זיינע סאָציאַליסטישע אידעאַלן. אָבער ס'זענען אויפגעשטאַנען נייע באַוועגונגען און דער אַלטער מאַן האָט געמוזט צוהערן די פאַרוואורפן, אַז ער איז טעאַטראַליש באָמבאַסטיש און פרעמד דער ווירקלעכקייט. דאָס שטימט אַביסל אויך

מיטן אמת, ווײַל הוגאָ האָט פּונקט ווי שעלי געהאַט שאַטנזײַטן פון זײַנע מעלות. אין דער מינוט, ווען ס'האָט אים פאַרלאָזט די באַגײַסטערונג, האָט ער פאַרשטאַנען נאָכצומאַכן זי, איז געוואָרן מאַנירט, און איז אַרײַנגעפאַלן אין פּאָזע. לויט מילטאָנס פאָדערונג, צו מאַכן פון דעם אייגענעם לעבן אַ קונסטווערק, האָט הוגאָ אויפגעבויט זײַן פּערזענלעכקייט אַלס אַ פאַרקערפּערונג פון רעוואָלוציאָנערן אידעאַליזם. ער האָט געמאַכט פון זיך אַ לעגענדע, אַ לעבעדיקן דענקמאָל, אַזוי צו זאָגן, אַ ליטעראַרישע קאַטעדראַלע. פון דעם דערהויבענעם ביז צום לעכערלעכן איז נאָר איין טריט, און וויקטאָר הוגאָ האָט דעם טריט אָפטמאָל געמאַכט. די מאַסן האָבן אָבער געוווּסט, אַז דעם תמצית פון זײַן ליבע איז געווען, מקריב צו זײַן זיך פאַר דער פרײַהייט און גערעכטיקייט. דערפאַר האָבן זיי אײַנגעשלאָסן דעם דיכטער אין זייער האַרץ, און זײַן לעבן איז אַזוי באַהאַפטן געווען מיטן לעבן פון פאָלק, אַז וויקטאָר הוגאָ און דאָס רעוואָלוציאָנערע פראַנקרײַך זענען צוויי אויסדריקן פאַרן זעלביקן באַגריף.

3

„עמאַליע און קאַמען"

וואָס וואָלט וויקטאָר הוגאָ געווען אַז זײַן סאָציאַליסטישן געוויסן? וואָס פאַר אַ ווערט וואָלט געהאַט די ראָמאַנטישע באַוועגונג, ווען זי וואָלט זיך נאָר באַגרענעצט מיט דער קונסט? אויף די דאָזיקע פראַגן געפינען מיר אַן ענטפער בײַ טעאָפיל גאָטיע.

מיר זעען אים שוין, ווי ער באַטייליקט זיך צו נײַנצן יאָר אין זײַן שאַרלאַך-רויט זײַדן וועסטל אין קאַמף פאַר „הערנאַני". אין דערזעלבער צײַט האָט ער אָנגעפירט מיט אַ חוזק-טאַנץ פון יונגע קינסטלער אַרום דעם ראַסין-דענקמאָל, און דאַן זעען מיר אים צוויי־און־פערציק יאָר פּסדר געוויסנהאַפט נאָכפאָלגן די שיטה

„קונסט לשם קונסט". ער האָט דערקלערט, אַז פאַר אים עקזיסטירט נישט קיין רעליגיע און נישט קיין פּאָליטיק. פאַר אים עקזיסטירן נישט קיין שום מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע פּראָבלעמען. ער איז פשוט אַ קינסטלער און ווידמעט זיך מיט ליידנשאַפטלעכער איבערגעגעבנקייט צו שאַפן ווערק פון ריינער שיינקייט. זיין פּרעטענציעזן אופן קען מען באַצייכענען לויט דער פאָדערונג, וואָס ער האָט געשטעלט: אַ יונגער קינסטלער מוז אָנשרייבן לפחות פינפציק טויזנט פערזן, כדי איינצואיבן זיך, איידער ער גייט פאַרעפנטלעכן דאָס ערשטע ליד.

וואָס אָבער איז דער אינהאַלט פון זיין קונסט? גאָטיע גלויבט נאָר אין איין זאַך: אין דעם מענטשלעכן קערפּער. ער גלויבט נישט אין אים אַלס אַ ווערקצייג פון גייסט, אַלס וווינאָרט פון דער נשמה, נאָר ווי אַ זאַך פאַר זיך אַליין, וואָס דאַרף ווערן געפּיטערט, אָפּגעהיט, פּערפומירט און אָנגעטון אין סאַמעט און זייד און אויסגענוצט ווערן צו סעקסועלע ענינים. דער לאָזונג קונסט לשם קונסט באַווייזט זיך דאָ אַלס שווינדל. אינדערעמתן דאַרף זי הייסן „קונסט לשם אָרגיע".

צו פיראונצוואָנציק יאָר האָט גאָטיע אָנגעשריבן „מאַדמואַזעל דע מאָפּי", די געשיכטע פון אַ שיינער יונגער דאַמע, וואָס האָט אַרומגעשפּאַצירט אין מענער-קליידער. דאָס האָט אָנגערעגט צו כלערליי געשלעכטלעכע תאוות; פרויען האָבן זיך פאַרליבט אין איר, ווייל זיי האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ מאַן, מענער, ווייל איר אינסטינקט האָט זיי געטריבן דערצו. טייל האָבן אַזוי געשריבן צו פיראונצוואָנציק יאָר, שפּעטער זענען זיי געקומען צום שכל. גאָטיע האָט זיך בעסער נישט אויסגעלערנט. ביז צום סוף פון זיין לאַנג לעבן האָט ער געשריבן ראָמאַנען און נאָוועלן, וואָס זייער זין איז געווען בלויז צו פאַרהערלעכן די אָרגיעס. וואָס גאָטיע האָט צוליב זיין פאַרשוועכערישע ליידיקגייעריי געפאָרמט ראָמאַנטיש און אויפרעגנדיק. אָבער דער חשבון זיינער האָט נישט געשטימט, ווייל די חושים האָבן אויך אַ גרענעץ.

אויב איינעם הונגערט האָט ער חשק צו אַ מיטאָג, אָבער

צען טויזנט מיטאָגן ווירקן שוין אָפּשטויסנדיק. דאָסגלייכן איז מיט דעם קאָיטוס. די מענער און די פרויען פון גאָטיעס אַרגיעס דערמאָנען די מענטשן אין אַ באַלאַגערטער פעסטונג. זיי לעבן אין טויט-שרעק פאַרן שונא, וואָס וועט זיכער איינעמען די פעסטונג. די פראַנצויזן רופן אָן דידאַזיקע זיגרייכע שונאים: לאַנגווייליקייט.

ס'איז קוים כדי צו דערמאַנען, אַז טעאָפיל גאָטיעס קונסט איז פון דעם פוילנדיקן קלאַס. אַזוינע אַרגיעס זענען נאָר מעגלעך אין אַ שקלאַפן-ציוויליזאַציע, ווו די אויסוואורפן האָבן באַרויבט גאַנצע מאַסן, כדי איינצלנע פריווילעגירטע זאָלן פאַרברענגען גאַנצע נעכט אין שכרות און אויסגעלאַסנקייט. אין „מאַדמואַזעל דע מופּי" שילדערט גאָטיע זיין העלד ווי ער לעבט אויסגעלאַסן. מיט דער הילף פון זיינע דינער האָט ער קיין שום זאַך נישט צו טון, ווי צו זיין אויסגעלאַסן, פאַרשידענע פאַרשטעלונגען פון ווונטשן, פרעסן אים, בילדער פון תענוגים, פאַר וועלכע ער דאַרף נישט אַרבעטן. לסוף נעמט זיין חלום אָן די פאָרם פון אַ פרוי און ער שילדערט אויף אַסאַך זייטלעך אירע מעלות. פאַרשטייט זיך, אַז זי געהערט אָן צו די רייכע קלאַסן. „פאַר מיר איז די שיינקייט, אַ בריליאַנט וואָס מוז איינגעפאַסט זיין אין גאָלד. איך קען מיר נישט פאַרשטעלן קיין שיינע פרוי אָן אַ וואָגן, פערד, דינערשאַפט און אַלץ וואָס געהערט אָן צו דער הכנסה פון הונדערט טויזנט אַ יאָר. צווישן שיינקייט און רייכטום הערשט אַן האַרמאָניע, נאַטירלעך מוז דידאָזיקע פרוי זיך אונטערוואַרפן אונטער די פאַרלאַנגען פון איר מאַן. איך באַטראַכט די פרוי, ווי מ'האָט זי באַטראַכט אַמאָל, פאַר אַ שיינע שקלאַפין, באַשאַפן געוואָרן צוליב אונזערע תאוות."

וויקטאָר הוגאָ איז פאַרטריבן געוואָרן פון לואיס נאַפּאָלעאָן. גאָטיע וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום פּאָליטישע איבערצייגונגען" איז פאַרבליבן אין פּאַריז, און אָנגענומען געלטמתנות פון דעם טיראַן. צו פינפאונפערציק יאָר האָט ער פאַרעפנטלעכט דאָס בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיין מייסטערווערק, אַ באַנד לידער, וואָס דער טיטל דערפון האָט

שוין אַלצדינג געזאָגט: „עמיל און קאַמפּען". די קונסט פון דער דיכטונג קען מען דאָ פאַרגלייכן צו דער אַרבעט פון גאָלדשמיד: די ווערטער זענען דאָ געציילטע איידלשטיינער, זאָרגעוודיק און געניי צוזאַמענגעשטעלט. די ווערטער זענען, אומאָפּהענגיק פון זייער באַדייטונג, שיין. דאָס בעסטע לער-בוך פאַר דער מענטשהייט איז דאָס ווערטער-בוך. דיכטונג דאַרף נישט האָבן קיין געפילן און קיין געדאַנקען, און וואָס אומוואַרשיינלעכער און אומווירקלעכער דער אינהאַלט איז, אַלץ גרעסער איז דער טריומף פון דיכטער. דאָס איז נישט קיין קאַריקאַטור פון גאַטיעס לערע. נאָר זיין אייגענע מיינונג וועלכע ער האָט אויסגעדריקט אין זיינס אַ געדיכט. אָבער דאָסדאָזיקע געדיכט האַלט מען נישט פאַר קיין שום פּראָפּאַגאַנדע.

איר וועט איינזען, אַז דידאָזיקע אָנשויאונגען צעפאַלן זיך פון זיך אַליין. טעאָפיל גאַטיע איז אין זיין לעבן געווען אַ פּאַנאַטישער פּרעדיקער, אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער זינלעכקייט און פון מאַטעריאַליזם, דער באַרימטער פריזירער און שניידער, אַ רעקלאַמע-שעף פון טעפּיך-מעבל-און צירונג-הענדלער. ווען ער האָט געשריבן אַ ליד וועגן אַ ראָזע קלייד האָט ער געוואָלט, אַז מ׳זאָל גלויבן, אַז ער איז באמת פאַראינטערעסירט אין דעם ראָזן קלייד, אָבער אַזוי ווייט משוגע איז ער דאָך נישט געווען. דאָס ראָזע קלייד איז נאָר פאַר אים געווען אַ מיטל צו פאַראינטריגירן דעם לעזער. ער האָט געטענהט, ס׳זענען פאַראַן אויף דער וועלט אידיאָטן, וואָס גלויבן אין דער רעליגיע, מאָראַל, צניעות, זעלבסט-באַהערשונג און אידעאַליזם — בלויז זאַכן וואָס לאַנגווייליקן מיך צום טויט. און כּדי אַרויסצווייזן דידאָזיקע נאַראָנים מיין פאַראַכטונג, וועל איך באַווייזן, אַז מ׳קען אָנשרייבן דאָס שענסטע ליד פון דער וועלט וועגן אַ ראָזע קלייד, אָדער וועגן אַ דאַך, אָדער וועגן מיין זייגערל, אָדער וועגן די וואָלקנס רויך, אָדער נאָך מער אומוויכטיקע זאַכן, וואָס קומען מיר גראָד אין קאָפּ אַריין. איך ווידמע מיך פולשטענדיק דערדאָזיקער אויפגאַבע, איך בין אַ מאָראַלישער אַנטימאָראַליסט, איך בין אַ פּראָפּאַגאַנדיסט קעגן דער פּראָפּאַגאַנדע.

וועלכע ענינים גייען אַממייַנסטן אָן עמילן און קאַמעען ? עס זענען געוויס פאַראַן אינזעקטן, שיין, האַרט, שייַנענדיק און וווּנדערלעך געפאַרבט, אַבער אַפּשטויסנדיק גרויזאַם און גיפטיק. צו זיי איז געגליכן די קונסט פון טעאַפיל גאָטיע און זייַנע נאָכפאָלגער, וועלכע האָבן הונדערט יאָר נאָכאַנאַנד פאַרדאַרבן די פראַנצויזישע ליטעראַטור. די אידעע פון דערדאָזיקער ליטעראַטור איז די פולקאָמענהייט פון איר פאָרם. מיר מוזן זיך אָבער קלאָר מאַכן, אַז די פלינקייט צוזאַמענצושטעלן קאָמפּליצירטע מוסטערן פון ווערטער געהערן אינגאַנצן נישט צו די דערגרייכונגען פון מענטשלעכן גייסט. די קונסט־איינפאַלן פון „ריינעם" קינסטלער זענען פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי די קונסט־איינפאַלן פונם אַרטיסט אין אַ וואַריעטע, אָדער פון דעם, וואָס קען האַלטן אויף זיין נאָז דריי ביליאַרד־קוילן

דער קלאַוויר־ווירטואָז, וואָס דערגרייכט זיין רום, ווייל זייַנע פינגער לויפן פלינקער איבער די קלאַווישן, ווי די פינגער פון אַנדערע מענטשן, איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך דעם אויטאָמאַטישן קלאַוויר. אין איינעם אַ טאָג וועט די גאַנצע מענטשהייט רעדן מיט איין שפּראַך און די אַלע עמילס און קאַמעען פון די אַלטע אומנוצלעכע שפּראַכן וועלן פאַרגעסן ווערן. מ׳מוז זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז אויסערלעכע שיינקייט איז דורכאויס פאַרייניקט מיט דער טויטער גרויזאַמקייט פון גייסט אָן נשמה. פון עסטעטישן שטאַנדפּונקט גענומען איז דער טיגער אַ וווּנדערבאַרער נאַטור־פּראָדוקט און איז אַ פּרעכטיקע טעמע פאַרן דיכטער, אָבער ווער פון אונז וואָלט דען געוואָלט האָבן דידאָזיקע גאָלד־געשטרייפטע הערלעכקייט אין זיין גאָרטן ? עס איז פאַראַן אַ גרויסע אַזוי־גערופענע ליטעראַטור, וואָס פאַרמאָגט אַלע מעלות פון פאָרם, גלאַנץ, מעלאָדיע, עלעגאַנץ, קראַפט און ליידנשאַפט, און דידאָזיקע אַלע גוטע מעלות ווערן פאַרנוצט, אויף אַזאַ אופן ווי דער טיגער זיינע ציין און נעגל, כּדי אָנצופאַלן אויף מענטשן און צו פאַרניכטן זייער לעבן. די ליטעראַרישע קריטיק, וואָס העלפט צו צו אַנטוויקלען די־

דאָזיקע איינגשאַפטן, איז פּונקט אַזוי קלוג און באַגלויבט ווי אַ העגדלער, וואָס פאַרקויפט אַ שלאַנג פאַר אַ קעצל.

4

דאָס קינד פון זיין צייט

די העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט איז געווען אַ שווערע צייט פאַר די גרויסהאַרציקע און אידעאַליסטישע דיכטער פון פראַנקרייך. די גרויסע רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן פּונקט אַזוי ווי די רעוואָלוציעס פון 1830 און 1848. גרויזאַמקייט, גייציקייט און קאָרופּציע איז געוואָרן דער שיקזאַל פון דער ציוויליזאַציע. עטלעכע שטאַרקע כאַראַקטערן האָבן זיך נאָך דערהאַלטן ביים גלויבן, שוואַכע דאַגעגן האָבן זיך געלאָזט טרייבן און פאַרטרונקען זייערע דאגות מיט אַלקאָהאָל און זנות.

צו די לעצטע האָט געהערט אַלפרעד דע מוסיע, אַ שיינער און רייצנדיקער בחור, וואָס איז באַשאַנקען געווען מיט אַלע מעלות, מיט דעם מאַגישן פייער פון אַ זשעני. זיין טרויעריקע געשיכטע דערציילט ער אין זיין בוך „די ווידוי פון אַ קינד פון זיין צייט“. די גרעסטע צאָל שטאַרקע און געזונטע מענער זענען אומגעקומען אין דער נאַפּאָלעאָנישער מלחמה און די נייע גענעראַציע האָט אָפּגעשטאַמט פון די שוואַכע. לעבנדיק אָן אַ ציל האָבן זיי געוווסט נאָר פון לוקסוס, אָבער נישט פון קיין פליכטן, נישט געהאַט פאַר זיך קיין צוקונפטס-בילדער און קיין אידעאַלן, וואָס זאָלן זיי באַגייסטערן.

מוסיע איז געבוירן געוואָרן אין 1810. זיינע עלטערן זענען געווען פאַרמעגלעכע און געבילדעטע מענטשן. ער איז געווען וואַך און עמפּינדלעך און צו פרי האָט ער זיך געלאָזט מיטרייסן פון זיין גורל אין דער פּאָעטישער באַוועגונג, וואָס אין דער שפּיץ איז געשטאַנען וויקטאָר הוגאָ. ער האָט אָבער באַלד פאַרלוירן דעם אינטערעס דערצו און זיך איבערגעגעבן

— אַן עלעגאַנטער יונגער באַראָן פון בולוואַר — זיינע ליבעס־פּאַסירונגען און וויציקלעכע חרטות. דעמאָלט האָט אַ דיכטער געקענט באַרימט ווערן איבער גאַנצן לאַנד, ווען ער האָט פאַרגליכן די לבנה איבער אַ קירכן־טורעם, ווי אַ i־פּונקט. פון אָנהויב ביז צום סוף פון זיין לעבן האָט מוסיע נישט געוווּסט פון קיין שום זאַך, ווי אַלקאָהאָל און עראָטיק און די לידער פון די לייט, וואָס האָבן אויך נישט געוווּסט פון קיין אַנדערע.

צו דרייאונצוואָנציק יאָר האָט ער זיך באַקאַנט מיט זשאָרזש זאַנד, וואָס איז אַנטלאָפן פון איר מאַן און געלעבט אַלס פרייע שריפטשטעלערין. זי האָט מיטגענומען דעם יונגן דיכטער קיין איטאַליען, אָבער דער שיינער חלום האָט זיך דאָרטן אויסגעלאָזט מיט אַ מחלוקה. דער אָרימער מוסיע האָט באַקומען אַ געהירן־אָנצינדונג און אומגעקערט זיך אַ היים, און ווי זיין ברודער דערציילט, זיך פאַרשפּאַרט אויף פיר חדשים נאָכאַנאַנד אין אַ צימער און גאָרנישט געטון נאָר געוויינט, אויב ער האָט גראָד נישט געשפּילט אין שאָך. לסוף איז ער ווידער אַרויסגעגאַנגען, און זיך אָפּגעזוכט אַ נייע ליבע. נאָך דעם ווידער נאָך איינע און נאָך איינע, קיין אונטערשיד נישט וועלכע, לויט זיין פילאָזאָפיע, וואָס האָט געפונען איר פּאָעטישן אויסדרוק אין די פערזן: „וואָס איז פאַראַן אין פלעשל, ווען מ׳איז שיכּור?"

דער יונגער דיכטער איז אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד אין דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע. אָבער זיינע פליכטן האָט ער נישט גענומען זייער ערנסט. אַ מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע האָט איינמאָל געזאָגט: מוסיע אַבסענטירט*) צופיל, אויף דעם האָט אַן אַנדערער געענטפערט: מוסיע אַבסינטירט**) צופיל.

צו דרייסיק יאָר איז ער שוין געווען אַ מידער אָפּגעלעבטער מאַן, וואָס אים איז שוין מער נישט פאַרבליבן ווי שטאַרבן. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער שילדערט זשאָרזש זאַנד אין דעם

---

*) איז אָפּוועזנדיק

**) טרינקט, שכּורט

ראָמאַן, „זי און ער" די אינטימע ליבע־געשיכטעס מיט מוסיען. מוסיעס ברודער האָט אָפּגעענטפערט אין אַ בוך „ער און זי". ווי עס ווייזט אויס, האָט אים זשאָרזש זאַנד אָפּגענאַרט בעת זייער צוזאַמענלעבן. דאָך קענען מיר נישט האָבן קיין מיטלייד פאַר דעם אומגליקלעכן קינד פון זיין צייט. זיין ברודער דער־ציילט רייצנד וויאַזוי דער יונגער דיכטער האָט אים אין זיינע גוטע יאָרן אָנגעטרויט ליגנדיק אין בעט זיינע ליבעס־דערפאָלגן. ער האָט פּאַרפירט פרויען, טעכטער און שוועסטער פון אַנדערע מענער און ער האָט זיך בולט נישט פאַרנומען מיט די משוגע־געוואָרענע אָדער מיט די טרערן, וואָס זיי האָבן אפשר פאַר־גאָסן, ווען זיי האָבן גראָד נישט געשפּילט אין שאָך. צוויי פון זיינע שענסטע לידער זענען „די מאַי־נאַכט" און די „דעצעמבער־נאַכט". ביידע שילדערן מיט ווייטיק, ווי דער דיכטער ניכטערט זיך אויס פון זיין ליבע. די וועלט האָט נאַטירלעך געגלויבט, אַז די ביידע לידער האָבן אַ שייכות מיט דער זעלביקער דאַמע, אָבער מוסיעס ברודער האָט אַנטדעקט, אַז דער „מאָטיוו" פון די ביידע לידער איז געווען יעדעס מאָל פון אַן אַנדערער, און אַז חוץ דעם איז צווישן דער מאַי־נאַכט ביז דער דעצעמבער־נאַכט גע־ווען נאָך אַ דריטער „מאָטיוו", אַז ס'זענען געווען נאָך אַסאַך אַנדערע „מאָטיוון", וואָס אַסאַך עלעגאַנטע פּאַריזערינס האָבן גע־טראַכט צו ווערן אין איינער פון די נעכט פון דעם צאַרטן, אפילו שפּורנדיקן דיכטער.

מיר וועלן נאָך באַגעגענען אַסאַך אַנדערע דיכטער אין פראַנקרייך — און לײדער אויך אין ענגלאַנד און אַמעריקע. און תמיד איז דער מוסר־השכל פון זייער לעבן דיזעלביקע: דיכטונג אָן סאָציאַלע וויזיע, אָן מאָראַלישן געפיל איז פאַרן מענטשלעכן גייסט נאָר אַ תליה.

5

ס׳געבעט ביים פאָרטראַט

דער פּאַקט מיט זשאָרזש זאַנד איז אַן אויסערגעוויינלעך גוטער צושטייער צום פּראָבלעם פון דער שייכות צווישן קונסט און מאָראַל. דידאַקטישע שריפטשטעלערין האָט זיך אויסגעלעבט לחלוטין אַן שום צוימען, און דערביי האָט זי נאָך געהאַט דעם פּאַרדינסט, וואָס אירע מעשים האָט זי פּאַרקערפּערט אין אירע מאַנוסקריפּטן. פונדעסטוועגן איז זי געווען אַ קלוגע פרוי, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צו די נייע אידעען פון איר צייט, און איז נישט נאָר געטריבן געוואָרן פון איר ליידנשאַפט נאָך תענוגים, נאָר אויך פון די ליידן און בענקשאַפט פון אירע מיטמענטשן. וועגן דעם אַלעמען דערציילט זי אונז אין אירע ווערק און איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ קולטור־פּאַקטאָר פון איר צייט.

זי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1804 און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַ קלויסטער. צו אַכצן יאָר האָט זי חתונה געהאַט, אָבער דאָס צוזאַמענלעבן איז געווען אַן אומגליקלעכס. זי אַנטלויפט פון איר מאַן, און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טעמע ביי דער באָהעמע. זי גייט אין הויזן, פּריידיקט וועגן דער רעכט פון ליידנשאַפטן, און ציט אַריין אין באַרימטן מאַן נאָכן אַנדערן פאַר ליבהאָבער און פאַרפיקסירט זיי דערנאָך אין אירע ביכער, וואָס זי שרייבט, כדי אויסצוהאַלטן זיך מיט אירע צוויי קינדער. זי איז געווען אַזוי צו זאָגן די באַגרינדערין פון דעם געפיל־פעמיניזם. אַ ליידנשאַפטלעכע קעגנערין פון דער קירכע, איז זי געווען איבערגענומען מיט אַ מין סענטימענטאַלער פרומקייט. שפּעטער באַקערט זי זיך צום סאָציאַליזם, אַרבעט אייפעריק פאַר סאָציאַלע רעפאָרמען און שרייבט אַן אַסאַך ראָמאַנען. זשאָרזש זאַנד איז געווען פון אַ ראָמאַנטישער אָפּשטאַמונג, אָבער אין אירע ווערק האָט זי נישט געמאַכט דערפון קיין געברויך. פון איר פאָטערס זייט האָט זי אָפּגעשטאַמט פון אַ קעניגלעכן

ממזר; די מוטער איז געווען א פרוכטהענדלערין אין באפאלעאנס חילות, „א קינד פון דער אלטער פאריזער ברוק". אזוי ארום האט די דיכטערין פארייניקט אין זיך אריסטאקראטיש און פראלעטאריש בלוט. א גרויסער טייל פון אירע פארשידנארטיקע מעשים זענען געווען צו פארדאנקען איר אומלעגאלן געבורט. עס איז בכן געווען נאר נאטירלעך, וואס זי האט אזוי פארטיידיקט דעם אידעאל פון פרייע ליבע. אבער חוץ דעם, איז זי געווען זייער א חשובע, שווערארבעטנדיקע בירגערלעכע פרוי, וואס האט נישט אויפגעהערט צו פריידיקן מאראל, באצאלט אירע חובות און גענומען א גוטן פרייז פאר אירע מאנוסקריפטן; אלץ אזעלכע אייגנשאפטן, וואס די קונסטוועלט פון איר צייט האט געהאלטן פאר שרעקלעך געשמאקלאז.

אין פראנקרייך זענען געווען אן א שיעור אריסטאקראטישע דאמען, וואס האבן געהאט אסאך ליבהאבער, וואס זענען איבערגעגאנגען פון קעניג צום הערצאג, פון הערצאג צום קארדינאל, אדער אבע; ס'זענען אויך געווען מיידלעך, וואס האבן זיך אויפגעהויבן פון דעם אונטערשטן קלאס און געווארן מעטרעסעס ביי אריסטאקראטן. דא האבן מיר א זעלטענעם פענאמען: א פרוי וואס האט דערגרייכט איר זעלבסטשטענדיקייט, און פארדינט אליין איר געלט, אנשטאט עס צו נעמען ביי אירע געליבטע, דערמיט, וואס זי האט וועגן זיי געשריבן. אירע ביכער האבן ארויסגערופן מוראדיקע סקאנדאלן, זענען אבער אויסגערעכנט געווען אויף א גרויסן ליטערארישן דערפאלג, ווייל זיי האבן געשפרודלט מיט גייסטרייכע איינפאלן, זענען געווען פול מיט רעטאריק און פייער. א חוץ דעם זענען זיי געווען פול מיט אידעען וועגן אלערליי ענינים, ענלעך צו די פרימיטיווע עצות, וואס די פרויען זאגן זיך איינער דער אנדערער אין די ביילאגעס פון די זונטיקדיקע צייטונגען. אן אמעריקאנישן לעזער קען אפשר זיין שווער צו באגרייפן דעמדאזיקן געמיש פון עראטיק מיט פרומקייט אין זשארזש זאנדס ראמאנען. „א, מיין געליבטער אקטאוו", שרייבט א פארהייראטע פרוי צו איר געליבטן, „מיר וועלן נישט פארברענגען צוזאמען א נאכט, אז מיר

זאָלן נישט בײדע אַנידערקניען און תּפֿילה טון פֿאַר זשאַקן״. עס מאַכט אַביסל אַ מאָדנעם אײַנדרוק, װען מיר דערװיסן זיך, אַז זשאַק איז דער אָפּגעגאַרטער מאַן.

זשאָרזש זאַנד האָט דערגרײכט אַ געזונטע עלטער פֿון צװײ און זיבעציק יאָר. זי האָט זיך שפּעטער אײַנגאַנצן צוריקגעצױגן און אַרױס אין דאָרף. איר ליבע־פֿײַער איז אױסגעלאָשן געװאָרן, און זי האָט געשריבן ראָמאַנען פֿון דעם פּױערן־לעבן אין איר געגנט. דידאַקטיק ביכער זענען זײער מענטשלעך און פּשוט און פֿאַרדינען מען זאָל זײ לערנען אין די פֿראַנצױזישע קורסן אױף דעם אוניװערסיטעט. עס איז אינטערעסאַנט זײ צו פֿאַרגלײַכן מיט די עלטערע פּױערן־דערצײלונגען פֿון דער פֿראַנצױזישער ליטעראַטור. די שײנע, יונגע פּאַסטוכער זענען פֿאַרשװוּנדן, פֿאַרשװוּנדן די פּאַסטוכינס אין זײדענע קלײדער און פֿאַנטאָפֿל. צום ערשטן מאָל אַנטדעקט אַ פֿראַנצױזישער קינסטלער, אַז ס׳איז כּדאַי צו גײן צו די פּױערים אױף די פֿעלדער, צוצוקוקן זיך צו זײער לעבן און מאַכן לכּל־הפּחות אַ פּרוּװ זיך צו פֿאַרטיפֿן אין זײערע געפֿילן. דאָסזעלביקע איז פֿאָרגעקומען אין דער מאָלערײַ; אױפֿן אָרט פֿון דעם עלעגאַנטן פֿראַנצױזישן געפֿונען מיר אַ פּױערן־מאָלער, מילעט, װאָס איז אַלײן געװען אַ פּױערנקינד און געמאָלט אַסאַך נאַטור טרײַע־בילדער פֿול מיט פּראָלעטאַרישע עמפּפֿינדונגען. אָט דאָס װײניקסטנס האָט די רעװאָלוציע דערגרײכט.

6

„די הױפּט־גאַס“ אין פֿראַנקרײַך.

מיט אַכצן יאָר צוריק — האָט אָגי געזאָגט — איז אַ הױכער רױטהאָריקער יונגער פֿאַרשױן פֿון מינעסאָטאַ אַרױס פֿון יאַלע־אוניװערסיטעט. ער האָט געהײסן סינקלער לואיס. ער האָט זיך באַװיזן אין אונזער קאָמונע על־עקאָן־האָל און האָט זיך געװאָלט

פֿאַרדינגען פֿאַר אַ קעסל-הייצער. וואָס שייך די הייצונג, האָבן מיר קיינמאָל נישט געקענט זיין זיכער צי זי וועט פֿונקציאָנירן, אָבער מיר האָבן זיך שטענדיק געקענט ריכטן פֿון אונזער פֿייערדיקן הייצער אַן אינטערעסאַנטן וויכּוח וועגן ליטעראַרישע פֿראַגן. איצטער איז דער דאָזיקער יונגערמאַן אויסגעוואַקסן און געגעבן דער אַמעריקאַנישער שפּראַך נייע אויסדרוקסמעגלעכקייטן.

צי מיינסטו „די הויפּט-גאַס“, אָדער „בעביט“? — האָט פֿרוי אַגי אַ פֿרעג געטון.

— „דערמאָן זיך די טעמע פֿון דער „הויפּט-גאַס“. אַ יונג מיידל האָט חתונה מיט אַ דאָקטאָר און לעבט מיט אים אין אַ טרייסטלאָזן קולטורלאָזן דאָרף אין צפֿון-מערב. דער ראָמאַן איז לאַנג, צעגייט זיך אין אַן אַ שיעור פּרטים, מיר דערוויסן זיך אַלץ וועגן דעם קליינעם אָרט און זיינע איינוווינער, וועגן זייער פּוסט, קליינלעך לעבן, וועלכן עס פֿעלט יעדער העכערער צוועק. די יונגע פֿרוי איז איינזאַם און אומצופֿרידן, זי בענקט נאָך שיינע און באַגייסטערטע זאַכן. זי האָט ליב דעם לוקסוס און ס'קומט איר אָן שווער צו זיין שפּאָרזאַם. דאַן טרעפֿט זי זיך מיט אַ פֿיינעם רייצנדיקן יונגנמאַן און נאָך אַ לאַנגן האַרטן געראַנגל מיט איר נשמה, ווערט זי זיין געליבטע. לסוף פֿאַרלאָזט ער זי. אַ צייט לאַנג איז זי פֿאַרצווייפֿלט, שפּעטער אָבער נעמט זי זיך צו אַנדערן געליבטן, אָבער דער פֿאַרלאָזט זי אויך: זי איז קראַנק און פֿאַרשולדיקט און לסוף סמט זי זיך. דער מאַן, דער דאָקטאָר, שטאַרבט פֿון צער...“

— שטיי! רופֿט אויס פֿרוי אַגי. — דו האָסט אוודאי געליינט אַ פֿאַרזעצונג פֿון דער „הויפּט-גאַס“. איך דערמאָן מיך נישט, אַז די זאַכן זאָלן דאָרטן האָבן פֿאָרגעקומען. קאַרל קעניג גלויבט אַז זי וועט ליב האָבן דעם אַנדערן מאַן, אָבער דעם אַנדערן מאַן נאַרט זי נישט אָפּ, זי באַהערשט זיך.

— אַנטשולדיק, דאָס איז ווידער געווען איינער פֿון מיינע שלעכטע וויצן — האָט איר אַגי געענטפֿערט. — איך האָב דיר ישט דערציילט דעם אינהאַלט פֿון דער „הויפּט-גאַס“, נאָר דעם

אינהאַלט פון דעם פראַנצויזישן ראָמאַן „מאַדאַם באָוואַרי" פון
גוסטאַוו פלאָבער. דו זעסט, אַז די טעמע און די פאָרם פון די-
דאַזיקע בײדע ראָמאַנען זענען אויטענטיש. פאַרשידן זענען נאָר
די טעמפעראַמענטן פון די בײדע ראַסעס. דער יונגערמאַן פון
סאַקצענטר און דער יונגערמאַן ראָע רופן זיך בײדע רעאַליסטן.
אײנער אָבער גײט אַרויס פון דעם שטאַנדפונקט, אַז ס'איז מעג-
לעך אײנצוצװינגען די לײדנשאַפט און אַסאַך מאָל אַפילו צו-
שטעלן איר אין אַ נסיון, בעת דער אַנדערער האַלט, אַז די
לײדנשאַפט קען נישט אויסגעראָטן װערן, און װער עס זאָגט, אַז
ער װעט עס קענען איז אַ פּוריטאַנער אָדער, נאָך ערגער,
אַ שװינדלער. דערפאַר זעען מיר בײם סוף פון ראָמאַן, װי
קאַרל קעניג באַמיט זיך נאָך תמיד צו ברענגען אַביסל ליכט
קײן זשאָפר פרײרי, בעת די שטאָט יאָנװיל איז געבליבן די-
זעלביקע װאָס פריער נאָך עמאַ באָװאַריס טויט.

פלאָבער װערט פאַרעכנט בײ אַסאַך מענטשן פאַר דעם
גרעסטן פון אַלע רעאַליסטן. פון זײן טעאָריע פון סטיל האָט ער
געשאַפן אַ רעליגיע. און ער איז געװען פעסט איבערצײגט, אַז
מאַדאַם באָװאַרי איז דער פולקאָמער פּראָדוקט פון דער אָביעק-
טיװער מעטאָדע. ער האָט זיך קאַלטבלוטיק צוגעקוקט צו דער
װירקלעכקײט און נישט געלאָזט באַאײנפלוסן זיך פון קײן שום
פאָראורטײל. איך פאַרבינד אים מיט דער הויפּט-גאַס פון זשאַ-
םער פרײרי אין מינעסעטאַ, כדי צו שאַפן די השערה, אַז מאַדאַם
באָװאַרי איז פונקט אַזוי סוביעקטיװ, װי אַ לירישׁ ליד, װאָס איז
פון ערשטן ביזן לעצטן װאָרט אַן אויסדרוק פון פּערזענלעכער
מיר קענען דרײסט זאָגן, ראַסיקער איבערצײגונג פון שריפט-
שטעלער, װאָס האַלט, אַז דער געזעלשאַפטלעכער אימפּולס באַ-
הערשט פולשטענדיק דאָס לעבן פון מענטשן. דאָס גרויסע
קלאַסישע װערק פון רעאַליזם איז נישט אַנדערש, װי אַ פאַרטײ-
דיקונג פון דערדאָזיקער אַנשויאונג. מיר געפינען דאָ אויפסנײ
די אַלטע גריכישע טראַגעדיע מיט איר לויערנדיקע נקמה-געטין,
נעמעזיס, װאָס איז אין דעם פאַל פאַרביטן מיט די געזעלשאַפט•
דרײזן.

פֿלאָבער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1829. ער איז געווען אַ הויכגעוויקסיקער דאַרער מאַן פֿון דער פּראָווינץ און מיט זיינע אַראָפּגעהאָנגענע וואָנסעס האָט ער אויסגעזען ווי אַ דראַגונער. ער איז געווען אַן עפּילעפּטיקער, היסטעריש און געליטן אויף שווערע אָנפֿאַלן פֿון מרה־שחורה. אַסאַך מאָל האָבן אים די שוועריקייטן אין סטיל פֿאַרשאַפֿט שווערע זאָרגן. טייל־מאָל ווען ער האָט געזוכט עפּעס אַ וואָרט, איז ער אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער. ער דערציילט, אַז איינמאָל האָט ער פֿאַרבראַכט אַכט פֿאַרצווייפֿלטע טעג, אויסצומיידן אַ דיסאָנאַנס. די גרעסטע זינד פֿון זיין לעבן, וואָס ער האָט צוממערסטן באַדויערט איז געווען אַ טייל פֿון אַ זאַץ אין „מאַדאַם באָווארי“. עס קלינגט, ווערטלעך איבערגעזעצט: „אַ קראַנץ פֿון בליטן פֿון אָראַנזש־ביימער“ און די אומפֿאַרצייַלעכע זינד דערפֿון איז געווען דאָס, וואָס דאָרטן איז געשטאַנען צוויי מאָל „פֿון“.

פֿלאָבער זאָל האָבן געווען דער באַגרינדער פֿון אַ פֿאָרמול, וואָס גאָטיע האָט זיין גאַנץ לעבן געהאַלטן: „די פֿאָרם איז די מוטער פֿון דער אידעע“. מיט אַנדערע ווערטער: מען מוז געפֿונען קודם־כל אַ שיינעם אופֿן, אויב מען וויל עפּעס זאָגן, דערנאָך קען מען זיך ערשט באַטראַכטן וו אָ ס צו זאָגן. אַ גרעסערער קונסט־משוגעת קען שוין נישט זיין! מען דאַרף נאָר לייענען „מאַדאַם באָווארי“, כּדי צו זען ווי ווייניק פֿלאָבער האַלט זיך אָן זיין אייגענעם כּלל. ער האָט בשום אופֿן נישט געטראַכט אָנצושרייבן אַ פּראָזע־ווערק אין צוויי טיילן צי ניין און פּופֿצן קאַפּיטלען, נאָר ער איז אויסן געווען די לערע פֿון די פּראָנצויזן, אַז די נעמעזיס, די געטין פֿון נקמה, וווינט אין די גענטיטאַל־דריזן. די געהיימעניש פֿון דערדאָזיקער לערע באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט זי געוואָלט אילוסטרירן דורך כאַראַקטערן, וואָס ער האָט געגוי געקענט און אינסטינקטיוו ליידנשאַפֿטלעך ליב געהאַט. דאָס איז די ווירקלעכע סיבּה פֿון דער גרויסקייט פֿון „מאַדאַם באָוואַרי“: דער פֿאַקט, וואָס איר באַשעפֿער האָט זי ליב געהאַט מיט אַלע אירע פֿעלערן און

שוואַכקייטן און גלויבט, אַז זי לעבט אין יעדן וואָרט אירן און אין איר יעדן אָטעם-צוג.

די באַדייטנדיקסטע אידעע אָבער, וואָס ער האָט אומבאַ-ווּוסט באַקעמפט איז געווען די, אַז מיר אַלע צוזאַמען, סיי גוטע סיי שלעכטע, קלוגע אָדער נאַראָנים, זענען מיר פּאַסאַזשירן אויף דערזעלביקער שיף פון לעבן, געשליידערט פון דעמזעלביקן שטורעם, און מיר דערגרייכן אַלע דעמזעלביקן האַפן פון טויט.

די אמתע גרויסקייט פון אַ רעאַליסטיש ווערק איז נאָר פאַראַן אין דער פּראָפּאַגאַנדע. און אַזוי ווערט שוין ממילא קלאָר, פאַרוואָס אַלע אַנדערע ווערק פון די אומגליקלעכע זשעניעס ווערן אויסגעלאַכט. פלאָבער איז צוריק אַוועק אין דער אַלטער קאַרטאַגאָ. נאָכגעגאַנגען זיינע שטרענגע קונסט-טעאָריעס און אָנגעשריבן אַ ווערק, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַ ניי מייסטערווערק פון רעאַליזם — „סאַלאַמבאָ". ער האָט געשאַפן אַ גאַנצע גאַלעריע קאַרטאַגישע געשטאַלטן, אָבער ער האָט זיי נישט געקענט, נישט ליב געהאַט, נישט דערנענטערט זיי צו אונז, נישט געצווונגען אונז ליב צו האָבן און דאָס אָנגערופענע קונסט-ווערק איז דערפאַר לעבלאָז, ווי אַ קאַבינעט פון וואַקסענע פיגורן. מיר לייענען עס בלויז פון נייגיר, ווייל עס אַנטהאַלט אין זיך אַסאַך היסטאָרישע פּרטים, די בילדער פון אַ ווייטער און גרויזאַמער קולטור, אָבער גאַנץ ווייניק לייענען דאָס בוך ביזן סוף און אַלדינג וואָס מען קען דאָ נישט אויסלערנען, אַזוי גוט ווי אין אַ לערנבוך פאַר געשיכטע, פאַרגעסט מען תיכף.

7

דער מאַטראַצנגרוב

מיר האָבן אָפּגעגעבן אַ לאַנגן באַזוך אין פראַנקרייך. איצ-טער ווען מיר אַריבערגיין דעם רהיין און אַ קוק טון, וואָס ס'קומט פאָר אין דייטשלאַנד; דערביי וועלן מיר זיך דערוויסן,

אז די בייזע קינסטלער, מיט וועלכע מיר וועלן זיך איצטער פארנעמען, זענען אנטלאפן פון דייטשלאנד און א געוויסע צייט פון לעבן אפגעריכט גלות אין פאריז.

היינריך היינע איז געבוירן געווארן אין 1799, אין זעלבן יאר וואס באלזאק. ער איז געווען א ייד, און אויפגעהאדעוועט זיך אין א צייט, ווען די יידן האבן נאך געוווינט אין א שמוציקער געטא, און אויסגעשטאנען אלערליי בזיונות און באליידיקונגען. „די ליידן פון די יידן" האט זיך טיף איינגעקריצט אין דער נשמה פון דעם גרויסן דיכטער, פונקט ווי די חרפה אליין צו זיין א ייד. אין דער פאטריצער-שטאט האט דער דיכטער געהאט א פעטער זייער א רייכן באנקיר, וועלכער האט אריינגענומען צו זיך אין באנק דעם שטארק-באגאבטן 19-יאריקן יונגנמאן, אבער ער האט אים באלד ארויסגעווארפן מיטן אויסרייד, אז ער איז א נאר. צווישן אנדערע נארישקייטן האט זיך דער יונגער בחור פארליבט אין דעם באנקירס טאכטער. א ביסל האט זי זיך געשפילט מיט אים און געטון א שיינעם שידוך מיט אן אנדערן. דער דיכטער האט קיינמאל נישט געקענט פארגעסן זיין אנטוישונג.

כדי פון אים פטור צו ווערן האט אים זיין פעטער געלאזט לערנען. אבער היינע איז נישט געווען קיין גוטער סטודענט און א נאך ערגערער יוריסט. כדי צו קענען פראקטיצירן, האט ער זיך באדארפט שמדן, א זאך, וואס האט אים נישט אזוי שטארק געארט. אבער ס'איז געווען פאר אים ס'גאנצע לעבן א חרפה. אלס וואלטערס אנהענגער האט ער נישט געהאט קיין רעליגיע, געווען ראדיקאל און לסוף געווארן א רעוואלוציאנער. ער איז געווען אן אמתער דיכטער. זיינע פערזן זענען וווּנדערבאר געשריבן מיט אן אומבאשרייבלעכער צארטקייט. ער איז געווען א ליבנדיקער, ארומגעטראגן זיך שטענדיק מיט א צעבראכן הארץ, פארשיכורט זיך אין פארשידענע ליבעס-געלעגנהייטן און באצאלט משמעות פאר זיינע מעשים מיט א מוראדיק הויכן פריז.

דעמאָלט, אין דער צייט פון דער הייליקער אַליאַנס, האָבן אַלע קליינע פירשטן פון דייטשלאַנד באַמיט זיך אָנצוטון קייטן דעם פרייען געדאַנק פון זייערע אונטערטאַנען. היינע האָט געגעבן אַן אויסדרוק זיינע סאַטירישע און סקעפּטישע אידעען אין זיינע פּערזן. ער איז געווען אַ גייסטרייכער ליץ, זיינע ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען איבער גאַנץ דייטשלאַנד און די האָ-הענצאָלער האָבן אַרויסגעוויזן דעם דיכטער דעם כבוד, נישט נאָר דערמיט, וואָס זיי האָבן פאַרבאָטן איינס פון זיינע ביכער, נאָר אַפילו זיינע אַלע ווערק, אַפילו די וואָס ער האָט נאָך נישט געהאַט אָנגעשריבן. אין איינעם פון זיינע לידער פאַרלאַנגט היינע, אַז מען זאָל אים אויף זיין טרומנע לייגן אַ שווערד, ווייל ער איז געווען אַ זעלנער אין דער מלחמה פאַר דער באַפרייונג.

אַז אין פראַנקרייך איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, אין יאָר 1830, האָט עס היינען שטאַרק אויפגערודערט. ער האָט געהאָפט, אַז אין דייטשלאַנד וועט אויך עפּעס געשען, אָבער ער האָט נאָך געדאַרפט זייער לאַנג וואַרטן, כמעט הונדערט יאָר. און צו דער איראָניע פון שיקזאַל, האָבן דריי מיליאָן אַמעריקאַנער אַריבערגעפאָרן דעם אָקעאַן, כדי צו דערשטיקן דעם פּאָלי-טישן קאַמף פון דידאָזיקע דייטש-יידישע רעוואָלוציאָנערן.

היינע האָט שוין לענגער נישט געקענט פאַרבלייבן אין דייטשלאַנד. ער איז אַוועק קיין פּאַריז, ווו די גאַנצע ראָמאַנטישע שול האָט אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. ער האָט געשריבן בריוו, אַרטיקלען און לידער, וואָס האָבן דערגרייכט דייטשלאַנד און אונטערגעשטיצט דעם קאַמף פאַר פרייהייט. ס'איז געווען אַזוי געניאַל און בייסנדיק, אַז אַלע פּרוּוון צו שטערן די פאַרשפּרייטונג פון זיינע ווערק, האָבן געבראַכט די פאַרקערטע רעזולטאַטן. דער גורל האָט דערביי צוגעשפּילט דעם דייטשן יונקערטום: די פּאָפּולערסטע און סענטימענטאַלע לידער, וואָס זיי האָבן געקענט אויסנווייניק און געזונגען ביי יעדער געלעגנהייט, זענען געשריבן געוואָרן דורך אַ פאַרטריבענעם רעוואָלוציאָנער, וואָס איז געטריבן געוואָרן דורך דער גאַס בעת אַ יידן-העצע, דורך יענעם, וואָס האָט אָנגעשריבן דאָס גרויזאַמע

אויפטרייסלענדיקע ליד: „די וועבער", אין וועלכן ס'זענען גע־שילדערט די הונגעריקע שלעזישע וועבער, וואָס וויינען אין כאַטקעס און וועבן אויס אַ דרייפאַכע קללה קעגן גאָט, קעניג און פאָטערלאַנד: „דייטשלאַנד, מיר וועבן דיר תכריכים — מיר וועבן, מיר וועבן!"

היינע איז געווען אַ זעלטענער, קאָמפּליצירטער כאַראַקטער מיט אַסאַך סתירותדיקע אייגנשאַפטן. מ'האָט אים גערופן „דער דייטשער אַריסטאָפאַנעס." אַ מוראַדיקער שיקזאַל איז אים באַ־שערט געווען: אַ פּאַראַליטש אין רוקן — די פאָלגן פון זיינע צופעליקע ליבעס — האָט אים געפרעסן פאַמעלעך און געהאַלטן יאָרן לאַנג „אין אַ מאַטראַצן־לאָך", ווי ער אַליין האָט זיך אויס־געדריקט. צוערשט האָבן אים אויפגעהערט דינען די פיס, דאַן איז ער כמעט בלינד געוואָרן און געליטן אָן אויפהער שרעקלע־כע יסורים. אָבער ביז צו זיין טויט האָט ער דערהאַלטן זיין גרויסן גייסטיקן כוח ער האָט אַלצדינג געזען קלאָר, אַפילו זיין אייגענעם ביטערן גורל.

8

זיגפריד באַקונין

ביז איצט האָב איך ביי מיינע אונטערזוכונגען פון קינסט־לערישן לעבן זיך געמוזט, צי גוט אָדער שלעכט, פאַרלאָזן זיך אויף זיך אַליין, ווייל, ווי ווייט ס'איז מיר באַקאַנט, האָט נאָך קיינער נישט אַנאַליזירט די קונסט פון רעוואָלוציאָנער—עקאָנאָ־מישן שטאַנדפּונקט.

— און טאָלסטאָי? — האָט פּרוי אָגי געפרעגט.

— טאָלסטאָי האָט זי באַהאַנדלט פון אורקריסטלעכן שטאַנדפּונקט. איצטער קומט מיר עמיצער צו הילף. בערנאַרד שאָו האָט שוין אָנגעשריבן אַן עקאָנאָמישע אַרבעט — רי־כאַרד וואַגנער, דאָס קליינע בוך „דער פולקומענער וואַגעריאַנער".

איך קום פאַר ווי אַ קליין יינגל, באַהאַלט זיך פאַר זיינע שונאים אונטער די ברייטע פלייצעס פון זיין עלטערן ברודער.

— וואָלסטו אַלע מאָל אַזוי גערעדט — האָט פרוי אַגי אַ זיפץ געטון — וואָלסטו געהאַט אַ ביסל ווייניקער שונאים.

ריכאַרד וואַגנער איז געווען אַ גוואַלדיקער גייסט, מייסטער פון האַלבן טוץ קונסטן און אפשר דער גרעסטער אויפטרייסלער פון מענטשלעכע געפילן. ער האָט דערפינדן אַ נייע קונסט־פאָרם, די מוזיק־דראַמע, אין וועלכער ס'ווערן צענויפגעשמאָלצן אין איין זאַך די קונסט פון מוזיקער, דיכטער, דראַמאַטורג, אַקטאָר, בינע־מאָלער און אַפילו בינע־שניידער אין דער מוזיק פון דער צוקונפט. אינגאַנצן איז עס אַ גיוואַלדיקער מעכאַניזם, וואָס דערוועקט און דערהויבט די מענטשלעכע געפילן. וואַגנער, וואָס האָט דערפונדן דידאַזיקע קאָנסטרוקציע און געצוווּנגען די וועלט זי צו אָנערקענען האָט געגעבן דער וועלט אַ טיטאַניש ווערק. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1813. ער איז אַלט געווען אַכטאונדרייסיק יאָר, ווען די רעוואָלוציע פון אַכטאונפערציקסטן יאָר האָט אַראָפגעוואָרפן לואיס פיליפּ פון טראָן און אַרויסגערופן רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. דעמאָלט איז וואַגנער געווען קאַפעל־מייסטער אין דער קעניגלעכער אָפּערע אין דרעזדען. דאָס איז געווען אַ שטעלע אויפן גאַנצן לעבן מיט אַ גוטן געהאַלט און אויסהאַלטונג. אַלס יונגער אומבאַקאַנטער זשעני איז ער אין בוידעם־שטיבל כמעט געשטאָרבן פאַר הונגער. ער האָט זיך דאַן באַקאַנט מיטן העסלעכן גראַנגל מיט דער אָרימקייט. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַקטריסע, וואָס האָט אים קיינמאָל נישט געוווּסט, ווי אָפּצושאַצן. אָבער זי האָט געהונגערט צוזאַמען מיט אים און דערנאָך זיך פאַרצווייפלט געקלאַמערט אין איר זיכערער עקזיסטענץ. ער אַליין איז געווען באַקאַנט אין זיין קינסטלערישער אויסגאַבע, ער האָט שוין געהאַט קאָמפּאָנירט דריי גרויסע אָפּערעס און געאַרבעט ביי ווייטערדיקע. ער האָט געהאַט אַלע אַנגעלעגנהייטן צו באַזאָרגן זיין צוקונפט און זיך פאַרפעסטיקן אונטער זיין שיטה: „קונסט פאַר קונסט", אַנשטאָט דעם האָט ער גאָר אַנטייל

גענומען אין אַ רעוואָלוציאָנערער פֿאַרזאַמלונג אין דרעזדען, און אַרויסגעטראָגן אַ פֿאָרשלאָג צום זאַקסישן קעניג, זיין קעניגלעכער האָר און ברויטגעבער, און אויפֿגעפֿאָדערט אים איינצופֿירן אַלגעמיינע וואַל-רעכט, אָפּצושאַפֿן די אַריסטאָקראַטיע און די אַרמיי און צו שאַפֿן אַ רעפּובליק, וואָס דער קעניג זאָל זיין איבער איר פּרעזידענט. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער קעניג האָט נישט געפֿאָלגט די עצה פֿון זיין קאַפּעל-מייסטער. אין אַ יאָר אַרום איז די באַפֿעלקערונג אין דרעזדען אויפֿגעשטאַנען, אויף די גאַסן זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן באַריקאַדן. וואַגנער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די רעוואָלוציאָנערן און מיטגעהאָלפֿן אַקטיוו, צו אָרגאַניזירן זייערע כּוחות צום קאַמף. ווען די פּרייסישע חילות האָבן אַריינמאַרשירט אין שטאָט און דערשטיקט דעם אויפֿשטאַנד, זענען דריי מענער דערקלערט געוואָרן אין אַ קעניגלעכן דעקרעט פֿאַר פּאָליטיש געפֿערלעך און פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. דער ערשטער איז געווען רעקעל, דער צווייטער קאַפּעל-מייסטער פֿון דער אָפּערע, מ׳האָט אים איינגעזעצט אויף צוועלף יאָר אין תּפֿיסה, דער אַנדערער איז געווען מיכאַל באַקונין, דער קינצטיקער באַגרינדער פֿון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג און דער דריטער איז געווען ריכאַרד וואַגנער, דער קעניגלעכער קאַפּעל-מייסטער.

דידאָזיקע צוועלף יאָר דערנאָך האָט וואַגנער געלעבט אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט אין פֿראַנקרייך און אין דער שווייץ. זיין צייט האָט ער פֿאַרבראַכט אין שרייבן פּאָליטישע פּאַמפֿלעטן אום אויסצודריקן זיין רעוואָלוציאָנערע וועלט-אַנשויונג אין זיין גרעסטן קונסטווערק. אָט איז אַ מוסטער פֿון זיינס אַן אויפֿרוף וואָס האָט געהייסן „רעוואָלוציע“, פֿאַרעפֿנטלעכט אין דרעזדענער „פֿאָלקסבלעטער“.

„דעריבער שטייט אויף, איר פֿעלקער אויף דער ערד. שטייט אויף, איר קלאָגנדיקע, אונטערגעדריקטע, אָרימע! שטייט אויף אויך איר, וואָס איר ווילט אומזיסט איינהילן די טרייסטלאָזיקייט פֿון הארצן אין דעם גאַוהדיקן גלאַנץ פֿון מאַכט און רייכטום. שטייט אויף! גייט נאָך אין אַ גרויסער פֿאַרביקער

מאַסע נאָך מיינע טריט, ווייל צווישן די, וואָס גייען נאָך מיר ווייס איך נישט צו מאַכן קיין אונטערשיד. פון איצטער אָן זענען פאַראַן בלויז צוויי פעלקער: איינס וואָס האָרכט מיך, און דאָס צווייטע, וואָס באַקעמפט מיך. דאָס ערשטע פיר איך צום גליק איבערן צווייטן, וועלכעס איך פאַרטיליק אין וועג, ווייל איך בין די רעוואָלוציע. איך בין דאָס אייביק-שאַפנדיקע לעבן, איך בין דער איינציקער גאָט, וואָס דערקען אַלע באַשעפענישן, נעמט אַרום אַלץ, וואָס עקזיסטירט, לעבט אויף און באַגליקט.

דאָס קונסטווערק, אין וועלכן וואַגנער האָט אויסגעדריקט דידאַזיקע רעוואָלוציאָנערע אָנשויונגען, הייסט „דער ניבעלונגען-רינג". ס'באַשטייט פון פיר לאַנגע אָפּערעס, וואָס זייער אינהאַלט שטיצט זיך אויף דער אַלט-גערמאַנישער מיטאָלאָגיע. די ערשטע איז אַ רייצנדיקע מעשה, די לעצטע אַ צאָרנדיקע טראַגעדיע. אָבער פון אָנהויב ביז צום סוף איז דאָס ווערק אַ סטודיע וועגן דער מאַכט פון ווירטשאַפטלעכן לעבן איבערן לעבן פון מענטשן.

בערנאַרד שאָו שטעלט פעסט, אַז פאַר זיגפרידן דעם דראַקאָן-טויטער, דאָס נאַטור-קינד, וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין פּחד, קען מען אָננעמען דעם אַנאַרכיסטן-פריינד באַקונין. וואַגנער האָט פאַרויס געזען אין דעם זיגפריד-מיטאָס נישט נאָר די מפּלה פון קאַפּיטאַליזם, נאָר אויך פון דער רעליגיע. אין דער „געטער-דעמערונג", ווערן דידאָזיקע ביידע צויבערן פאַרניכטעט דורך דער שטאַרקער האַנט און קלאָרן פאַרשטאַנד פון אַ יונגן מענטשן. וואַגנער האָט געשריבן דעם טעקסט צו די פיר אָפּערעס, קורץ נאָך דער דערוזדענער רעוואָלוציע. די דיכטונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ פּריוואָטער דרוק, פיר יאָר נאָך זיין אַנטלויפן. ווען ער איז געווען אין גלות, האָט וואַגנער פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס שיינע בילד פון אַ גרויסן מאַן, וואָס שטייט אויס צרות צוליב זיין אידעאַלן ווילן. ער קאָמפּאָנירט זיין מייסטערווערק אין אָרימקייט און דחקות, ער איז פאַרשולדיקט, אויסגעלאַכט און פאַרשעמט. זיינע ווערק זענען געווען לחלוטין עפּעס נייעס, זיי האָבן געפאָדערט

פולשטענדיק-נייע מעטאָדעס פון אויפפירן. אַזוי אַרום האָט דעת קינסטלער געמוזט אויפנעמען דעם קאַמף קעגן דער טפשות און רשעות מצד די זינגער, קאַפעל-מייסטער און רעזשיסערן מיט די טונקעלע מוחות, וואָס האָבן נישט געקענט אויפנעמען די אַנווייזונגען פון דעמדאָזיקן נייעס, אַפילו דאַן, ווען מ׳האָט שוין מעגלעך געמאַכט אויפצופירן.

אין יאָר 1860 ביי דעם סוף פון זיין גלות האָט לואיס נאַפּאָלעאָן אים געגעבן אַ געלעגנהייט אויפצופירן זיין „טאַנ-הויער" אין פּאַריז. דידאָזיקע אָפּערע, אַ מוזיקאַלישע מוסר-רעדע קעגן דער זינלעכער ליבע, שילדערט די פאַרדאַרבנקייט און די שפּעטערדיקע חרטה פון אַ ריטער, וועלכער לאָזט זיך ארייננאַרן אין די ווענוס-בערג. דידאָזיקע מוזיקאַלישע זונטיק-שול-לעקציע האָט געדאַרפט אויפגעפירט ווערן אין דעם גרויסן אָפּערע-הויז, וואָס זיינע לאָזשעס זענען אָפּגעדונגען געוואָרן דורך מיטגלידער פון זשאָקעי-קלוב, די גאָלדענע יוגנט פון פּאַריז. וואָס פינאַנ-סירן די אָפּערע, כדי צו געבן אַ מעגלעכקייט זייערע מעטרע-סעס אויפצוטרעטן אין דעם באַלעט. דער ענין איז נאָך שווערער געוואָרן צוליב דעם, וואָס די מיטגלידער פון זשאָקעי-קלוב פלעגן קומען אין טעאַטער אריין שפּעט נאָכן אָוונט-ברויט. און אַזוי ווי זיי ווילן זען זייערע געליבטע טאַנצן, איז שוין איינגע-פירט געוואָרן פון קדמונים אַ מנהג צו שטעלן דעם באַלעט אין צווייטן אַקט. אָבער אין וואַגנערס זונטיק-שול-לעקציע איז דער ריטער אַריינגעצויגן געוואָרן אין די ווענוס-בערג באַלד אין ערשטן אַקט און דער קאָמפּאָזיטאָר האָט זיך האַרטנעקיק איינגעשפּאַרט, נישט צו ענדערן די אָפּערע. דערפאַר האָבן די יונגע הערן געשריגן און געליאַרמט בעת דער אויפפירונג, זיי האָבן געפייפט אויף פייפלעך און איבערגעחזרט עס בעת דער פאָרשטעלונג יעדן אָוונט. זיי האָבן זיך אַפילו גענומען די מי צו קומען יעדן זונטיק, כדי וואָס פריער אַראָפּצורייסן וואַגנערס אָפּערע פון רעפּערטואַר.

איך פריי מיך זייער, וואָס איך קען אייך דערציילן, אַז דערדאָזיקער העלד פון דער סאָציאַלער רעוואָ*ציע איז

געבליבן טריי זײַנע איבערצײַגונגען ביזן סוף פֿון זײַן לעבן. אָבער אַך, ער איז שוואַך געוואָרן און זיך פֿולשטענדיק פֿאַרקויפֿט דעם שונא. בערנאַרד שאָו געפֿינט פֿאַר אים אַ פֿאַרענטפֿערונג, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז נאָך דאַן נישט געווען רײַף און די רעוואָלוציאָנערן זענען נאָך דאַן געווען אומפּראַקטישע מענטשן. איך אָבער זאָג, אַז ס'איז געווען וואַגנערס פֿליכט צוצוגרייטן די סאָציאַלע רעוואָלוציע און צו געבן די רעוואָלוציאָנערן אַ בײַשפּיל פֿון מוט און ערלעכקייט. אָנשטאָט דעם האָט ער געהאַלטן, אַז זײַן אייגענער רום איז וויכטיקער, ווי אָפּצוראַטעווען די געזעלשאַפֿט. דער זאַקסישער קעניג האָט אים באַגנעדיקט, ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים און געוואָרן דער קאַפּיטאַן פֿון דער מוזיק-אינדוסטריע, אַ נאַציאָנאַלער און פּאַטריאָטישער העלד.

ער איז אויך געוואָרן דער אינטימער פֿרײַנד און דאָס קעסט-קינד פֿון בײַערישן קעניג און אים אָנגעשריבן אַ פֿאַרטרײַלעכע ווידוי „פֿון מלוכה און רעליגיע", אין וועלכער ער דערקלערט, אַז פֿריער איז ער טאַקע געווען אַ סאָציאַליסט, איצט אָבער האָט ער אײַנגעזען, אַז די מאַסן זענען טעמפּ און געמיין און אומפּעאיק צו גרעסערע קרבנות. די אויפֿגאַבן, וואָס זיי פֿאַרשטייען נישט, מוז מען זיי אָנוואַרפֿן מיט געוואַלט. מען מוז זיי אָפּנאַרן און דערצו איז נויטיק די אילוזיע. די ערשטע מאַסן-אילוזיע איז דער פּאַטריאָטיזם, די מאַסן מוזן זיך לערנען דרך-ארץ צו האָבן פֿאַר זייערע הערשער; די צווייטע איז די רעליגיע, מען מוז די מאַסן אײַנוויגן אין דעם גלויבן, אַז זיי דערפֿילן גאָטס ווילן. די שווערקייט פֿון דער רעגירונג באַשטייט אין דעם פֿאַקט, וואָס די הערשנדיקע קלאַסן פֿאַרשטייען דעם אמת און קענען נישט גלויבן אין דער מלוכה און אין גאָט. פֿאַר דידאָזיקע קלאַסן איז נויטיק די העכערע אילוזיעס פֿון דער וואַגנערישער קונסט. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער קעניג לודוויק האָט גוט באַצאָלט פֿאַר דערדאָזיקער עצה. וואַגנערס געהאַלט האָט שוין געקלעקט אויף פֿאַרשידענע אויסגאַבן. איך דערמאָן אײנע פֿון זיי: דרײַ טויזנט גילדן פֿאַר דרײַ

הונדערט מעטער זייד אין דרייצן פֿאַרשידענע קאָלירן!

וואַגנער האָט דאָס גאַנצע לעבן געבענקט נאָך לוקסוס. נישט נאָר זייד און סאַמעט, נאָר אויך כבוד און רום. ווען וועלכן ער האָט משוגע געחלומט, נאָר אויך כבוד און רום. קעניגן און קייזערין האָבן בייגעוווינט די פּרעמיערעס פֿון זיינע פּרעמיערעס. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די דייטשיש-פֿראַנצויזישע מלחמה האָט אונזער „זיגפֿריד-באַקונין" געגאָסן מיליטערישן רום און פֿאַרפֿאַסט אַ קייזערלעכן מאַרש. ער האָט זיך נישט געשעמט צו פֿאַרפֿאַסן אַ ליברעטאָ, אין וועלכע ער לאַכט אויס אַלע טאַלאַנטן פֿון פֿראַנקרייך און שוינט אַפֿילו נישט וויקטאָר הוגאָ. נאָכדעם וואָס ער האָט געלייענט שאָפּענהויערן, האָט ער אַנטדעקט, אַז ער אַליין איז אויך אַ פּעסימיסט און אַז ער וויל דעמדאָזיקן אופֿן געבן אַ נייע באַדייטונג דעם רעוואָלוציאָנערן ניבעלונגען-רינג. ער קאָמפּאָנירט אַ געמיש פֿון קריסטלעכן מיסטיציזם און בודיסטישן פֿאַטאַליזם „פּאַרסיפֿאַל", וואָס ברענגט אים איין אַ גרויס פֿאַרמעגן אויסצוהאַלטן דאָס טעאַטער אין ביירויט.

וואַגנער האָט דערגרייכט אַ הויכע עלטער. ער איז געשטאָרבן אין כבוד און איבערגעלאָזט אַ זון, וואָס האָט געהייסן דעם פּאָעטישן נאָמען זיגפֿריד און-הגם ער אַליין איז געווען טאַלאַנטלאָז, — האָט ער זיך באַנוצט מיטן פֿאָטערס רום און געלעבט פֿאַרן געלט פֿון די מוזיק-גלויביקע ביירויטער עולי-רגלניקעס. פֿון אַלע טראַגעדיעס, וואָס ריכאַרד וואַגנער האָט אָנגעשריבן, איז קיינע פֿון זיי נישט אַזוי ביטער און טראַגיש, ווי די אַנטוויקלונג פֿון דעם יונגן זיגפֿריד, וואָס האָט אוועקגעשאָנקען זיין טאַטנס רום פֿאַרן ווייסן טעראָר אין דייטשלאַנד און איז איינער פֿון די הויפּט-זיילן פֿון די אַנטיסעמיטישע האַקנקרייצלער, די מערדער פֿון די קאָמוניסטן.

9

די עוואַנגעליע פֿון שווייגן

אַגי שפּרייזט אַרום הין און צוריק איבער דער הייל און בּרומט אויף אַלעמען, וואָס עה טרעפט אין וועג. פרוי אַגי, וואָס פאַרשטייט זיך אויף דעמדאָזיקן סימן, טוט אַ פרעג:

— וואָס איז מיט דיר געשען?

— איך דאַרף איצט שרייבן אַן אומאינטערעסאַנט קאַפּיטל.

— פאַרוואָס לאָזטו עס נישט דורך?

— דאָס קען איך נישט, ווייל עס האַנדלט זיך אין אַן אינטערעסאַנטן מענטשן.

און ווען פרוי אַגי קען עס נישט פאַרשטיין, באַקלאָגט ער זיך ווייטער:

— וואָלט איך כאָטש דאָס בּוך געשריבן מיט פינפאון-צוואַנציק יאָר צוריק, דאַן ווען כ'האָב געטראַכט, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין שענער ווערק ווי „סאַרטאָ רעסאַרטוס"... דאַן אָבער האָב איך געלייענט ווייטער און זיך שטאַרק איבערגענומען מיט קאַרליילן. איך האָב געלייענט כמעט זיין גאַנצן עוואַנגעליום פון שווייגן אין פערציק בענדער און איצט שטעל איך מיר אַליין די פראַגע: וואָס האָב איך פון זיי געלערנט? פאַרשטייט זיך, עטלעכע בּיאָגראַפישע און היסטאָרישע פאַקטן, אָבער צי גיט מיר דאָסדאָזיקע וועחק איינאונאיינציקן ווערטפולן געדאַנק, איינאונ-איינציקע קלוגע אָנשוווּנג אויפן לעבן?

— זאָג מיר, וואָס דו מיינסט — האָט פרוי אַגי געזאָגט.

— איך מיין, אַז דער מענטשלעכער מין איז אָפּגעשיידט פון דער צוקונפט דורך אַן אייזערנער טיר, מיר דאַרפן האָבן דאָסדאָזיקע שטיק-פייער פון דעם גליענדיקן גייסט און פון די געהירן פון אינזשיניער, וואָס זאָגט אונז „הויבט אָן אויף דעם אָרט, צעשמעלצט די שלעסער". טייל פון די פלאַמענדיקע גייס-טער האָבן זיך אַליין דערשראָקן פאַר דער גרויסקייט פון זייע-רע אויפגאָבן, אַנטלאָפן און זיך אָנגעשיכורט. אַנדערע זענען

געפאַלן אויף די קני און געבעטן און אַנדערע האָבן אונז פאַרבאָטן צוצורירן זיך צו דער טיר, ווייל זי איז באַשאַפן געוואָרן פון גאָט. אַנדערע ווידער האָבן געשריבן ווונדערלעכע פערזן, אין וועלכע מען קען לייענען, אַז דער מענטש איז געבוירן געוואָרן צו אומגליק, און וועלכע לערנען אונז די גרויסע קונסט שטאָלץ איבערצוטראָגן די נויט. אַנדערע ווידער קלאַפּן מחמת ברענענדיקע שנאה מיטן קאָפּ אין דער אייזערנער טיר; דאָס איז, דאַכט זיך מיר, אויך געווען דער פאַל מיט טאָמאַס קאַרלייל, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געליטן פון די באַקומענע באַלן אין קאָפּ.

ער איז געווען אַ זון פון אַ שאָטלענדישן טישלער, געליטן פון אָרעמקייט און אָפּגעלאָזנקייט און ביזן טויט געליטן פון אַ קראַנקן מאָגן. עה האָט געוויינט מיט טרערן, פאַרוואָס עמערסאָן זאָל עסן קוכן און זיך פילן גוט, בעת ער דאַרף לעבן אויפן שלעכטן האָבער-גריץ און נאָך ליידן צרות דערפון. קאַרלייל איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך אויפגערייצטער און שווערער מענטש. דאָס זעט מען אַרויס פון דער גרויסער צאָל בריוו פון אים און זיין פרוי צו זייערע פריינד, פאַר וועלכע זיי שילדערן זייערע שטויביקע צרות. זיי זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַסאַך בענדער, אַז מיר קענען זיך מאַכן אַ גענוי בילד פון זיי און אָננעמען אַ שטעלונג.

קאַרלייל האָט זיך געשאַפן זיין אייגענעם סטיל. ער איז געווען אַ פאַרווײלונגס-שריפטשטעלער, איבערזעצער און ביאָגראַף. ער האָט געפירט אַ שווער לעבן אין אַ דאָרפיש הייזל צוזאַמען מיט זיין פרוי. צו פינפאונדדרייסיק יאָר האָט ער אָנגעשריבן „סאַרטאָ רעסאַרטוס״. דאָסדאָזיקע ווערק האָט אַ שטויס געטון די פילאָזאָפיע פון אַן איינגעבילדעטן דייטשן פּראָפעסאָר מיטן נאָמען „טייפלסדרעק״. דער פּראָפעסאָר האָט אַנטדעקט, אַז אַלץ איז בלויז אָפּהענגיק אין די מלבושים, פון דער אויסערלעכקייט פון דער זאַך, פון דער צביעות, פון דער טראַדיציע. עס ווירקט קאָמיש, ווען מען שטעלט זיך פאַר אונזערע מלוכה-מענער, דיפּלאָמאַטן, די אָנגעהעריקע צו דער בעסערער געזעלשאַפט,

נישט נאָר אויסגעטון פון זייערע אָרדנס, נאָר אויך פון זייערע קליידער. גאַנץ ווייניק פון זיי וועלן מאַכן אין דעמדאָזיקן צו-שטאַנד אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק. דאָסזעלבע איז אויך גילטיק בנוגע דער ציוויליזאַציע מיט אירע רעליגיעס, אירע מאָראַל-באַגריפן און איר גוטן צושטאַנד. דאָסדאָזיקע פאַרשייטע בוך האָט אין דעם גוט-געקליידטן מאַנירלעכן ענגלאַנד נישט געהאַט קיין שום דערפאָלג, ביז עמערסאָן און נאָך עטלעכע מענטשן, וואָס זענען געווען ווייט אין באָסטאָן, האָבן אויפמערקזאַם גע-מאַכט די קולטיווירטע ענגלענדער, אַז צווישן זיי לעבט אַ נייער נביא.

די לערע פון סאַרט רעסאַרטוס איז פולקאָם נעגאַטיוו. אויף דער פראַגע, וואָס קאַרלייל האָט אַרויסגעטראָגן עפּעס קאָנסטרוקטיוועס פאַר דער אויסבעסערונג פון אונזער אָפּשײַלעכן סאָציאַלן סיסטעם, מוז איך ענטפערן: ס'איז אַן אומזין! ער האָט געזען דאָס אומגליק און געשאָלטן עס. געשאָלטן אָבער אויך אזוי יענע כוחות, וואָס האָבן געוואָלט באַזייטיקן דאָס אומגליק. קאַרלייל האָט פאַראַכטעט די מאַסן, פון וועלכע ער האָט אָפּגע-שטאַמט. ער האָט פאַראַכטעט די דעמאָקראַטיע.

זיינע אידעען פון פאַרבעסערן די וועלט געפינען מיר אין דעם ווערק: „העלדן און העלדן-פאַרערונג". מיר דאַרפן נאָר געפינען דעם גרויסן מאַן און דאַן — דאַרפן מיר אים גע-האָרכזאַם זיין. „די געהאָרכזאַמקייט איז די ערשטע פליכט פון מענטשן", דאָס הייסט, פון יענע מענטשן, פון אַ גאַנץ יאָר, ווי למשל מיר, דו און איך. אַ נאַציע, וואָס איז נישט באַהערשט געוואָרן פון די אַזויגערופענע טיראַנען, איז קיינמאָל ווייט נישט. געגאַנגען.

אונזער גרויסער טיראַן טרייבט אונז אַלע צו דער אַרבעט, צווינגט אונז צו בויען הייזער און צו באַאַרבעטן די פעלדער. ער פאַרטראַגט אָבער נישט קיין מאַשינען מיט קיין אייזנ-באַנען, ווייל זיי דריקן אויס די אינדוסטריאַליזירונג, וואָס איז די פאַרזעעניש פון עגל-הזהב. צוליב דעם, וואָס די מאַשינען פאַרלייכטערן אונז די אַרבעט, געפינען מיר צייט צו

טראַכטן און דאָס איז געפערלעך. דערפאַר פרעדיקט ער: אַרבעטן, וואָס מער אַרבעטן. די אַרבעט איז די איינציקע רעטונג פון טייוולס הענט. איר זעט, ווי לייכט מען קען נאָכמאַכן דעם סטיל פון דער עוואַנגעליע פון שווייגן?

אָבער איצט, ווען מיר האָבן אויפגעבויט הייזער, וואָס זאָלן מיר טון מיט זיי? כדי זיך צו ראַטעווען פון דעם מיאוסן פוילקייט־שטן מוזן מיר דידאַקטיק הייזער צעשיסן מיט האַרמאַטן. איך מיין נישט צו זאָגן דערמיט, אַז קאַרלייל האָט תמיד גע־פריידיקט מלחמה. אָבער דאָך האָט ער פאַרהערלעכט בלויז יענע רעגירונגס־סיסטעם, וואָס האָט עקשנותדיק געפירט צו מלחמות. ווען ער איז אַלט געווען אַכטאונפערציק יאָר, נאָכ־דעם, וואָס ער האָט שוין דורכגעשטודירט די גאַנצע וועלט־געשיכטע, האָט אונז דער שטאָטישער העלדן־פאַרערער אויסגע־קליבן זיך דעם גרעסטן העלד פון אַלע העלדן און געשריבן וועגן אים אַ ביאָגראַפיע אין זעקס בענדער. און ווער, מיינט איר, איז דערדאָזיקער העלד? פרידריך פון פרייסן, וואָס האָט צוגערויבט שלעזיען ביי זיין אייגענער קוזינע, צוגענומען פוילן און צעטיילט; — דזשאָנעטן ווילד דער גרויסער, דער באַגרינ־דער פון האָענצאָלער־העראָיזם, דער אור־אור פאָטער פון דער וועלט־מלחמה.

איך האָב ערלעך דורכגעלייענט די זעקס בענדער, שטו־דירט ערלעך די לאַנד־קאַרטעס, אויף וועלכע עס זענען אָנגעצייכנט געווען די מאַרשן פון די קעניגן. דערביי האָב איך זיך אויס־געלערנט אַן אויסערגעוויינלעך פיינע שפיל: מען רוקט אַהין און אַהער שוואַרצע און ווייסע פינטעלעך, וואָס שטעלן פאָר פּולקן, באַטאַליאָנען און אַנדערע מיליטערישע פאָרמאַציעס. (דערביי איז ווערט צו באַמערקן: אין דער אמתן זענען עס מענטשלעכע לעבנס) די ווייסע זענען די אייגענע, די שוואַרצע זענען די שונאים, מען שיסט זיי, זיי ווערן צעטרעטן דורך דער קאַוואַלעריע, צעריסן פון שווערדן. אויף דעם פּאַפּיר איז לחלוטין נישט געפערלעך אונטערצוגעמען דידאָזיקע שפיל, וואָס מען קען עס דערנאָך אַריינוואַרפן אין קאַרב און נישט זען פאַר זיך

קיין צענער טויזנטער פאַרוווּנדעטע, טויטע מענטשן און פערד.

באמת, אַ קלאָגנדיקער סוף פאַר אַ נביא און פריידיקער, וואָס האָט געוואָלט באַנייען די מענטשהייט. פון דעם אַלעמען בלייבט אונז נאָר איבער אַן אָרימער צעטומלטער, עלטערער זקן מיט אַ קראַנקן מאָגן, מרה-שחורהדיק, הילפסלאָז, אומדערטרעגלעך, וואָס האָט געשטרעבט צו אַ באַשטימטן ציל און אונטערגעשטיצט פונקט דאָס פאַרקערטע.

— פאַרוואָס, אָבער, האַלט מען אַזאַ מענטשן פאַר גרויס? האָט פרוי אַגי געפרעגט.

איך אַליין זוך אויך אַן ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע. אפשר דערפאַר, וואָס ער איזגעווען געצווונגען אָנשטענדיק, און איז געווען אומגליקלעך אין אונזער מאָדערנער וועלט. ער האָט זיך נישט באַרוישט פון די לבנה-שיין-פאַנטאַזיעס, נישט געטרייסט זיך מיט דער האָפנונג, אַז גאָט וועט שוין טון אַלץ, וואָס איז די אויפגאַבע פון מענטשן. ער האָט זיך נישט איינגערעדט, אַז די רעוואָלוציע וועט עס שוין טון, אָדער די צייט אָדער דער גלויבן. ער האָט נישט געפלוידערט קיין אומזיניקייטן וועגן דער גרויסער געטלעכער געשעעניש, וואָס די שאַפונג קומט איר אומבאַוווסטזיניק אַנטקעגן. ער האָט נישט געחלומט קיין חלומות און געהאַלטן זיי פאַרווירקלעכקייט. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געהאַלטן פאַר אומשטערבלעך. ער האָט נישט דערקלערט, אַז די ליבע וועט זיגן און אַז ער גלויבט אין דער מאַכט פון דער צייט, ער...

— מיר דאַכט זיך, אַז דו קריכסט אַראָפּ פון וועג — זאָגט פרוי אַגי.

— יאָ. מיר קומען צו צו אַ ניי קאַפּיטל, צום וויג-ליד קרוין-דיכטער, אָדער צום הוסט - זאַלב פון דער קעניגין וויקטאָריע.

10

דער וויג = ליד = קרוין = דיכטער.

די געשיכטע פון מיין אייגענער אנטוויקלונג איז די גע־שיכטע פון אַלפרעד טעניסאָן רויץ פון די לעצטע דרייסיק אָדער פערציק יאָר. דערפאַר איז מיר צום לייכטסטן צו שרייבן וועגן טעניסאָן, ווייל איך דערציייל וועגן מיין באַציונג צו אים. איך בין אַ קולטורעלער פּראָדוקט פון טעניסאָן. איך געדענק מיך נאָך פון יענער צייט, ווען איך האָב נישט געקענט אויסלערנען זיך אויף אויסנווייניק זיינע פערזן: „ליבע מוטער, וועק מיך פרי” און „וואָס זאָגט דאָס פויגעלע”? ווען איך האָב דאָס ער־שטע מאָל פאַרגענומען צו ווערן עפּעס, איז נאָר געוועזן סיר געלערד. איך בין גלויביק געגאַנגען אין קירכע, וואָס האָט זיך אונטערגעשיידט פון דער קירך פון אַלפרעד טעניסאָן נאָר דערמיט, וואָס דאָרטן האָט מען אָפּגעריכט אַ תפילה פאַרן פּרע־זידענט פון די פאַריייניקטע שטאַטן אַנשטאָט פאַרן קעניג. איך בין מסופק, צי מיר איז געקומען דעמאָלט אויפן געדאַנק, אַז טעניסאָן קען האַלטן פאַר אַן אומרעכט, וואָס איך, אַ פופצנ־יעריק יונגל האָב שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז דאָס קריסטנ־טום איז אַזאַ מיטאָלאָגיע פּונקט ווי אַנדערע.

עטלעכע יאָר האָב איך מיך געראַנגלט מיט דעמדאָזיקן געדאַנק, און טעניסאָנס „אין מעמאָריען”, וואָס איז מיר רעקאָ־מענדירט געוואָרן דורך אַ גייסטלעכן, האָט געשפּייזט מיין צווייפל אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, ווייל דאָס ווערק האָט נישט באַוויזן מיט קיין שום ראיות, אַז דער באַשאַפער פון דער גאַנצער בריאה וואָס האָט מיר געשענקט דאָס לעבן, איז איצטער פאַרפליכטעט מיר צו געבן אַ צווייטן לעבן. דערמיט בין איך אָפּגעפאַרטיקט געוואָרן מיט טעניסאָנען, ווייל זיין דיכ־טונג באַשטייט, וואָס שייך דער רעליגיע, נאָר פון דעם געשריי, אַז עס מוז זיין אַן אומשטערבלעכקייט.

אויך אויפן פּאָליטישן אוןווירטשאַפטלעכן געביט האָב

איך איבערגעלעבט אזא ענלעכע אנטוישונג פון מיין אמאליקער גאט-פארשטעלונג. ס׳האט אויסגעזען ווי זי וואלט געפאלן א קרבן פון ענדערונגען אין דער ציוויליזאציע אום צו פארהער־לעכן איר גאנצע צביעות.

אפילו די שיינקייט פון זיין שפראך האט מיך אנגעהויבן צו דענערווירן. זי דינט דאך נישט מער ווי פאר א דעקאראציע פון צווייטראנגיקע געדאנקען. איך בין ווייט אוועק, ווי בכלל אין דער יוגנט, וויל טעניסאן איז אין דער אמתן א גרויסער דיכטער און גרויסמוטיקער מענטש.

מען דארף נישט פארגעסן, אז ער איז געווען דער זון פון אן אנגליקאנישן גייסטלעכן. ער איז דערצויגן געווארן אין אן אכסניה און געשריבן זונטיק-לידער. ער איז געווען דער עלטסטער ברודער פון אסאך שוועסטער און שפעטער אנגענומען די האלטונג פון אן עלטערן ברודער פון דער מענטשהייט. ער איז געווען גרויס און שיין, זיין בליק טונקל און ראמאנטיש. ער האט געהאט לאנגע שווארצע לאקן, געטראגן א שפאנישן מאנטל און גערויכערט א פאעטישע ליולקע. ער האט זייער שיין אויסגעזען. די וואס האבן אים באגעגנט האבן דערפילט צו אים א באוווונדערונג און א יראת הכבוד.

קולטור איז פאר זיין פאמיליע געווען א נאטירלעכע זאך. ווען ער איז אלט געווען צוועלף יאר האט ער שוין געהאט אנגעשריבן פינף טויזנט אכט-זילביקע פערזן-שורות. זיין ערשט ליד איז פארעפנטלעכט געווארן, ווען ער איז נאך געווען זייער יונג, אבער איינער אדער צוויי קריטיקער האבן זיך איבער זיי לוסטיק געמאכט און טעניסאן האט זיך געפילט געטראפן און געווארט ניין יאר ביז ער האט פארעפנטלעכט דאס נאענטסטע ווערק זיינס.

די פאעמע „אליסעס“ האט דעם דרייאונדרייסיק יאריקן מאן געבראכט רום און דערפאלג, מיט צוויי יאר שפעטער א פענסיע פון דער טארי-רעגירונג. נאך צוויי יאר שפעטער האט ער אנגעשריבן די „פרינצעסין“, א דראמאטיש ווערק, וואס מאכט חוזק פון דער פרויס העכערער בילדונג. דאסדאזיקע ווערק

איז אַזוי שטאַרק געפֿעלן געוואָרן די אומגעפֿילדעטע וויקטאָריאַנישע דאַמען, אַז ס'האָט אויסגעהאַלטן פֿינף אויפֿלאַגעס. אין יאָר 1850, צו פֿינפֿאונפֿערציק יאָר איז טעניסאָן אָנגערופֿן געוואָרן קרוין־דיכטער און צו פֿיראונזיבעציק יאָר איז ער דערהויבן געוואָרן צו דער אַריסטאָקראַטיע. אַזאַ כבוד האָט מען נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין שום אַנדער ענגלישן דיכטער. דאָס באַהאַלט מען פֿאַר די מאַסן־קצבים פֿון חיות און מענטשן, פֿאַר די בירברויער און וויסקי־ברענער, פֿאַר די בריליאַנטן־הענדלער און די פֿאַרלעגער פֿון קאַפּיטאַליסטישן סם.

אַלס וואָרט־קינסטלער קען מען בלויז זאָגן וועגן לאָרד אַלפֿרעד טעניסאָן: ער האָט אויסגעהאַלטן זיינע „צען טאַלענטן" און זיך באַנוצט מיט זיי. ווו ער איז געגאַנגען האָט ער תּמיד געהאַלטן אין נאָטירן געלונגענע רעד־ווענדונגען, שיינע זאַצן, פּאָעטישע איינדרוקן. קיינער האָט נישט אָוועקגעגעבן אַזויפֿיל צייט צו קאָרעגירן און פֿיילן זיינע ווערק, ווי ער און קיינער האָט זיך נישט געקענט אַזוי שיין אויסדריקן ווי ער.

ער האָט אויך שטענדיק געפֿונען אידעען, וואָס ער האָט אויסגענוצט אין זיינע פּאָעמען. צום באַדויערן אָבער איז אים אָנגעקומען זייער שווער צו דענקען סיסטעמאַטיש. דערפֿאַר זענען אין זיינע ווערק פֿאַראַן אַזויפֿיל סתּירות ווי אין דער ביבל. ער האָט געפֿילט אַ שטאַרקן ווידערווילן אַרויסצוזיען אומאָנגענעמע ספֿק־הפֿלען. און קוים האָבן אים די געדאַנקען געפֿירט אין אַזאַ ריכטונג, האָט ער זיך פֿאַרלוירן אין אַ נעפּל פֿון אָנגענעמע ווערטער. איך קען נישט נאָך אַ דיכטער, וואָס זיינע ביכער זאָלן פֿאַרמאָגן אַזויפֿיל באַנאַליטעט און ביליקן אָפּטימיזם. נישט אומזיסט איז ער געוואָרן דער ליבלינג פֿון זיין צייט.

ענגלאַנד האָט באַזיגט נאַפּאָלעאָנען און זיך באַפֿעסטיקט אין וועלט־האַנדל. אויפֿן קאָנטינענט איז פֿאָרגעקומען רעוואָלוציעס; אין ענגלאַנד אָבער זענען קוים געווען אַ פּאָר אומרויִקע עלעמענטן, וואָס מ'האָט רויִק געקענט איבערלאָזן פֿאַר דער פּאָליציי. די אינזלען אין נעפּל זענען געווען אַ זיכערער מקום מקלט פֿאַר די סוחרים און גוטבאַזיצער, וואָס האָבן געוואָלט

אַלטן ביי זיך אַן אָרדענונג. אין דער דערדאָזיקער בעסטער וועלט פון אַלע וועלטן איז אַלצדינג געווען אין דער בעסטער אָרדע-נונג, און די אויפגאַבע פון דיכטער איז באַשטאַנען אין דעם, ער זאָל עס געבן צו וויסן דעם עולם אין אַזעלכע שיינע ווער-טער, ער זאָל עס אָננעמען ווי אַ בשורה.

אין זיינע יונגע יאָרן האָט טעניסאָן געהאַט ליבעראַלע נייגונגען. אָבער די טשאַרטעריסטן-באַוועגונג האָט אים אָפּגע-שראָקן און אים געטריבן אין די אָרעמס פון דער רעאַקציע, וואָס האָט אים שוין מער נישט אָפּגעלאָזט. „שריי הויך, ענגלאַנד!" זינגט דער כאָר אין איינעם פון זיינע פּאָעמעס; אַז דער גע-שריי איז מסוגל צו פאַרטומלען די געדאַנקען איז באַקאַנט יעדן פּסיכאָלאָג.

„צום שווערד און צום געווער!
לאָזט אָפּ דאָך די רעפאָרמען איצט
טרעט אַרויס און נעמט דעם פיינט אייפן צימבל"

האָט געדרופן אַן אַנדער ליד, פאַרעפנטלעכט אין דער „טיימס".

אויפרופן פון אַזאַ מין זענען ביי דער „טיימס" זייער אָנ-געלייגט; די תילות איילן צום געווער, די יונגע אַריסטאָקראַטן פירן זיי צו דער שחיטה און דער צימבל-דיכטער הויבט ווידער אָן צו פאַרהערלעכן די העסלעכע בריטישע טפשות. דאָס ליד „דער אָנגריף פון דער לייכטער בריגאַדע" איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז מ'האָט עס געדרוקט אויף פּאָסט-קאַרטן. יעדער שול-יונגל לערנט נאָך אויף היינטיקן טאָג די פליכט פון דעם נידעריקן קלאַס אונטער דער הערשאַפט פון די טאַריסטן:

„איר דאַרפט קיין זאַך נישט זאָגן
איר דאַרפט קיין זאַך נישט פרעגן,
בלויז דאָס לעבן איינצושטעלן".

דאַמאָלס איז דער פאַבריק-סיסטעם שוין געווען אין דער פולער בלי-צייט. צען-און צוועלף-יעריקע קינדער האָבן נאַכט נאָך נאַכט געהאָרעוועט אין די שפינערייען אָדער אַרומגעשלעפּט

זיך אין די וועגעלעך אין די טיפע גרובן. די ענגלישע פאבריקאנטן און די פריצים האבן אזוי אויסגעזויגן די מאסן, אז די היינטיקע דורות זענען קוים ענלעך אויף מענטשלעכע ברורים. טרעפט אמאל, אז דערדאזיקער גרויל וועקט אויף ביי טעניסאנען זיין געוויסן; אבער אפילו דעמאלט איז ער אויך א רעאקציאנער, אן ענגלישער דזשענטלמאן, וואס באקלאגט די אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, ווייל ער האט צעשטערט דאס גוטע אלטע דארפישע לעבן.

עס איז געווען איינע פון די מידות אין דער וויקטאריאנישער צייט, אז אומאנגענעמע זאכן זאל מען פשוט פארשווייגן. די דיכטונג האט געמוזט אויסקלויבן ריינע און ליבלעכע טעמען, זי האט געמוזט זיין העפלעך, זיך באנוצן מיט הויכע ווערטער און נישט צעשטערן דעם גוטן פאמיליען-געשמאק. אונזער פליכט איז צו גלויבן אין אלץ, וואס איז איינגעפירט, אפילו ווען ס'איז דער גרעסטער שקר.

איך האב שוין פריער אנגעוויזן ווי שטארק עס האט געמאטערט טעניסאנען די פראגע וועגן אומשטערבלעכקייט. זיין טיפסטע איבערלעבעניש איז געווען דער טויט פון זיין פריינד ארטור העלעם, א דענקענדיקער מאן, וואס האט משמעות פארשטאנען צו וועקן זיין פארטרוימטן פריינד צו זיין ארבעט. עס איז מאדנע, ווי א דערוואקסענער מאן זאל זיך קענען אזוי איבערנעמען מיט דעם טויט פון א פריינד. דער טויט איז דאך אן אלטעגלעכע זאך, וואס מען ריכט זיך אויף אים און מען דארף אים קענען רויק אויפנעמען. אבער טעניסאן איז כמעט אראפ פון זינען, און זיינע ליידן האבן באוויזן, אז ער האט זיך געוואקלט אין זיין אמונה. ווארים דידאזיקע וואס גלויבן אין השארת הנפש טרייסטן זיך, אז אין א פאר יאר ארום וועלן זיי זיך קענען זען מיט די פריינד אויף יענער וועלט. אבער טעניסאן איז קיינמאל נישט געווען זיכער, אז ער וועט נאך זיין פריינד אמאל זען. זיבעצן יאר האט ער זיך געגריבלט אין דערדאזיקער פראגע און זיינע געדאנקען האט ער דערנאך אויסגעדריקט אין זיין בוך „אין מעמאריען“.

אין זיינע יונגע יאָרן האָט דער דיכטער ליב געהאַט אַ יונגע ענגלישע דאַמע. אָבער ער איז נישט געווען גענוג רייך, ער זאָל קענען חתונה האָבן מיט איר, האָבן זיי ביידע געוואַרט צוואַנציק יאָר. פונדעסטוועגן זענען געווען דיכטער, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט די פרויען, וואָס זיי האָבן ליב געהאַט און געוווינט אין אַ בוידעם-שטיבל. טעניסאָן אָבער האָט געמוזט האָבן זיין פּאָעטישן מאַנטל און זיין דיכטער-שטול לעבן קאַמין. ער האָט געמוזט זיין אַן ענגלישער דזשענטעלמאַן און ער האָט גע-מוזט געבן זיין פרוי אַלץ, וואָס אַ דאַמע פון יענער חשובער וויקטאָריא-צייט האָט מיט רעכט פאַרלאַנגט. ווען זיי האָבן סוף-כּל-סוף חתונה געהאַט, האָט די דאַמע געמאַכט אַ סוף צו אירע ספקות וועגן דער אומשטערבלעכקייט דערמיט, וואָס זי האָט געזאָגט, „דער צווייפל קומט פון טייוול״. און ווער וויל עס האָבן אַ טייוול ביי זיך אין שטוב? ס'איז אַסאַך בעסער צו זיין אַ נביא, און פּרעדיקן דעם שלום אין דער ווייטער צוקונפט, און דער-ווייל טאַקע אונטערצושטיצן די מלחמה אין קרים; צו זינגען פון יושר און צו שטימען פאַר די טאָריס, צו באַרוישן זיך מיט שיינע ווערטער און נישט אָפּצוזאָגן זיך דערווייל פון פּאָפּולאַרי-טעט און עשירות.

טעניסאָן האָט זיך אַרוק געטון צוריק אין די אַלטע ענג-לישע צייטן און געפּעלשט די אַרטוס-לעגענדע דערמיט, וואָס ער האָט זי איבערגעשאַפן אויף אַ סענטימענטאַלן און לאַקריץ-זיסן אופן. ער זאָגט „געהאָרכזאַמקייט איז דער באַנד פון דער הער-שאַפט״. און דערפאַר באַערט אים קעניגין וויקטאָריאַס מאַן מיט זיין באַזוך. ער פּריידיקט די הכנעה פון דעם ווייב אונ-טערן מאַן „לעג דיין זיסע האַנט אין מיינע און פאַרטרוי זיך אַן מיר״. דערפאַר ליידט מען אים אין קיין אינדסאָר, כּדי צו קושן די זיסע האַנט פון זיין קעניגין.

וויקטאָריאַס געליבטער מאַן איז געשטאָרבן און טעניסאָן שרייבט אַן אויף אים אַן אָדע; דערפאַר ווערט ער דער אינטימערן פריינט פון דער פריינדלעכער, דיקער, אַלטער דאַמע און זי טרייסט אים אַן די ליידן פון אַ קעניגין. „ווען איר קענט מיר

געבן עפּעס אַן עצה צו מאַכן אַ סוף מיט די אַלע שרייבערייען, וואָס רופן אַרויס גאָר סקאַנדאַלן און בזיונות", זאָגט זי.

דער דיכטער טוט וואָס ער קען, די סענטימענטאַלסטע און פּאַטריאָטישסטע לידער ווערן פאַרשפּרייט אין בראָשורן, אָבער די אַרבעטער־באַוועגונג הויבט זיך שוין אָן איינצוואָרצלען און פּונקט אַזוי דער סאָציאַליזם, וואָס טעניסאָן רופט אָן אוטאָ־פּישע טפשות.

ביז איבער אַכציק יאָר איז ער געזעסן אויף זיין טראָן און קיינער האָט זיך בישט דערוועגט צו צווייפלען אין זיין חכמה; ער איז געווען דער גרעסטער דיכטער זינט שעקספּירן. קיין שום לעבעדיקער דיכטער קען זיך נישט פאַרגלייכן צו אים. מיר באַדויערן אים, ווייל נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען איז ער געווען אַ גרויסער מענטש און אָנגעשריבן גרויסע ווערק: אין זיין „אַליסעס", למשל, וועט קיינער נישט זאָגן מ'זאָל דאַרפן ענדערן אַפילו איין שורה. דער גרעסטער טייל פון זיין ליריק איז באמת שיין און פאַרמאָגט עכטן שווונג. איצט אָבער האָט ער געמוזט צוזען, ווי דער נייער דור הויבט אָן אַרויפצוגיין אויף אַן אַנדער וועג; ער איז פאַרחידושט, ער שרייט און שעלט. ער איז צופיל שאַרפזעעוודיק נישט צו דערקענען די מפּלה פון זיינע טרוימען.

מיט זיין אויג נעמט ער אַרום דעם קאַפּיטאַליזם:

„בעת די ווייסנשאַפט אונז פירט צו נייע גליקן

„צי דאַרפן קינדער אין די שטעט זיך שטיקן?"

דער מאַן, וואָס האָט דאָס געזען צו אַכציק יאָר, איז נישט געווען סתם קיין וויקטאָריאַנער. דאָס מוז אַ גערעכטער קריטיקער מודה זיין. אָבער דער אַלטער דיכטער־לאָרד ווייסט נישט פון קיין שום תרופה צו דערדאָזיקער צרה, און די קאַפּי־טאַליסטישע געזעלשאַפט שפּייזט ווייטער איר געהיימע קראַנקהייט, וואָס זי האָט צוויי־און־צוואַנציק יאָר נאָך טעניסאָנס טויט פאַר־שפּרייט איבער דער גאַנצער ערד.

11

אינטעלעקטועלע קרייזן

פאראַן נאָך אַ דיכטער, וואָס האָט געלעבט אין דערדאָזיקער צוזאַמגנדיקער צייט פון דער וויקטאָריאַנישער ענגלאַנד. זיין זיידע און זיין פאָטער זענען געווען באַנק-באַאַמטע און דער דיכטער האָט געהאַט אַ גאַנץ פיינע הכנסה. אין זיין יוגנט איז ער געווען אַ פראַנט מיט ציטרין-געלע הענטשקעס און פאָעטישע קאָרבירטע לאָקן. ער איז געווען אַ באַרימטער קלוב-מענטש און אַ באַליבטער גאַסט אויף מאָלצייטן. ער האָט געגלויבט אין דער אַנגליקאַנישער קירכע און אין יענע געזעלשאַפטלעכע קאָנווענאַנסן, ווי ס'פּאַסט פאַר אַן ענגלישן דזשענטלמאַן. זיין פרוי האָט ער פאַרבאָטן צו האָבן אַ מגע-ומשא מיט זשאָרזש זאַנדס באָהעמישער קליקע, און ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיטן ספּיריטיזם האָט ער אָפּגעשטעלט זיין הוליען.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם איז ער געווען דער באַדייטנדער און אויפגעקלערטער דיכטער און אין אַ געוויסן זין אַ רעוואָלוציאָנערע קראַפט. ער האָט פאַרמאָגט אַן אינערלעכן געזונטן אינסטינקט, אַ שטאַרקן גלויבן אין דעם לעבן און אין דעם אייגענעם פאַרשטאַנד. ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ דיכטערין, עליזאַבעט בערעט, וואָס איז געווען קרענקלעך און געהאַלטן געוואָרן דורך אַן אַלטן טיראַנישן פאָטער אין אַ מין תפיסה פון פליכטן. דער דיכטער האָט נישט געוואַרט צוואַנציק יאָר אויף זיין כלה, פונקט ווי טעניסאָן, נאָר איבערגערעדט זי חתונה צו האָבן מיט אים שטילערהייט, אַ זאַך וואָס האָט אין יענער אָרנטלעכער וועלט אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג.

ווען איך בין געווען אַ יונגער בחור, איז נאָך נישט געווען דאָס וואָרט „אינטעלעקטועל“. אָבער דאָס וואָרט „בראַונינג“ האָט געהאַט פאַר אונז דיזעלביקע באַדייטונג. געלערנטע דאַמען און הערן האָבן געגרינדעט אַ בראַונינג-געזעלשאַפט און זיך פייערלעך צוזאַמענגעקומען, כּדי צו באַשטימען די אייגנטלעכע

באַדײַטונג פֿון זײַן דיכטונג. ווײַזט אויס, ס׳איז גשוועןאַ שווערע אויפֿגאַבע, ווײַל זיי באַשעפֿטיקן זיך דערמיט נאָך אויף הײַנטיקן טאָג.

אַ דיכטער קען זײַן אומפֿאַרשטענדלעך, ווען ער האָט צו זאָגן עפּעס אויסערגעוויינלעכס טיפֿס. אָבער ראָבערט בראַונינגס אומפֿאַרשטענדלעכקייט קומט נישט פֿון דידאַזיקע סיבות. ווען מען באַמיט זיך אַ ביסל און מען דעשיפֿרירט זײַנע שריפֿטן קוקט עס אַרויס גאַנץ פֿאַרשטענדלעך: למשל, אַז די נשמה איז אומשטערבלעך, אַז דער מענטש האָט אַ רעכט אויף ליבע און אַז מ׳קען אים נישט אָפּשאַצן זײַנע האַנדלונגען מיט אײַנזײַטיקע השערות. די אומפֿאַרשטענדלעכקייט זײַנע קומט דערפֿון, וואָס דער דיכטער האָט זיך אָפּגעזוכט אַ טונקעלע מעטאָדע אויסצודריקן זײַנע דערקענטעניש. ער האָט ליב זיך צו שפּילן מיט זײַן טעמע, צוגיין צו איר פֿון אַלע זײַטן און צו פֿאַרלאַנגען פֿון לעזער, אַז ער זאָל זײַן געניט צוזאַמענשטעלן פֿון רמזים און אָנגעוואָרפֿענע ווערטער.

בראַונינג איז מוראדיק געלערנט און האָט זיך געגראָבן אין טויזנטער אַלטע פּאַפּיר-קאָרבן פֿון געשיכטע. ער געדענקט אַ געוואַלדיקע צאָל פּרטים, נעמען, ערטער און זאַכן. לרוב מאַכט ער אונדז דערבײַ אומפֿאַרדיגטע קאָמפּלימענטן, אַז מיר קענען כּלומרשט די אַלע זאַכן, פּונקט ווי ער. ווען ער וויל דערציילן, למשל, וועגן איינעם אַן אומבאַקאַנטן מוזיקער אין הויף פֿון אַ מרה-שחורהדיקן רענעסאַנס-פּירשט, הויבט ער קודם-כּל אָן צו דערציילן וועגן אַ רינג, וואָס דער מוזיקער האָט געפֿלעגט טראָגן, און די ערשטע שורות פֿון געדיכט פֿאַרנעמען זיך גאָר מיט עפּעס אַ גריכישער לעגענדע, וואָס האָט אַ שייכות מיט דעם שטיין פֿון דעם רינג. קען מען נישט דידאָזיקע לעגענדע, האָט דער גאַנצער אָנהויב פֿון דערדאָזיקער פּאָעמע קיין שום זין נישט און די בראַונינג-געזעלשאַפֿט קען אָפּהאַלטן הונדערט זיצונגען און נישט אויפֿצולייזן דאָס רעטעניש. צו שרײַבן אויף אַזאַ אופֿן איז פּשוט אַ שלעכטער וויץ; דאָס איז איינע פֿון די גרויסע צאָל פּערווערזע פֿאָרמען פֿון דער לײַדיקגייערישער קונסט.

װען בראָונינג װיל שרײַבן אמתע לידער, קען ער זײַן פּונקט אַזוי קלאָר און אײנפֿאַך און מעלאָדיש װי טעניסאָן און נאָך אַסאַך לײדנשאַפֿטלעכער. ער האָט אויסגעפֿונען אַ נײַע אַנטציקנדיקע פֿאָרם, די דראַמאַטישע ליריק, אָדער דעם דראַמאַטישן זעלבסטגעשפּרעך. ער קלויבט אויס עפּעס אַ קאָמפּליצירטן כאַראַקטער, װאָס ער האָט אָפּגעזוכט אין עפּעס אַ קאַמער פֿון אַלטע שמאַטעס, און דעמדאָזיקן מענטשן לאָזט ער רעדן, זיך אויפֿדעקן, און נישט נאָר פֿאַרראַטן די זאַכן, װאָס ער װיל אויסזאָגן, נאָר אַפֿילו די זאַכן, װאָס מיר לײענען צװישן די שורות. אין אײנעם פֿון אַזעלכע לידער באַהאַנדלט ער דעם הער שלודגע, דעם ספּיריטיסטישן מעדיום, װאָס די פּרוי בראָונינג װאָלט באַקערט צום ספּיריטיזם, װען דער דיכטער זאָל אים נישט האָבן אַרויסגעיאָגט פֿריער פֿון שטוב. אַן אַנדער פּאָעמע שילדערט דעם בישאָף בלאָגרעם, אַן עלעגאַנטן אויסערגעװײנלעך מאָדערנעם פּרעלאַט, װאָס זיצט בײַם װײַן און ציגאַרן און רעדט אַרום מיט אַ גוטן פֿרײַנט די קיצלדיקע ענינים פֿון רעליגיע און אמונה, און פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַרװאָס ער פּיטערט דעם נאַרישן עולם, װאָס גלויבן, אַז זײ קענען אָן דעם נישט לעבן.

אין בראָונינג באמת געריררט געװען פֿון עפּעס, האָט ער עס געװוסט אויסצודריקן קלאָר, אײנפֿאַך און אָן פּניות. אָן שום פּניות האָט ער באַקלאָגט זײַן אַלטן פֿרײַנט װײדסװאָרט, װאָס האָט פֿאַרראַטן די פֿרײַהײט. יעדערער קען פֿאַרשטײן דעם טיטל פֿון זײַן געדיכט „דער פֿאַרלוירענער פֿירער" פּונקט אַזוי װי די ערשטע שורות:

פֿאַר אַ פֿולער האַנט זילבער האָט ער אונז פֿאַרלאָזן
פֿאַר אַ בענדל אין זײַן קנאָפּ-לאָך.

אויך די לידער, װאָס בראָונינג האָט געשריבן אין איטאַליען, װען דער פֿרײַהײטס-קאַמף האָט באַגײַסטערט דאָס איטאַליענישע פֿאָלק, זענען געװען פֿאַרשטענדלעך אַפֿילו פֿאַר דער עסטרײַכישער פּאָליצײ. װען עמעץ האָט געװאָלט נאָכן טויט פֿון זײַן פֿרוי אָנשרײַבן איר ביאָגראַפֿיע, האָט ער זיך גאַנץ קלאָר בערעדט פֿון „דידאָזיקע מנוולים, װאָס טרעטן אין זײַן אײַנגעװײד".

און געדראָט, אַז „ער וועט מיט דערדאָזיקער געמיינהייט מאַכן אַ סוף“.

פֿאַר איינעם אַ מייסטער ווערק, וואָס בראַונינג האָט גע־אַרבעט דערויף אַסאַך יאָרן האָט ער אויסגעוויילט אַ מאָדערנע טעמע: דער געדאַנק פֿון דער דעמאָקראַטיע האָט זיך דאַן אָנ־געהויבן צו אַנטוויקלען, און נישט געקוקט אויף דעם ווידער־שטאַנד פֿון די אַקאַדעמישע אויטאָריטעטן, האָט ער זיך אויך געפּרוווט דורכברעכן אַ וועג אין דער וועלט פֿון געבילדעטן עולם אין אַלע לענדער האָבן זיך שוין די דיכטער פֿאַרנומען מיט דער געוויינלעכערווירקלעכקייט, אַנשטאָט מיט מיטאָלאָגישע האַלבע געטער און ראָמאַנטישע קריגס־העלדן. בראַונינג האָט גע־פֿונען זיין טעמע אין אַן אַלטער סקאַנדאַל־כראָניק, וואָס ער האָט אָפּגעזוכט ביי אַ פֿלאָרענטישן אַנטיקוואַר. די דאָזיקע געשיכטע האָט ער פּונקט אַזוי גוט געקענט געפֿינען אין אַן אַלטער פֿאַר־פּעצטער צייטונג פֿון רינשטאָק, ווייל עס האַנדלט זיך דאָרטן אין אַ געוויינלעכער סענסאַציאָנעלער מאָרד־געשיכטע. אַ סוחר אין רוים האָט דערהרגעט זיין יונגע פֿרוי. אין געריכט האָט ער באַ־וויזן, אַז זי איז אַוועק מיט אַ גלח. דער גלח טענהט, אַז זיין אַרומגיין מיט איר האָט נישט געהאַט קיין שום אויסגעלאַסענעס. ער האָט איר בלויז געוואָלט באַשיצן פֿון איר מאַנס אכזריות. אין דעמדאָזיקן ווערק לויבט בראַונינג דעם מאָדערנעם פּרינציפּ פֿון דעם אָפֿענעם פֿאָרום, וואָס ווערט היינט אָנערקענט דורך אַלע קרייזן. אין דעם בוך „דער רינג און דאָס בוך“ לייענען מיר ניין לאַנגע שילדערונגען פֿון דערדאָזיקער געשיכטע. מיר הערן, ווי ס'רעדט האַלב רוים, וואָס נעמט זיך אָן פֿאַרן מאַן, און די אַנדערע העלפֿט וואָס האַלט פֿאַר דער פֿרוי. מיר הערן די מיינונגען פֿון דעם מאַן, פֿון דער פֿרוי, פֿון יונגן פּריסטער, פֿון די צוויי פֿאַרטיידיקער און פֿון דעם פּויפּסט, וואָס טראָגט אַרויס דעם אורטייל. ווען מ'איז סוף־כל־סוף איבערגעקומען דאָס לייענען — האָט מען זיך ווינציק־וואָס אויסגעלערנט: אַז דאָס לעבן איז אַ קאָמפּליצירטער ענין, אַז ס'איז שווער אויסצו־געפֿינען דעם אמת, אַז אין דעם מענטשן וווינט דער יצר־הרע

מיטן יצר-טוב צוזאַמען, אַז מען דאַרף זעלבסטשטענדיק דענקען און נישט גלויבן אין אַלצדינג און, לסוף, אַז די שמוציקסטע פּאַסירונג פון מענטשלעכן לעבן קען זיין די טעמע פאַר אַ ליטעראַריש מייסטערווערק, מען דאַרף נאָר זיין אַ מענטש מיט אַ גרויסן טאַלאַנט, וואָס איז פעיק אַריינצוקוקן אין דעם האַרצן פון די באַטייליקטע פּערזאָנען.

12

גאָט, ראַטעווע דאָס פאָלק

אין דער ערשטער העלפט פון נײַנצטן יאָרהונדערט האָט דער ענגלישער פאַבריק-סיסטעם דערגרייכט זיין בלי-צייט און אַראָפּגעדריקט די אַרבעטנדיקע מאַסן אויף אַ מדרגה, וואָס איז ביז איצט נישט געהערט געוואָרן אויף אונזער פּלאַנעט. דער קלאַסן-קאַמף האָט אָנגענומען קלאָרע פאָרמען. טשאַרטיסטן-באַוועגונג, געזעצן פון וואַל-רעפאָרמען, אומרוען צוליב תבואה-געזעצן זענען אָנגעקומען איינס נאָכן אַנדערן און אָט איז אויפגעשטאַנען אין ענגלאַנד אַ באַגאַבטער מענטש, וואָס האָט פאַרשטאַנען צו שילדערן די עוולות, וואָס מ'האָט אָנגעטון זיין פאָלק אויף אַזוי פיל, וויפל ער אַליין האָט געליטן פון זיי.

זיין פאָטער איז געווען אַן עלנטער שלעכט-באַצאָלטער מלוכה-באַאַמטער, וואָס האָט נישט געוווּסט, ווי זיך אָפּצוהיטן פון אַסאַך קינדער. טשאַרלז דיקענס איז געווען איינס פון די אַכט הונגעריקע קינדער אין דערדאָזיקער פאַמיליע. צו צען יאָר האָט ער שוין געאַרבעט אין אַן עקלדיקער, שמוציקער איינגעפאַלענער שוואַקס-פאַבריק. די צרות, וואָס מ'האָט דאָרטן געליטן האָבן זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין זיין נשמה און זיי האָבן מיטגעהאָלפן צו דער ראַדיקאַלער באַוועגונג פון דער ענגליש-רעדנדיקער וועלט.

שפּעטער האָט דאָס יונגל באַקומען די געלעגנהייט צו

באזוכן די שול. דערנאך איז ער געווארן געריכטס־סטענאגראף און רעפארטער, און ער האט א קוקגעטון הינטער די קוליסן פון די פארברעכערישע רעגירונגען. צוערשט האט ער געשריבן הו־מאריסטישע סקיצן, וואס זענען פארעפנטלעכט געווארן אין דעם באנד „פיקוויקער". דאסדאזיקע ווערק האט דעם פירזאונצוואנציק יעריקן יונגנמאן אויפגעהויבן אין דער גאלדענער ספערע פון רום. דער רום איז אים טריי געבליבן זיין גאנץ לעבן, פונדעסטוועגן האט דיקענס קיינמאל נישט פארגעסן די צרות פון זיין קינד־הייט און ער איז געבליבן ביז א געוויסער מאס דער אפאסטאל פון די ארימע און אונטערגעדריקטע.

ווען איך שטעל פעסט, אז דיקענס ווערק זענען ראדיקאלע פראפאגאנדע, בין איך אויסן דערמיט נישט נאר, אז ער שיל־דערט אין איין ראמאן נאכן אנדערן דאס אומגליק פון זיין צייט, די גרויזאמקייט פון די ארעם־געזעצן און די אימה פון די תפיסות, די געמיינהייט און די קארופציע פון די געריכטן, די אומפארשעמטקייט און די נארישקייט פון דער פאליטיק. איך בין אויך נישט אויסן בלויז דעם פאקט, וואס ער האט זיין גאנץ לעבן אויסגעלאכט און געהאסט די אדוואקאטן, ריכטער, זשור־נאליסטן, פרעדיקער און גלחים פון דעם קאפיטאליסטישן ווילשטאנד. איך וועל עס נעמען פיל טיפער, נעמלעך: שוין דער אויסוואל פון זיין טעמע און געשטאלטן, די גאנצע אטמאס־פערע פון זיינע ראמאנען באדייטן איין שטיק פראפאגאנדע. די־קענס האט זיך אריינגעריסן אין דעם אריסטאקראטישן און עקסקלוזיוון געביט פון דער קונסט מיט דער אידעע, אז די ארימע און דערדריקטע זענען פונקט אזוי אינטערעסאנט, ווי די רייכע און חשובע. ער לאזט אונז נישט, ווי שעקספיר, לאכן פון מענטשן, וואס זענען אומגעבילדעט און נישט געשליפן, נאר ער עפנט אויף פאר אונז זיין הארץ און זיינע געדאנקען און מיר זאלן זיך פארשטעלן אויף זייער ארט און איבערלעבן זייער שיקזאל. און דאן ווערן מיר באלוינט פון אן אוצר פון פיל אינ־טערעס, געלעכטער און טרערן.

פאר די ליידיקגייער און זייערע קולטורעלע פארטרעטער

איז דיקענס געווען און פֿאַרבליבן אַ וווּלגאַרער פֿאַרשוין. ער האָט נאַאיוו זיך געפֿרייט מיט זיין טריומף און באַרעכנט דעם דערפֿאָלג פֿון זיינע ביכער לויט די סומען, וואָס זיי האָבן אים אַריינגעבראַכט. ער איז געווען אַ געבוירענער אַקטיאָר און ליב געהאַט צו באַווייזן זיך פֿאַרן עולם. מחמת דעם האָט ער אונטערגענומען אָן אַ שיעור נסיעות אויף פֿאָרלעזונגען אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט גרויסע הכנסות — וואָס קענען, פֿאַרשטייט זיך, נישט פֿאַרגליכן ווערן מיט די פֿילם-גאַזשעס פֿון דער היינטיקער צייט. — דאַמאָלס האָבן די צושויער ליב געהאַט צו וויינען אויפֿן קול און דיקענס האָט גערן מיטגעמאַכט די שפּיל. אין זיין אַרגל האָט ער פֿאַרמאָגט אַלע צאַרטע טענער פֿון ווייכקייט און לירייזם און אַזוי לאַנג געשפּילט אויף אונזערע סטרונעס, ביז מיר זענען גערירט געוואָרן צום וויינען. מענטשן מיט אַ פֿאַרדאָרבענעם ליטעראַרישן געשמאַק האַלטן פֿאַר שיין נישט צו לייענען דיקענסן. אָבער דאָס פֿאָלק האָט אים געלייענט און זיין סענטימענטאַליטעט און זיין הומאָר איז געוואָרן אַ טייל פֿון אונזער נאַציאָנאַלער ירושה, און אויך אַ קוואַל פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זיינע ווערק זענען אַ מיליאָן-פֿאַכיקע איבערחזרונג פֿון דעם אַלטן טשאַרטיסטן-הימן:

ווען וועסטו, גאָט פֿון חסד,
דיין פֿאָלק אָפּראַטעווען, ווען?
נישט קרוין און טראָן, נישט פֿירשט און גראַף
דאָס פֿאָלק, דער מענטש, דער אָרימער מאַן.

דיקענס גופֿא איז געווען אויף אַ ריין אינסטינקטיוון אופֿן קלאַסן-באַוווּסט. זיין גייסט האָט זיך געפֿונען אין אַ טיפּישער צונויפֿמישונג מיטן מיטלשטאַנד. דאָס איינציקע מיטל קעגן דעם אומרעכט, וואָס ער האָט געשילדערט, האָט ער געזען אין גוטסקייט און רעפֿאָרם פֿון דעם אָרעם-געזעץ און וווילטעטיקע אונטערנעמונגען; בקיצור, מ'זאָל באַדעקן, הייסט עס, דעם קאַפּיטאַליסטישן טיגער מיט פֿאַפּירענע בלומען. די בריטישע מאַסן האָבן באַדאַרפֿט האָבן צייט, כּדי אויסצוגעפֿינען אַן אופֿן ווי אַזוי צו

בינדן דידאָזיקע חיה רעה און איר פּאַרטיליקן; אָבער פריער פאַר אַלץ האָט מען באַדאַרפט ווייזן, אַז אין דערדאָזיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט קענען קיין אָנשטענדיקע און פילנדיקע מענטשן נישט געפינען קיין אָרט. — און דידאָזיקע אויפגאַבע האָט דיקענס דערפילט.

13

דער סנאָב-זאַמלער

עמערסאָן האָט אַמאָל קאָמענטירט דאָס ווערטל: „קיין שום מענטש איז נישט קיין העלד פאַר זיינע אייגענע דינער". ער האָט געשטעלט די פראַגע: „וועלכער העלד פאַרמאָגט דען אַ דינער?" דאָס באַווייזט, אַז עמערסאָן האָט די באַליבטע ראָמאַנען פון זיין צייט נישט געלעזן. ווייל, ווען ער וואָלט געקענט וויליאַם מעקעפּיס טעקעריס ראָמאַנען, וואָלט ער געוועזן געוווּסט, אַז פאַר אַ העלד איז אוממעגלעך צו לעבן אָן אַ דינער. דורך דיקענסן באַקענען מיר זיך מיטן לעבן פון די אָרימע, דורך טעקערייען מיטן לעבן פון די רייכע, און ס'איז כמעט שווער צו זאָגן, וועלכער קלאַס ס'פאַרדינט ביי אונז מער רחמנות.

טעקעריי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1812 אין אינדיען און זיין פאָטער איז געוועזן אַ מלוכה-באַאַמטער. ער האָט געוואָלט שטודירן אויף דעם קעמברידזשער אוניווערזיטעט, אָבער עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן, ווייל ער איז געוועזן אַן אומפאַרבעסערלעכער, אויבערפלעכלעכער גוטמוטיקער פאַרשוין, וואָס האָט ליב געהאַט צו עסן, טרינקען, שפילן און תענוגים, בקיצור אַלץ, אַ חוץ אַרבעטן. נאָך גאָר יונג האָט ער פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן ביי אַ צייטונגס-אונטערנעמונג. דאַן האָט ער געמוזט שרייבן און אַרבעטן פאַר דער סאַטירישער וואָכנשריפט „פּאַנטש", ביי וועלכע ער האָט אַנטוויקלט זיין טאַלענט צו שרייבן בורלעסקע פּאַ[illegible]ן און סאַטירישע סקיצן.

ווען כ'בין געווען יונג האָט מען געשמועסט מיט באַדויע-רונג, אַז טעקעריי איז אַ ציניקער. דידאַזיקע מיינונג וועלן מיר באַלד אָפּשפּאַרן: מער סענטימענטאַל ווי ער, איז נאָך קיינמאָל קיין מאַנספּערשוין נישט געווען, אָבער ער האָט געהאַט אויג אין קאָפּ און געזען אין דער אַרומיקער עלעגאַנטער וועלט די פאַרשידענע מינים סנאָבן. איין קאָלעקציע זייערע האָט ער צונויפגעזאַמלט אין זיין ווערק „דאָס סנאָבן-בוך", אין וועלכן ער האָט אויפגעשטאָכן יעדן איינציקן מיט אַ נאָדל ווי אַ זומער-פייגעלע. ער האָט געשריבן אַ גאַנצע רייע ראָמאַנען אין וועלכע ער האָט באַלויכטן און אָפּגעחוזקט די מענטשלעכע גאווה און טפשות.

זיין ערשט גרויס ווערק איז נאָך אויף היינטיקן טאָג אומבאַמערקט פאַר דער קריטיק. און פונדעסטוועגן איז „בער-לינדאָן" אַ ווונדערבאַרע סאַטירישע אַרבעט, די געשיכטע פון אַ טאַלאַנטפולן גנב, וואָס האָט דערפאָלג, ווייל ער איז אַביסל קלו-גער, ווי די מענטשן, מיט וועלכע ער קומט זיך צענויף און אַביסל ענלעכער לגבי זיך אַליין. דערמאָנט זיך, אַז מילטאָן, דער פרומער און אָרטאָדאָקסישער פּוריטאַנער, האָט זיך נישט גע-קענט אָפּהאַלטן פון צו מאַכן פון שטן אַ העלד, ווייל דער שטן איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, מיט וועלכן מילטאָן האָט סימפּאַ-טיזירט. דאָסזעלבע חזרט זיך איבער מיט בערי לינדאָן, וואָס טוט אָפּ אַלע מיאוסקייטן אין דער וועלט און דערשלאָגט זיך דורך זיין חוצפה צו אַ וועלט מיט פּריווילעגיעס און געוואַלט. דערפאַר האָט אים טעקעריי שטילערהייט באַוווּנדערט, און דאָ ליגט די סיבה, וואָס דער ראָמאַן איז נישט באַליבט. דער דורכ-שניטלעכער לייענער וויל זען דידאָזיקע בייזע מעשים ווי אַזעלכע און פאַראורטיילט אָן פּניות, געמאָלט שוואַרץ אָדער ווייס.

דער אינסטינקטיווער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געלעבט ווען טעקעריי האָט זיך נאָך דייטלעכער אַרויסגעוויזן אין אַנדערע ווערק „דער יאַרמאַרק פון באַרימערייי". דאָס מאָל האַנדלט זיך עס אין אַ ווייבערישער רשעות, „בעקי שאַרפּ", אַ האַרצלאָזע

אינטריגאַנטישע קליינע פרוי, וואָס פאַרקויפט זיך פאַר געלט און מאַכט. זי אָבער איז אַ זעלבסטשטענדיקע פרוי, אַ קליינע אַ געראָדפטע, אין דער גאַנצער וועלט אָנגעגריפענע חיה, זי ווערט זיך און פאַרטיקט זיך שנעל אָפּ מיט אירע שונאים. קענען זיין ווילן מאַכט טעקערײ פון איר די אינטערעסאַנטסטע פיגור פון זיין ווערק.

ווי אַ חשובער, וויקטאָריאַנישער סענטימענטאַליסט, האָט ער געטון אַלץ, וואָס איז מעגלעך צו שאַפן דעם קעגנזאַץ פון בעקין, אַמעליאַ סידלײ, די פּאָלקאָמע, געהאָרכזאַמע פאַרגעטערטע פרוי. ווי די טאָכטער פון אַ רײַכן סוחר, האָט אַמעליאַ נישט געקאָנט לעבן אײן אויגנבליק מיט זאָרג. זי איז אַ מוסטער פון אַלע וויקטאָריאַנישע צניעות. זי באַדינט און גיט אָפּ כּבֿוד די מענלעכע פאַמיליען-מיטגלידער, מעגן זײ זיין ווי אומווירדיק און עגאָיסטיש. זי האָט פאַרמאָגט די געהירן פון אַ געוויינלעכע גאַנז. און ווער עס האָט זי געקענט, האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן, פאַרוואָס די וויקטאָריאַנישע דזשענטעלמענער זוכן בעסער אַ לעבן צו טון מיט אינטערעסאַנטע מעטרעסעס.

מ'האָט געפלעגט זאָגן, אַז אין טעקערייס ראָמאַנען זענען אַלע גוטע מענטשן אידיאָטן און אַלע רשעים זענען קלוג. בעאַטריטשע, אייסמאָנד, די איינציקע פרויען-געשטאַלט בײַ טעקערײ, וואָס קאָנקורירט מיט בעקי שארפּ וועגן אונזערע אינטערעסן, איז אַ קאַלטע שטאָלצע שיינהייט, וועלכער עס פעלט די אַנטשולדיקונג פאַר בעקין צוליב איר אָרימקייט. זי וויל חתונה האָבן מיט אַ הערצאָג, אָבער ווען יענער ווערט געהרגעט אין אַ דועל, באַמיט זי זיך צו ווערן די געליבטע פון אַ פּרינץ און לסוף פאַרענדיקט זי קלאָגנדיק אַלס די פרוי פון אַ הויז-לערער און די אלמנה פון אַ בישאָף. די „אַנטיסאָציאַליסטן-אָרגאַניזאַציע" פון גרויס-בריטאַניען, וואָס זייער אויפגאַבע איז צו באַקעמפן די רויטע, זאָל פריער פאַר אַלץ דערווייטערן פון זייערע ביבליאָטעקן דידאַקטישע שעדלעכע שילדערונגען פון די זייטן און לעבנס-געוווינהייטן בײַ דעם הערשנדיקן קלאַס.

איך וויל לגמרי נישט זאָגן, אַז טעקערײ איז געווען אַ באַוווּסטזיניקער סאָציאַליסט, פאַרקערט, אַלס אַנגעהעריקער צום הערשנדיקן קלאַס, האָט עס אים געשטערט צו באַווייזן זיך ווירדיק אין זיין היוכער און אַנגענעמער באַשטימונג. ווי ווייט ער האָט געגלויבט אין דזשענטעלמאַן, קען מען זען אין דער שילדערונג פון זיין העלד פּעדעניס, אַ פּולקאָמער, ווערטלאָזער, נגער ליידיקגייער און דעם מאַיאָר פּענדעניס, אַ צינישער אומווירדיקער, אַלטער אויסוואורף. איינעם האָט טעקערײ געגעבן אַבסאָלוציע און דעם צווייטן האָט ער געשאָנקען ליבע און באַדויערט.

אין זיינע ווערק איז טעקערײ אויפגעשטאַנען קעגן אייניקע מנהגים פון זיין קלאַס. אין ווירקלעכן לעבן איז ער אָבער געווען פּונקט אַזוי הילפלאָז ווי אַמעליאַ סידליי. זיין פרוי איז משוגע געוואָרן און טעקערײ איז געפאַלן אַ קרבן פון אַבערגלויבן, וואָס פאַרמשפט דעם אומשולדיקן מאַן פון אַזאַ צוזאַמענלעבן אויף אַן אייביקן פרוש. דאָס איבערטראָגן דעמדאָזיקן קלאַפּ איז אויסגעקומען פאַר טעקערייס פריינד העלדיש, פאַר אונז קומט עס אויס באַדויערונגס-ווערט.

אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געפירט אַ לעבן פון אָרימקייט און דחקות, אָבער שפּעטער האָט ער גערן גענאָסן פון טייערע מאכלים און באַזונדערס אַלקאָהאָלישע משקאות. ער האָט רויִנירט זיין געזונט און געשטאָרבן אין עלטער פון צווייאונפופציק יאָר. זיין טאָכטער האָט, פאַרשטייט זיך, באַהאַלטן דידאָזיקע געוווינהייט פון איר פאָטער און נישט דערלאָזן, אַז די ביאָגראַפן זאָלן זיך דערוויסן דערפון. פּונקט ווי אַנדערע קאַווענציאָנעלע הארן, האָט זיך אויך טעקערײ באַמיט צו פאַרזיכערן פאַר זיין טאָכטער אַן הכנסה. ער האָט אָוועקגעגעבן אַסאַך צייט צו שאַפן אַ פּאָסטן פאַר איר אויף דער פּאָסט און שפּעטער אין דער דיפּלאָמאַטיע. אַזוי האָט ער געטון דאָס אייגענע, וואָס ער האָט פריער אויסגעלאַכט אין זיינע ראָמאַנען. ער האָט פּונקט ווי דיקענס געהאַלטן פאַרלעזונגען, אָבער זיי האָבן אים נישט פאַרשאַפט קיין פרייד. ער האָט גאָרנישט געהאַט אין זיך פון

אן אַקטיאָר, נאָר אַסאַך מער שטרענגן רעזערוו פון אן ענגלישן דזשענטעלמאַן.

דאָס רופט מען געוויינלעך אָן פלאַפּלעריי און מען מיינט, אז ס'האָט נישט קיין שום שייכות מיטן ווערק פון אַ גרויסן שריפטשטעלער. אָבער איך גלויב, אז כאַראַקטער און די לעבנס-דערפאַרונגען פון אַ קינסטלער באַשטימען זיינע ווערק, פונקט ווי דער פאָרם דעם גאָס. דער קורצסטער וועג צו פאַרשטיין אַ שריפטשטעלער אָדער פּאָעט, צו דערוויסן זיך אַזוינע אינטימע פּרטים, איז פריער פון אַלץ: צו באַקענען זיך מיט זיין פּאַר-העלטעניש צו די מענטשן, וואָס ער עסט זייער ברויט. דאָס לעבן פון אַ מאַן ווערט באַשטימט דורך דעם, צי ער פּאַסט זיך צו צו דער געלט-מאַכט, אָדער ער שטייט אויף קעגן זיי.

14

קונסט און מלאכה

מען קען אָנגרייפן דעם קאַפּיטאַליסטישן אינדוסטריאַליזם פון ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, ווייל ער איז נישט עקאָנאָמיש אָדער פון מאָראַלישן, ווייל ער איז אומערלעך. מען קען אים אויך אָנגרייפן פון עסטעטישן שטאַנדפּונקט, ווייל ער איז העסלעך. קינסטלערישע טעמפּעראַמענטן האָבן אים צוליב דעמדאָזיקן טעם פאַרוואָרפן און טייל קינסטלער האָבן אים דערקלערט מלחמה.

דזשאָן רעסקין איז געווען דער זון פון אַ רייכן ווייַן-סוחר. ער האָט זיך געווידמעט דעם סטודיום פון קונסט. ער האָט זיך געווידמעט דער קונסט מיט דער כוונה, צוריקצופירן זי צו דער פּשטות פון דער קריסטלעכער פּרימיטיווקייט. ער איז געוואָרן לערער, אָפּגעהאַלטן פאָרלעזונגען און געשאַפן אין אָקספאָרד אַ שול פאַר אַרבעטער-קינדער. ער האָט געפירט מחנות ענגלישע סטודענטן צו דער שווערער גאַסן-אַרבעט. ס'איז באַגייסטערט צו ווערן, ווי דערדאָזיקער מענטש האָט זיך באמת צו זיין ערלעך

אין נוצלעך אין אַ וועלט פון שווינדל און אויסנוצונג. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געגריבלט אין דער העסלעכקייט פון דעם אינדוסטרי-סיסטעם, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען. צווישן זיינע שילער האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרנעמען אַן אָרט אין דעמדאָזיקן געביט, ווייל ער איז געווען אַן אַרבעטנדיקער קינסטלער, וואָס האָט זיך באַמיט צו שאַפן די שיינקייט אויף אַ געזונטן סאָציאַלן באָדן און אויך דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ סאָציאַליסט און געפּרוווט לערנען די וועלט פון אינדיווידואַליסטישער און קאַפּיטאַליסטישער קונסט די פּרינציפּן פון ברידערלעכקייט און סאָלידאַריטעט.

וויליאַם מאָריס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1834. זיינע עלטערן זענען געווען רייך. ער האָט געירשנט אַ באַדייטנדיק פאַרמעגן. זיין מוטער האָט געוואָלט ער זאָל ווערן בישאָף, אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז נישט פאַר אים דער פּאַסיקער באַרוף, ווייל ער איז אויסגעוואַקסן פון דעם קריסטלעכן גלויבן, הגם ער האָט נאָך געהאַט צו אים שוואַכקייטן. ער האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט דעם מיטלאַלטער און דעם גאַטישן גייסט אין דער קונסט. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז דער מיטלאַלטער איז געווען אַ גליקלעכע צייט, אין וועלכער דער בעל-מלאכה האָט זיך געקענט ווידמענען די אַרבעט, וואָס ער האָט ליב געהאַט, און נישט געדאַרפט נאָכיאָגן זיך נאָך פּראָפיטן. דערפאַר האָט ער דאָס גאַנצע לעבן געבענקט נאָך יענער אַלטער גוטער צייט און געמאַכט זי פאַר אַ מוסטער קעגן דאָס גאַנצע שלעכטס פון דער הייניקער צייט.

ער איז געווען אַ פּשוטער ערלעכער מענטש, וואָס האָט גערן געאַרבעט מיט זיינע אייגענע הענט, און פאַרמאָגט אַ פילזייטיקן קינסטלערישן טאַלענט. האָט זיך געלערנט מאָלן, שניצן, דעקאָרירן און זיך פאַרשטאַנען אויף יעדער האַנט-אַרבעט, וואָס האָט נאָר געהאַט די קלענסטע שייכות מיט קונסט. דעם מאָדערנעם אינדוסטריאַליזם האָט ער באַטראַכט ווי אַ ביליקע מאַסן-פּראָדוקציע פון מיאוסער, באַנאַלער און ווערטלאָזער סחורה.. ער האָט אים פיינט געהאַט פון גאַנצן האַרצן און דעם אומגליק

פון דער צייט האָט ער צוגעשריבן דעמדאָזיקן פאַקט, וואָס דער אַרבעטער האָט פאַרלוירן די ליבע צו זיין אַרבעט און אָנגעוווירן דעם שטאָלץ צוליב זיין ווערק. מאָריס האָט געוואָלט אויפבויען פאַר זיך אַ היים; און אַזויווי קיין שום אַרכיטעקט האָט נישט געוואָלט צו מאַכן עפּעס אַ פּלאַן לויט זיין געשמאַק, איז ער אַליין געוואָרן זיין אַרכיטעקט; ער האָט נישט געקענט געפונען קיין שום מעבל, האָט ער אַליין אויפגעצייכנט די מוסטערן און געגעבן דעם טישלער אויסצואַרבעטן. אַזוי אַרום איז ביסלעכווייז אַנטשטאַנען די אונטערנעמונג פון אַסאַך זאַכן און דערפון די באַוועגונג פון קונסט-האַנט-אַרבעט.

אַזוי אַרום איז מאָריס געקומען אין באַרירונג מיט אַרבעטער און דאָס איז אַ געפערלעכע זאַך. אין דער צייט פון דעם הייַנטיקן סאָציאַלן סיסטעם איז פיל גלייכער פאַר אַ דזשענטלמאַן צו גלייבן אין דעם אייגענעם קלאַס און אינגאַנצן נישט צו וויסן וויאַזוי דער אַרבעטער לעבט. מאָריס האָט אָנגעהויבן אַריינצוטראַכטן אין פּאָליטיק. אויף אַ מאָדערנעם אופן איז די דירעקטע סיבה געווען דער פּרווו צו ראַטעווען אַלטע געביידעס און קירכן מ'זאָל זיי נישט „רעסטאַווירן". באַלד דערנאָך באַגעגענען מיר אים פאַר איינעם פון די וויקטאָריאַנישע רעוואָלוציאָנערן, צווישן די גרינדער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע-פעדעראַציע, אַלס גאַסן-רעדנער אויף די נאָכמיטאָג-און אָוונט-פאַרזאַמלונגען. די קריטיקער האָבן דאָס זייער שטאַרק באַדויערט, ווי זיי האָבן אַמאָל באַדויערט די פּאָליטישע טעטיקייט פון דזשאָן מילטאָן. זיי האָבן געטענהט, אַז פאַר אַ גרויסן דיכטער און קינסטלער איז עס אַ פּשוטע פאַרשווענדונג פון צייט, אָבער דאָס האָט געהערט צו וויליאַם מאָריסעס לעבן. ווען ער וואָלט געווען אַן אַנדער מענטש וואָלט ער די דאָזיקע קונסט, וואָס ער האָט פאַקטיש געשאַפן, נישט געקענט אַרויסברענגען.

לעבן אַנדערע אַרבעטן האָט ער געשריבן לידער, וווּנדער-מעשהלעך פון די אַלטע צייטן, וואָס מ'האָט אַזוי ליב געהאַט, פון די הערלעכע פּאַסירונגען, וואָס זענען פאַרלאָפן לויט זיין פאָרשטעלונג אין יענער צייט. דאָס זענען שיינע דערציילונגען אין פערזן און אַלע יונגע מענטשן דאַרפן לייענען דעם „ערדישן

גן-עדן", אָדער דעם „חלום פון דזשאָן בעל", פון וועלכן זיי וועלן זיך דערוויסן וועגן די מעשים פון די פּאַרצייטישע העלדן.

דאָס באַקאַנטסטע ווערק אין פּראָזע פון וויליאַם מאָריס איז: „נייעס פון ערגעץ נישט". ער האָט געלייענט בעלאַמיס אוטאָפּיע „אין הונדערט יאָר אַרום" און ס'איז אים נישט געפעלן געוואָרן, ווייל בעלאַמי אַלס אַמעריקאַנער האָט די וועלט אָרגאַניזירט און סיסטעמאַטיזירט. וויליאַם מאָריס אָבער האָט פון קיינעם נישט געוואָלט אָרגאַניזירט און סיסטעמאַטיזירט ווערן. דערפאַר האָט ער זיך געשאַפן זיין אייגענע אוטאָפּיע, וווּ אַלצדינג איז פרידלעך און אַלטעגלעך, געזונט ווי חיות, אויך אומגעוויינלעך לאַנגוויילִיק.

פּרוי אָגי טוט אַ זאָג:

דו באַהאַנדלסט אַ קלאַסיקער פון אַ באַוועגונג און דו ווייסט וואָס די קריטיקער זאָגן אַלע: „די סאָציאַליסטן דאַרפן קודם כל דורכקומען צווישן זיך".

— איך ווייס עס גאַנץ גוט. איך באַדויער, וואָס איך מוז זיי אַנטוישן. אָבער אויף דער וועלט איז פאַראַן כלערליי מענטשן און אין אונזער באַוועגונג אויך אַזוי. איך פּערזענלעך בין אַ סאָציאַליסט, וואָס גלויבט אין דער מאַשין און אינטערעסיר זיך מיט אַזאַ וועלט, וואָס וועט ערשט געבן די רעכטע מעגלעכקייט, אַז די מאַשין זאָל זיך אַנטוויקלען. מיר זענען געגליכן צו מענטשן, וואָס פאָרן דורך אַ טונעל, אינעווייניק איז טונקל און פול מיט רויך. אַנדערע ווילן זיך אומקערן צוריק, אָבער איך וויל גיין ביזן סוף.

— מאָריס און רעסקין טענהן אָבער, אַז די אַנדערע זייט איז דער גיהנום.

— יאָ, אָבער איך גלויב, אַז זייערע אויגן זענען געווען פאַרבלענדט פון רויך. דאָס אומגליק ליגט נישט אין דער מאַשין, נאָר אין דעם וואָס זי געהערט צו פּריוואַטע מענטשן. עס איז נישט פאַראַן קיין שום סיבה פאַרוואָס די מאַשין זאָל נישט שאַפן קיין שיינע און הערלעכע זאַכן אַנשטאָט העסלעכע און ווערטלאָזע — ווען זיי וועלן זיך נישט געפינען אין די הענט פון

אַזעלכע לייט, וואָס ווילן נאָר אַרויסבאַקומען אַזאַ סחורה, אין וועלכער זיי זאָלן וואָס מער פאַרדינען. אַ קעגנשטאַנד הערט נישט אויף צו זיין שיין נאָר דערפאַר, ווייל עס זענען פאַראַן נאָך אַסאַך אַזעלכע מיליאָנען קעגנשטאַנדן. דאָס איז אַ מין סנאָביסטישע אויפפאַסונג און מאָריס וואָלט זיך געקענט לערנען אַנדערש דענקען דורך דעם אַנבליק אויף אַ לאָנקע מיט אַסאַך גענון-בלימעלעך.

איינער אַן אַמעריקאַנישער שריפטשטעלער פון יענער צייט שערווּד אַנדערסאָן האָט אונז דערציילט די געשיכטע פון זיין לעבן. ער האָט אויך נישט געקענט ליידן די מאַשין; ער האָט געהאַט דערצו אַלע סיבות: ער האָט אַליין געאַרבעט אין פאַבריק און קען זי גוט. ער איז כּסדר איינשטימיק מיט וויליאַם מאָריס, אַז די איינטאָניקייט פון דער מאַשין צעשטערט די איניציאַטיוו פון אַרבעטער און דעריבער זיין מאָראַל; זיי קענען נישט שאַפן זעלבסטשטענדיק און דערפאַר דערציילן זיי איינער דעם אַנדערן שמוציקע אַנעקדאָטן. מ'דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז אַנדערסאָן איז נישט קיין סאָציאַליסט און ער קען זיך דעריבער נאָר פאָרשטעלן וויאַזוי עס וועט אויסזען די אַרבעט, ווען זי וועט קאָנטראָלירט ווערן דורך די אַרבעטער גופא. דאָרטן וועט דער אַרבעטער זיין שטאָלץ אויף זיין שיינער מאַשין, זיי וועלן זיך אַלע לערנען צו פאַרשטיין איר און צו באַדינען, און זיי וועלן איינטיילן אַ פּלאַנמעסיקן, באַוווּסטזיניקן סדר פון זייער לעבן, אין וועלכן די מאַשין וועט נעמען אַן אָנטייל. דער איינצלנער אַרבעטער וועט אַרבעטן, טוישנדיק זיך, אין פאַבריק און אין פעלד, וועט טון אַזויפיל פאַרשידנאַרטיקע אַרבעטן וויפל ער וועט נאָר וועלן. חוץ דעם, וועט ער בכלל נישט אַרבעטן מער ווי דריי פיר שעה אין מעת לעת און אין דער איבעריקער צייט וועט ער קענען אַנטוויקלען זיינע פעיקייטן, שרייבן לידער, מוזיצירן, שפילן טעאַטער אָדער פוטבאָל און וואָס זיין האַרץ גלוסט. וואָס אַ יאָר וועלן די מאַשינען ווערן פולקאָמער, ביז דעם מענטשן וועט לסוף נישט בלייבן קיין שום אַרבעט, חוץ אַ דריק טון אַ קנעפל יעדן אינדערפרי. צי מען קען עס אָדער

נישט וועט עס זיין אָפּהענגיק בלויז דערפון, צי מען האָט אַנט-וויקלט דעם פאַרשטאַנד און מ'וויל אים נאָך ווייטער אַנט-וויקלען.

15

מיר קומען קיין אמעריקע

מיר קומען קיין אמעריקע. די גייסטיקע יורשים פון דזשאָן מילטאָן און דזשאָן בעניענס קרייצן דורך דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן און באַזעצן זיך אין מאַסאַשוסעטס; אָבער זייערע שונאים שווימען אויך אַריבער איבערן ים און באַזעצן זיך אין ווירדזשי-ניען. אַזוי האָבן זיך אַנטוויקלט צוויי ציוויליזאַציעס, וואָס האָבן אין דער נייער וועלט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פירן אַ ביר-גער-קריג, פּונקט אַזוי ווי אין דער אַלטער וועלט.

די ערשטע צוויי הונדערט יאָר זענען די קאָלאָניסטן גע-ווען באַשעפטיקט בלויז דערמיט אויסצוהרגענען די אינדיאַנער און צו מאַכן די ערד מ'זאָל קאָנען אויף איר אַקערן; דעריבער האָבן זיי וועניק צייט געהאַט פאַר קונסט. זיי האָבן געמוזט צערייסן דעם באַנד מיט דער אַלטער היים. און פּונקט ווי דער פאַל מיט וואַלטערן, איז זיי געווען לייכטער צו בונטעווען זיך קעגן די פּאָליטישע און רעליגיעזע פאָרמען, ווי קעגן די קולטו-רעלע. אַזוי איז אין אַמעריקע אויפגעקומען דער געדאַנק פון דער אומאָפּהענגיקייט אַסאַך פריער, איידער מ'האָט זיך דערוועגט אָפּצוזאָגן זיך פון דעם בריטישן אַלטן געשמאַק. די ערשטע אַמעריקאַנישע שריפטשטעלער האָבן זיך באַמיט צו באַהאַנדלען אַמעריקאַנישע טעמעס אין סטיל פון עדיסאָן, בערק און דריידען.

דער ערשטער שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך באַפרייט פון די בריטישע טראַדיציעס האָט דאָס נישט געטון צוליב דעם, וואָס ער האָט געוואָלט שאַפן אַמעריקאַנישע, נאָר ווייל ער

האָט זיך אויפגעהויבן אין דעם אוניווערסאַלן און טראַנסצידענטאַלן. רעלף וואַלד עמערסאָן האָט געלייענט: געטהען, שאָפּנהויערן, סווענדענבורגן, פּלאַטאָן און שריפטן פון אינדיער. ער איז געוואָרן אַ יענקי-מיסטיקער און דעמאָקראַטישער היילִיקער.

ער איז געווען דער זון פון אַ אוניטאַרישן גייסטלעכן און געגאַנגען אין די טריט פון זיין פאָטער, אָבער באַלד געפינט ער איין, אַז ער קען נישט גלויבן אין דער לערע, וואָס גיט צו די לעצטע אָוונט-סעודה אַ באַזונדערע באַדייטונג. פון דעמדאָזיקן אַפּיקורסישן שריט הויבט ער אָן צו פּרעדיקן פּשוט און ערלעך זיינע נייע איבערצייגונגען. דערנאָך פאָרט ער אַרויס אין דער וועלט, כדי צו פאַרדינען זיך אויפן לעבן דורך פאָרלעזונגען.

דער פּוריטאַניזם איז שוין אַלט געווען אַן ערך צוויי הונדערט יאָר, אָבער אין ניי-ענגלאַנד האָט זיין גייסט געלעבט ווייטער. דאָס הייסט, די מענטשן האָבן געהאַט אַן אמתע שטרעבונג צו טון דאָס וואָס איז גוט און קוקן מיט גרויס כבוד אויף דידאָזיקע לערעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעמדאָזיקן ענין. זיי זענען תמיד געווען גרייט זיך צונויפצוקומען, אויסצוהערן גוטע עצות און צו באַצאָלן דעם לערער אַ קליינעם געהאַלט. אַזוי אַרום האָט זיך איינגעגעבן דעם יונגן רעוואָלוציאָנער אין דער שטאָט קיינקאַרד צו פאַרדינען אויף זיין איינפאַך לעבן. ער שטודירט די וועלט-ליטעראַטור אין פאַרשידענע שפּראַכן; פאַרטראַכט זיך ערנסט, שרייבט אויפריכטיק און ווערט אַ מוסטער פון גוטסקייט, חשיבות און חכמה.

זיינע פּאָפּולערסטע פאָרלעזונגען קענען מיר פון דעם זאַמל-באַנד „עמערסאָנס עסייען". איך האָב געלייענט דאָס בוך, ווען איך בין נאָך געווען יונג און בין אים באמת שולדיק אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט. די עסייען לערנען פריער פאַר אַלץ זעלבסטפאַרטרויען, דער פונדאַמענט פון אַלע פּיאָנער-טוגנטן. מענער, וואָס האָבן זיך אַליין פאַרטרויט זענען געווען די, וואָס האָבן אַמאָל געשאַפן ניי-ענגלאַנד; אין אָט דער אַטמאָספערע פון עקסטרעמסטן אינדיווידואַליזם איז פאַר אַ פילאָזאָף געווען

אוממעגלעך אָפּצושאַצן די טוגנט פון סאָלידאַריטעט, וואָס איז אויך נישט ווייניקער וויכטיק. עמערסאָן האָט נישט געהאַט קיין שום אָנונג פון אַ קאָאָפּעראַטיווער וועלט; ער האָט געגלויבט, אַז די פליכטן לגבי דעם מיטמענטשן זענען דערפילט דורך פריינדלעכקייט און דורכן זאָגן דעם אמת.

די עסייען זענען פאָרמלאָז, אָפטמאָל אָן אַ צוזאַמענהאַנג און פול מיט צופעליקע רעפלעקסן. נישט תמיד זענען זיי אויך לייכט צו פאַרשטיין, מחמת זיי האָבן כּסדר צו טון מיטן אַבסאָלוטן, ווו אַלע געדאַנקען זענען פונקט אַזוי אמת, ווי נישט אמת. זייער אמתדיקייט איז בלויז אָפּהענגיק פון זייער אָנווענדונג; דעריבער מוזן מיר זיך באַקענען מיט עמערסאָנס גאַנצער געדאַנקען-וועלט און מיט זיין לעבן. מיט דער העכסטער מאָס געמאָסטן זעט אונז אויס זיין דאָקטרין עטוואָס איידל און זיין ביישפּיל אַביסל ווייך. מ'האָט געלעבט אין האַרטע צייטן; וואָס אָן אמת, הערן מיר כּסדר זיין שטים אויף דער זייט פון יושר, דאָך האָט מען דאָס געפיל, אַז ער וואָלט געקענט רעדן העכער און אַנטשלאָסענער. זיין אָפּטימיזם איז שיין, אָבער עס פעלט אים דער רעכטער אָנלען. מיר וואָלטן געוואָלט, אַז דער שריפטשטעלער זאָל האָבן באַהאַנדלט אין זיינע ווערק די ווירקלעכקייט, וויאַזוי מיר זאָלן זיך פאַרהאַלטן קעגן די מוראדיקע און בייזע פאַקטן פון לעבן. ווען עמערסאָן מאַכט דעמדאָזיקן אומקלאָרן פערז אַז:

כ'בין דער אייגנטימער פון די ספערן\
די זיבן שטערן און דאָס זונען-יאָר\
פון צעזאַרס האַנט, פּלאַטאָס געהירן,\
פון קריסטוס האַנט און שעקספּירס בלוט.

קען עס זיין גאַנץ מעגלעך. דאָך איז פאַר דעם גרעסטן טייל פון אונז זייער שווער צו מאַכן עפּעס מיט שעקספּירס ירושה, מיר ווייסן אויך נישט קלאָר, וויאַזוי צוזאַמענצופירן קריס — מיט עארן. אַחוץ דעם איז נישט תמיד קריסטוס מסכּים מיט שעקספּירס אויספיר נגען. מיסטישע געדאַנקען ווערן

זייער לייכט פארדרייט, אַ באַווייז: אַז פון דער טראַנסצענדענ־טאַלער באַוועגונג האָט געקענט אַרויסקומען נישט נאָר עמער־סאָן, נאָר אויך די אומפּעגלעכע Christian Seince.

אָבער קוים האָט זיך עמערסאָן אַנגעהויבן צו פאַרנעמען אין זיינע ווערק מיט גערעכטיקייט און פרייהייט, האָט ער פאַר־שטאַנען אַרויסצוּבאַקומען אַזעלכע שטאַרקע קלאַנגען ווי בייראָן. למשל, אין דעם „באָסטאָן־הימן", וואָס באַהאַנדלט די אַנטשעדי־קונג פאַר דער באַפרייאונג פון די שקלאַפן:

צאָלט אָפּ די אייגנטימער אויסלייז־געלט.
פּילט אָן דעם בייטל זיינעם ביזן ראַנד.
ווער איז דער אייגנטימער? דער שקלאַף אַליין,
ער איז געווען דאָס תמיד! צאָלט אים!

וועגן דעמדאָזיקן חכם פון קאָנקאָרד טראַכטן מיר שטענ־דיק ווי וועגן אַ דענקער און זעלטן ווען ווי וועגן אַ דיכטער. און דאָך איז ער געווען אַ גרויסער דיכטער. זיינע בעסטע אַרבעטן זענען אומשטערבלעך. זיינע פערזן פאַרמאָגן נישט נאָר חכמה און עטישע שיינקייט. נאָר אויך ליבע צו דער נאַטור און ליידנ־שאַפט. אויב אונזערע אַמעריקאַנישע אוניווערסיטעטן דאַרפן זיך נישט פאַרנעמען מיט דער מאָדערנער דיכטונג, נאָר מיט די קלאַסיקער, דאַרפן זיי זיך האַלטן לפּחות ביי אונזערע היימישע קלאַסיקער, וואָס מיר פאַרשטיין לייכטער. איך לייג פאַר אונזער יוגנט אַן אויפגאַבע: באַקענט זיך מיט עמערסאָנען!

16

אַ קוואַקער

רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען האָבן אַרויסגעטריבן די פּורי־טאַנער פון ענגלאַנד; אָבער ווי גיך זיי באַזעצן זיך אין ניי־ענגלאַנד הייבן זיי אַליין אָן צו פאַרפאָלגן אַנדערע צוליב רעליגיעזע איבערצייגונגען. איינער פון זייערע קרבנות איז דער

קוועקער פון מאַסאַשעס מיטן נאָמען וויטיר, וועלכן מ'האָט צו־גענומען די וואַל־רעכט, ווייל ער האָט זיך דערוועגט צו פאָדערן ביים ראַט פון שטאָט די פרייהייט צו פרעדיקן. נישט אָראָפּגע־פאַלן דורך דערדאָזיקער שטראָף, האָט דערדאָזיקער פּיאָנער גע־לעבט מיט זיין פרוי און צען געזונטע קינדער, דערצויגן זיי אין דער אמונה פון די קוועיקער און איז געוואָרן דער אור־אור־פּאָטער פון אַ קוועיקער־דיכטער, וואָס איז פון די אַמעריקאַנישע קריטיקער ווייניק־וואָס באַמערקט געוואָרן.

דזשאָן גרינליף וויטיר איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1807; ער האָט געהאַט אַסאַך שוועסטער און שוין אַלס יינגל געאַרבעט אויף אַ קליינער פעלזיקער פאַרם. ער האָט באַזוכט אַ דאָרפישע שול און דאָס ערשטע מאָל געהערט אַ ליד פון אַ וואַנדערנדיקן שאָטלענדער, וואָס האָט איבערגענעכטיקט איין נאַכט אויף דער פאַרם און געזונגען לידער פון ראָבערט באָרנס. דעם צאַרטן עמפּינדלעכן יינגל, וואָס האָט זיך צוגעהערט מיט אמתער באַגייסטערונג צו דידאָזיקע לידער, איז געווען באַשערט צו ווערן דער אַמעריקאַנישער באָרנס; אַ הייליקער באָרנס מיט דער קראַפט פון רעוואָלוציאָנערן גייסט פון יענעם שאָטלענדער, אָבער אָן זיינע גרויסע פעלערן.

אומאָפּהענגיקייט, שווערע אַרבעט און רעליגיע זענען גע־ווען די דריי הויפּט־פאַקטאָרן אין וויטירס סביבה. ער האָט שטאַרק געוואָלט באַזוכן אָן אַקאַדעמיע, כדי זיך ווייטער צו לערנען, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין געלט; אַזוי האָט ער געאַרבעט אַלס שוסטער־לאַטוטניק. איר דערמאָנט זיך מסתמא אין דעם חוזק פון די טאָרי־קריטיקער: „אוועק צו דיינע זאָלבן, הער קיטס!“ און אָט געפינען מיר דאָ אויך אַ קריטיקער, וואָס חוזקט אָפּ פון דעם קוועיקער־דיכטער: „די סמאָלע ליגט אים נאָך אויף די הענט“, האָט ער געזאָגט. איר דערמאָנט זיך אויך מסתמא, ווי קיטס האָט זיך פאַרליבט אין אַ פאָרנעמע יונגע דאַמע. בעת וויטיר איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון אַ פּראָווינצער צייטונג האָט ער זיך דערוועגט אויפצוהויבן זיינע אויגן אויף אַ ריכטערס טאָכטער. ער איז גראָב אָפּגעזאָגט געוואָרן און זיך

אומגעקערט צוריק אַהיים נידערגעשלאָגן, קראַנק און אָרעם.

פונדעסטוועגן שטודירט ער ווייטער, שרייבט לידער, ער געפינט ווידער אַ רעדאַקטאָר-פּאָסטן און האָט אויסזיכטן אויף דערפאָלג אין דער פּאָליטיק. און אָט איז געקומען דער קריזיס אין זיין לעבן: די אַנטי שקלאַפן-באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן, הגם זייער אומבאַמערקט אין ניי-ענגלאַנד. וויטהיר באַפריינדעט זיך מיט וויליאַם לאָיד גערריסאָן און פאַרברענגט שלאָפלאָזע נעכט אין קאַמף מיטן מלאך פון פליכט. צו זיבנאונצוואַנציק יאָר געפינט ער זיין אויסוואַל. ער רופט אַרויס זיין שיקזאַל און שענקט אַוועק זיין שווער אָפּגעשפּאָרט געלט אַרויסצוגעבן און צו פאַרשפּרייטן אַ בראָשור אין פינף הונדערט עקזעמפּלאַרן קעגן דער שקלאַפעריי. מיר, וואָס מיר טרעטן ביים היינטיקן טאָג אַרויס קעגן דער לוין-שקלאַפעריי און מיר מוזן צוזען, ווי די קעמפער פאַר אונזער זאַך ווערן כסדר אַריינגעוואָרפן אין תפיסה, דאַרפן מיר נישט פאַרגעסן, אַז אָט דער צאַרטער קוועיקער-דיכטער איז אין מאַסאַשעט באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער און שיר נישט געלינטשט געוואָרן; אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אונטערגעצונדן זיין רעדאַקציע איבער זיין קאָפּ.

דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז ער קראַנק געווען, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט צוריקגעצויגן פון קאַמף פאַר דער זאַך. ער איז געווען אייביק אָרעם, געמוזט אויסהאַלטן זיין מוטער און שוועסטער און קיינמאָל נישט געהאַט קיין מיטלען חתונה צו האָבן. ער האָט כסדר געאַרבעט אַלס רעדאַקטאָר פון פאַרשידענע צייטונגען, געשריבן און געהאַלטן רעדעס קעגן דער שקלאַפעריי; זיינע לידער זענען וואָסאַמאָל אָפטער געדרוקט געוואָרן אין די צייטונגען. אַסאַך פון זיינע פערזן געפינט מען היינט אין זיינע „געזאַמלטע ווערק", און ביים לייענען איז מען כסדר דערשטוינט פון זייער הויכער קוואַליטעט. מען באַוואונדערט זייער פייער און זייער שטאַרקייט, ווי די שיינקייט פון זייער אויסדרוק און די שפע פון בילדער, מיט וועלכע דערדאָזיקער דיכטער האָט פאַרשטאַנען איבערצוגעבן זיינע געפילן. פונקט ווי בראַונינג אין זיין צייט, וואָס האָט אַ תל געמאַכט פון דעם אַלטן וואָרדסוואָרט אין

זיין „פאַרלוירענעם פירער", אַזוי האָט וויטהיר אָנגעגריפן דעם אָפּטריניקן וועבסטער אין זיין Ichabod.

פאַרביי, פאַרביי דאָס גרויסע אויג
דער גייסט אַוועק
ווי גלויבן שווינדט, ווי ערע שטאַרבט —
דער מענטש איז טויט.

וויטהיר געהערט נישט צו די אומזיניקע פאַנאַטיקער פון דער באַוועגונג, פאַרקערט: ער איז געווען אַ פּאָליטיקער, וואָס האָט געקענט אָנרעגן די גייסטער, וואָס האָבן געוואָלט עפּעס דערגרייכן. ער איז איינער פון די גרינדער פון דער אַבאָליציע-פּאַרטיי, פון וועלכער עס האָט זיך דאַן אַנטוויקלט די פריילאַנד-פּאַרטיי און שפּעטער אויך לינקאָלנס רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי.

אַלס קוועיקער האָט ער נישט געקענט אַקטיוו אונטערשטיצן דעם קריג, דאָך האָט עס אים נישט געשטערט צו שרייבן וועגן דעם לידער.

וויטהיר האָט קיינמאָל נישט באַזוכט דעם אוניווערזיטעט; ער איז קיינמאָל נישט אַרומגעפאָרן איבער איראָפּע, כּדי אויסצולערנען זיך אויסלענדישע מאַנירן. זיין גאַנץ לעבן איז ער געבליבן אַן אַמעריקאַנישער פּויער. ער האָט אויסגעדריקט געדאַנקען פון די פּויערים אין זייער אייגענער שפּראַך; דערפאַר האָבן זיי אים ליב געהאַט און זיי וועלן נאָך ווען עס איז צווונגען די קריטיק אים צו געבן דעם ריכטיקן אָרט.

17

דער אונטערגאַנג פון פוריטאַניזם

נאָכדעם, ווי די פוריטאַנער פון מעסטשוסעטס האָבן אויסגעהרגעט די אינדיאַנער, אָפּגעגרענעצט די פאַרמעס און אויפגעבויט שטעט, האָבן זיי זיך גענומען צו אַן אַנדער באַשעפטיקונג: צו

דעריאָגן איינער דעם אַנדערן אין געלט. די אונטערנעמונגס־פעיקע זענען אַוועק צום מערב, ווו מ'האָט געקענט מאַכן מער געלט און די איבריקע האָבן זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו דעגענערירן. דער פּוריטאַניזם האָט אָנגעהויבן צו זיין נישט דער אַגרעסיווער טוגנט, נאָר דאָס נעגאַטיווע אויסמיידן פון עבירות.

איידער דער פּוריטאַניזם איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן האָט ער נאָך אַרויסגעבראַכט אַ מאַן פון אַ גרויסן ווערט, וואָס האָט געהאַט צום פּוריטאַניזם אַזאַ לעבעדיקע באַציונג, אַז ער האָט אים גוט פאַרשטאַנען, אָבער ער איז שוין געווען אַזוי ווייט פון אים, אַז ער האָט אים געקענט איבערשאַפן אין דער קונסט.

נייטשענעל הייוטאָרן איז געבוירן געוואָרן אין סעלם, אַ האַפן ביים ים, וואָס איז אַמאָל גוט געשטאַנען, אָבער דערנאָך באַזיגט געוואָרן דורך דעם קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די גרויסע שטעט. אַ טרויעריקער אָרט, לעבעדיק בלויז אין די זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט, און מ'פלעגט נאָך דאָ פאַרברענען און דערטרונקען מכשפות און ס'האָט געהערשט אַ וואַנזיניקער רעליגיעזער טעראָר. איינער פון הייוטאָרנס זיידעס, איז אין יענע צייטן געווען ריכטער. איינער פון זיינע קרבנות האָט דעמדאָזיקן ריכטער אַמאָל פאַרשאָלטן און הייוטאָרן האָט זיך באַטראַכט, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט פאַר דעם לעצטן טרויעריקן שפּראָץ פון זיין פאַרשאָלטענעם יחוס. ער איז געווען אַן איינזאַמער שעמעוודיקער צוריקגעצויגענער מאַן. ערשט ווען ער איז שוין אַלט געווען כמעט פופציק יאָר, איז זיין טאַלענט אָנערקענט געוואָרן. פאַר דעם אָבער האָט ער פאַרבראַכט זיין לעבן אין איינזאַמע אַלטע הייזער, גאַנצע טעג געזעסן אין שטוב און בלויז אין די נאַכט־שעהן אַרומגעוואַנדערט איבער די גאַסן. ער האָט נישט געהאַט קיין שום זין פאַר פּאָליטיק און סאָציאַלע פראַגן; די פּאַסירונגען פון דער וועלט האָבן אים נישט אינטערעסירט. ער האָט געלעבט אין דער פאַרגאַנגענהייט.

דאָך האָט ער אויף אַ מאָדנעם אופן נישט געמאַכט די געדאַנקען פון דער פאַרגאַנגענהייט פאַר זיינע אייגענע געדאַנקען.

ער האָט — געהאַט פון דער באַגייסטערונג פאַר דער טאָרי-באַוועגונג פון סיר וואַלטער סקאָט. ער איז געווען אַ מאָ-דערנער מענטש און פון זיינע ביכער רעדט אַרויס אַ שטילער, סקעפּטישער הומאָר. זיין גלויבן האָט, אַזוי צו זאָגן, אויסגע-טרוקנט און קיין שום אַנדער זאַך איז נישט געקומען אויף זיין אָרט. אַזוי איז הייווטאָרן געשטאַנען אויף איין אָרט, נישט גע-ווּסט, צו וואָס, וויאַזוי און צו וועלכן צוועק. ער האָט געשריבן אויספּירלעכע טאָג-ביכער, אין וועלכע ער האָט געשילדערט אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען יעדער שעה, געשעענישן וואָס קענען אַרויסרופן אינטערעס אפשר ביי אַ קינד. ער האָט פאַרעפנטלעכט סקיצן, אין וועלכע ער האָט געשילדערט אין אַ וווּנדערלעכער שפּראַך די איבעררAַשונגען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, ווען ער האָט אין איינעם אַ רעגנדיקן אָוונט אַרומגעשפּאַצירט אין סעל-מער גאַסן: אין די קאָלוזשעס שפּיגלען זיך אָפּ די ליכטער, די געלע שיין פון גאַסנלאַמטערן, די גרויע און גרינע לאָמפּן פון די אַפּטייקן.

ער האָט געזאַמלט זעלטענע לעגענדן וועגן אַלטמאָדישע מענטשן, וואָס האָבן געפירט אַ געפייניקט לעבן פון רעליגיעזן פחד און גראָד דורך דעם געטריבן געוואָרן צו זינד, הגם זיי האָבן געפירט אַ פאַרצווייפלטן קאַמף אויסצומיידן זיי. דער גע-וויסנסביסן איז ביי הייווטאָרנען געווען דער „לאָקאַל-קאָלאָריט" און קינסטלערישע טראַדיציע. ער האָט געקענט אַלע זייערע איינצלהייטן און דאָך אַליין נישט געליטן פון זיי. ער האָט זיי געזאַמלט ווי טייערע חפצים.

זיין באַרימט ווערק איז „דער שאַרלאַך רויטער אות". דאָס בוך איז אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער באַגייס-טערונג און פון אַסאַך געהאַלטן געוואָרן פאַר דעם מייסטער-ווערק פון דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור. דער אינהאַלט איז:

אין דער צייט פון דער מכשפה-ברענענדיקער סעלם האָט זיך אַ יונגע פרוי געלאָזט פאַרפירן פון איר ליידנשאַפט צו אַ יונגן גלח. ס'איז געבוירן געוואָרן אַ קינד. די מוטער איז עפנט-לעך אָנגעקלאָגט געוואָרן און געשטעלט געוואָרן צו דער שטראָף

מיט אַ גרויסן שאַרלאַך-רויטן „A״*) אויף איר קלייד. אָבער זי האָט נישט געוואָלט אויסגעבן דעם נאָמען פון איר געליבטן, אַזוי האָט דער יונגער גלח אויסגעמיטן די שאַנד. ער איז אָבער אַריינגעפאַלן אין חרטה, וואָס איז געווען דער הויפּט-פּראָדוקט פון אונטערגייענדיקן פּוריטאַניזם.

מיר זעען דאָ דעם אייביקן „דרייעק״. ער אונטערשיידט זיך אָבער פון אַנדערע דרייעקן דערמיט, וואָס ער איז נישט די געשיכטע פון אַ ליידנשאַפט, נאָר די געשיכטע פון אַ שטראָף. מיר זעען זייער זינד נישט אין די גליקלעכע טעג פון זייער לעבן, נאָר מיר באַקענען זיך מיט זיי אין די טעג פון חרטה. ווי אין אַלע ווערק פון הייוטאָרן, באַגעגענען מיר נישט קיין מענטשן פון טאָט, נאָר אַזעלכע, וואָס קוקן צוריק אויף די פאַרגאַנגענע מעשים. אויך דאָס איז קונסט, און איך באַוווּנדער „דאָס שאַר-לאַך-רויטע אות״ אַלס אַ טעכניש מייסטערווערק. אויב מיר וועלן זיך אָבער דאָ פאַרנעמען מיט דער קונסט, ווי מיט אַ מענטשלעכן און סאָציאַלן פּראָדוקט, וויל איך אָנווייזן אויף וואָס אַ פאַרגייענ-דיקן און אומזיכערן באָדן עס שטייט דידאַקטיקע טראַגעדיע.

די עטישע באַזע פון דעם ווערק באַשטייט אין דער אָנ-שווינג, אַז די חתונה איז אומלעזבאַר צוליב דעם, וואָס אַ יונגע פרוי, וועלכע האָט חתונה מיט אַ זקן און קריגט ליב אַ יונגנמאַן, מיט וועלכן זי וויל האָבן קינדער — איז געצוווּנגען דורך גאָטס געזעץ ווייטער צו טראָגן די קייטן פון איר ערשטער הייראַט. אָבער לאָמיר אָננעמען, די אָנשויונגען האָבן זיך געענדערט, די מענטשהייט איז שוין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דידאַ-זיקע יונגע פרוי, וואָס בלייבט ביי דעם עלטערן און אומגע-ליבטן מאַן און פאַרנאַכלעסיקט דאָס לעבן פון דעם יונגנמאַנס קינדער, באַגייט אַ פאַרברעכן קעגן דער צוקונפט, זינדיקט קעגן אַן אור-געזעץ, פון וועלכן עס איז אָפּהענגיק די פאַרשריט פון דער מענטשלעכער ראַסע. אין אַזאַ פאַל ווערט דאָס גאַנצע בוך

*) אַדולטערעס — די, וואָס האָט פאַרראַטן.

פארוואנדלט אין אן אלטערטימלעכע זאך, וואס רופט ארויס ניי־גיר און עקל.

די אמעריקאנישע רעגירונג האט אפגעגעבן כבוד דעם גרויסן שריפטשטעלער דערמיט, וואס זי האט אים צוערשט געמאכט פאר א צאל־באאמטן און שפעטער באשטימט אלס קאנסול אין ליווערפול. הייוטארן איז שוין דעמאלט געווען א פריצייטיק פארעלטערטער מאן. ער איז אנטלאפן פון די קאלטע ענגלישע נעפלען קיין רוים, ווו עס איז אים אבער אויך נישט געפעלן געווארן. דארטן האט ער געדולדיק געזאמלט אינפארמאציעס וועגן רוימישע אלטערטימער און אנגעשריבן זיין ראמאן „דער מארמארנער וואלד־גאט", וואס ווערט אבליגאטאריש געלייענט דורך אלע אמעריקאנישע שול־לערערינס, וועלכע באזוכן די אייביקע שטאט. ווי ווייט דערדאזיקער פוריטאנער האט זיך צוגעפאסט צו דער מיינונג פון דער לאטיינישער וועלט, זעט מען דערפון, וואס געפינענדיק אסאך נאקעטע סקולפטורן, האט ער נישט געקענט באגרייפן, פארוואס די סקולפטארן האבן נישט באקליידט זייערע נאקעטע געשטאלטן. אז די הויט איז באשאפן געווארן פריער פאר דער קליידונג און וועט נאך געטראגן ווערן אפשר לאנג נאכדעם, ווען די קליידונג וועט שוין פאר־געסן זיין — איז אונזער דיכטער פון סעלם גארנישט איינ־געפאלן.

ער האט זיך אומגעקערט צוריק אין אמעריקע, וואס איז צעריסן געווען דורכן בירגער־קריג. א דעמאקראט אן דער אי־נערלעכער איבערצייגונג, האט ער אנגעשריבן א וואל־ביאגראפיע פון דעם פריילעכן און ויין־טרינקנדיקן פרעזידענט פיערס. ער האט נישט באגריפן נישט דעם בירגער־קריג און נישט דאס נייע אמעריקע, וואס איז דערפון ארויסגעקומען. אין זיינע לעצ־טע טרויעריקע טעג, איז ער געווען ענלעך צו דעם אלטן טארי סיר וואלטער סקאט, וואס האט נאך געמוזט זען דעם רעפארם־ביל און די טשארטער־באוועגונג פון דעם גאנצן אונטער־געגראבענעם לאנד. קינסטלער דארפן אין זייער יוגנט

אזוי ווייט אוועק, אז אין זייער עלטער זאָלן זיי נישט בלייבן אין אַ צרהדיקער אָפּגעשטאָנענקייט.

18

דער מלאך ישרפל

די פּוריטאַנער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין מעסעטשו־סעטס, האָבן געגלויבט, אַז דאָס גליק קאָן מען נאָר געפינען אין דער אונטערדריקונג פון אונזער „לייבלעכער נאַטור". די יונגעלייט דאַקעגן, וואָס האָבן געלעבט אין מערילענד און אין ווירזשיניען, האָבן געגלויבט אין תענוגים און זיי האָבן געגעבן זייערע לײדנשאַפטן פרייע מעגלעכקייטן. פון זייערע רייען איז אַרויסגעוואַקסן אַ קינסטלער, וואָס האָט געלערנט אַמעריקע, אַז די זינלעכע שיינקייט איז אַ מיסטישע אַנטפּלעקונג פון גאָט, אַז דיכטונג מוז זיין מוזיק, אַפילו אָן יעדן אינטעלעק־טועלן ווי אויך מאָראַלישן אינהאַלט.

אַ זון פון אַ גענעראַל פון מערילענד אַנטלויפט ער פון זיין היים און האָט חתונה מיט אַ יונגער שוישפּילערין. ביידע האָבן זיי געפירט אַן עלנט לעבן, געשטאָרבן אין אַ בוידעם־שטיבל און איבערגעלאָזט דריי קליינע קינדער. איינער פון די דריי קליינע האָט געהייסן עדגאַר פּאָ. מיר זעען אים, ווי אַ דינסט־מיידל באַרויקט אים אַ וויינענדיקן מיט אַ שמאַטקע גענעצט אין בראָנפן און באַשיט מיט צוקער. אַביסל שפּעטער אַדאָפּטירט אים אַ סענטימענטאַלע דאַמע מיטן נאָמען אַלאַן, וואָס פּאַרוואַנדלט אים אין אַ סאַלאָן־ליאַלקע און איבט אים אויס אָפּצוהאַלטן טאָאַסטן. ער איז געוועזן אַ רייצנדער קליינער פּאַרשוין, שטאָלץ, עמפּינד־לעך, עקשנותדיק. אין זיין פריעסטער יוגנט באַמערקן זיך שוין שפּורן פון זיין שפּעטערדיקן עלנט.

אַלס קינד שרייבט ער שוין געדיכטן. עטלעכע פון זיי, וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַרן צוואַנציקסטן יאָר פון זיין לעבן,

ווערן נאָך אפילו היינט געלייענט. ער שטודירט אויפן אוניווער־זיטעט אין ווירזשיניען, ווו ער טרינקט מיט די רייכע סטודענטן און שפילט אין קאָרטן. דאַן פאַרלאָזט ער דעם אוניווערזיטעט, צעקריגט זיך מיט זיין ווילטעטערין און ער טרעט אַריין אין דער אַרמעע. זיינע פריינט לייזן אים אויס און שיקן אים אַוועק קיין וועסט־פּאָנט, אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע, וועלכע איז באַרימט געוואָרן דורך דעם, וואָס זי האָט געלאָזט אַנטלויפן צוויי קינסטלער: עדגאַר אַלאַן פּאָ און דזשעמס מעק נערל וויסטלער. פּאָ האָט געשריבן לידער און געטרונקען מיט זיינע חברים קאָניאַק. ער האָט עס געטון דערפאַר, כּדי צו אַנטלויפן פון אַ לעבן, וואָס איז אים אויסגעקומען ווערט צו האַסן.

אַזוי איז ער צו צוויי און צוואַנציק יאָר געוואָרן דיכטער, רעוואָלוציאָנער און שכּור. פאַר אים ליגן נאָך אויסגעשפּרייט אַכצן יאָר לעבן, וואָס דאַרפן זיין אַן אומאויפהערלעך קעמפן. ער איז געווען גלענצנד באַגאַבט, זיינע אַרבעטן האָבן דער־גרייכט גרויס אָנערקענונג, ער האָט געקריגן רעדאַקציע־שטעלעס, אָבער ער האָט זיך אין ערגעץ נישט געקאָנט האַלטן. ער האָט געוואָנדערט פון שטאָט צו שטאָט, געקריגט זיך מיט זיינע פריינט און ער איז געווען אַזוי ווייט נישט אויפריכ־טיק און אומערלעך, ווי עס זענען מענטשן, וואָס האָבן זיך איבערגעגעבן דעם אַלקאָהאָל און אָפּיום.

און דאָ מוזן מיר זען איינעם פון די באַדויערנדע קרבנות פון דערדאָזיקער געוווינהייט און מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז זיין צניעות איז געווען ביי אים אַן איינגעבוירענע, זיינע חטאים דאַרפן מיר אַרויפלייגן אויף דער באַנעצטער שמאַטקע מיט בראָנפן. ער איז איבערגעשטיגן אין דער באַגאַבונג אַלע אַמעריקאַנישע דיכטער ביז אים; ער האָט פאַרמאָגט אמתן פייער, ענערגיע און די ריכטיקע פאַנטאַזיע; — און דאָסדאָזיקע איז צום גרעסטן טייל פאַרלוירן געגאַנגען נישט נאָר דערפאַר, ווייל דער דיכטער האָט זיך אָנגעשכּורט, ווייל ער איז געווען שטענדיק נאָענט פון הונגער־טויט, ווייל ער האָט געמוזט ווי אַ שקלאַף שרייבן סענסאַציע־ווערק, וואָס האָבן אַנטשפּראָכן

דעם געשמאַק פון זיינע געלט-גיריקע ברויט-האַרן, נאָר דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ קרבן פון פאַרדאַרבענער קונסט און פון אַ פאַרדאַרבענער לעבנס-טעאָריע. אַלס קינד האָט ער אָנגעהויבן נאָכמאַכן בייראָנען און ער איז דאַן אַריינגעפאַלן אין דעם כשוף פון קאָלערידזשס וואַנזיניקן זשעניע. אויך דאָ האָט ער באַנוצט זיין טאַלאַנט דערצו, כדי צו שילדערן אַלע מעגלעכע אופנים פון פאַרדאַרבונג און יאוש.

מיר קענען נישט זאָגן, אויף ווי-ווייט פאַס קונסט-טעאָריע איז אַ פּראָדוקט פון זיינע געוווינהייטן אָדער פאַרקערט, ווי-ווייט די געוווינהייטן זענען אַ פּראָדוקט פון זיינע קונסט-טעאָריעס. נאָכדעם, ווי ער האָט פאַרלאָזט וועסט-פּאַינט, האָט ער אונטערגעהונגערט אין באַלטימאָר. דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיט אַ קוזינע, אַ צאַרט, ליבע-דורשטנדיק קינד, וואָס איז געווען אָרים אַזוי־ווי ער אַליין. ער האָט חתונה מיט דעם קוים פערצניעריקן מיידל, ער פאַרגעטערט זי, אָבער זייער געמיינזאַם לעבן איז געווען מאַרטירעריש, ווייל די יונגע פרוי איז געווען אַ קראַנקע. זי האָט באַקומען בלוט-שטורצן און איז געשטאָרבן אויף שווינדזוכט. דער שאָטן פון דערדאָזיקער טראַגעדיע האָט פאַרטונקלט פאַס גאַנצן לעבן; זיינע שענסטע געדיכטן פאַרנעמען זיך מיט שיינע שטאַרבנדיקע אָדער טויטע פרויען.

אין זיין צעפייניקט לייב האָט געלעבט און געקעמפט נישט נאָר אַ גרויסע פאַנטאַזיע, נאָר אויך אַ גרויסער פאַרשטאַנד. פּאָ איז געווען פאַר אַמעריקע אַ קריטיקער פון אַ גאַנץ נייעם שטייגער. ער האָט נישט געגלויבט אָן אונטערשיד פון פּאַטריאָטישן און מאַרקשרייערישן גרונט. ער האָט געמשפט לויט אַ שטרענג קריטישן שטאַנדפּונקט — ריכטיק אָדער פאַלש — און באַצויגן זיך צו שיין-קינסטלער אומברחמנותדיק. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געהאַסט געוואָרן און מ׳האָט אים שטאַרק אָנגעגריפן און זיינע שוואַכקייטן זענען געווען פאַר יעדן איינעם אַ גוטער שיס-פּונקט.

זיינע קונסט-טעאָריעס זענען געגליכן צו יענע, וועלכע

איך ווײַל אין דעמדאָזיקן בוך אָפּשאַפן; ווי פאַלש און געפערלעך דידאָזיקע טעאָריעס זענען, באַווײַזט פאָס לעבן. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אין איינער פון זײַנע יוגנט-געדיכטן גיט ער אַן אויסדרוק אַ גאַנץ אַנדערע אָנשויאונג. ציטירנדיק צו אַזוי-גערופענעם קאָראַן-ציטאַט וועגן דעם מלאך ישרפל, וואָס זײַנע „האַרצסטרונעס זענען קולות", דערקלערט ער:

„דו ביזט גערעכט, ישרפל,
וואָס פאַראַכטעסט
איין ליד אָן לײַדנשאַפט.
ווײַל דיר געהערט דער לאָרבער-קראַנץ, בעסטער זינגער,
ווײַל דו דער קלוגסטער ביזט"

אַפנים, אַז דעם געפײַניקטן פאָעט פון באַלטימאָר האָט זיך פאַרבענקט נאָך דער חכמה פון אַ מאַכמעדאַנישן מלאך. ער מאַכט אַ תל פון זײַנע גרויסע אַנאַליטישע פעיקייטן, בעת ער פאַרנעמט זיך מיט אַנטפּלעקן אַלע מעגלעכע קריפּטאָגראַמען, וואָס מענטשן מיט לײַדיקע קעפּ שיקן אים צו. ס'איז פונקט אַזוי, ווי אַ מענטש וואָלט אויפגעבויט אַ ריזיקע מאַשין, און ער באַנוצט זיך מיט איר צו צעבלאָזן די לופט. אין זײַנע לעצטע טרויעריקע יאָרן, האָט פאָ אָנגעשריבן אַ קאָמפּליצירט מעטאַפיזיש ווערק. ער האָט עס אַ נאָמען געגעבן: „הערעקאַ", מיט וועלכן ער האָט געוואָלט אויסדריקן, אַז ער איז קלאָר געוואָרן אין די געהיימנישן פון די יאָרהונדערטער, אַז ער האָט אַנטדעקט דאָס וועזן פון יש און פונם אַבסאָלוטן. פונקט ווי אַלע מעטאַפיזישע ווערק, איז אויך דאָס נישט מער ווי אַ שפּינגעוועב פון ווערטער; די ריזיקע מאַשין איז דאָס מאָל געלאָפן אין לײדיקן חלל.

פאָ איז אין משך פון זײַן גאַנץ לעבן געווען קעמפער און אַ לײַדנשאַפטלעכער פּראָפּאַגאַנדיסט. ער האָט געקעמפט פאַר דער קונסט, פאַר איר פרײַהייט און הערלעכקייט; אָבער זי איז אים אויסגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיטן טאָג-טעגלעכן לעבן פון די מענטשן, מיט זייערע געפילן פון ברידערלעכקייט און סאָלידאַריטעט. דאָס לעבן האָט זיך אין

אים נוקם געווען, זיין שטראָף איז געווען אַ געגוג שווערע, און מיר וואָלטן זיך צופרידנגעשטעלט דערמיט בלויז אים אויסצודריקן מיטלייד — ווען זיינע קונסט-טעאָריעס וואָלטן שוין נישט געלעבט און זיי וואָלטן שוין נישט פאַרדאָרבן אַנדערע, יונגע קינסטלער פונקט ווי אים. דערפאַר מוזן מיר אונטערציען דעם טרויעריקן סך-הכּל איבער די קברים פון די „מעכטיקע דיכטער", וואָס זענען געשטאָרבן אין עלנט, כדי צו פאַרשפּרייטן די לערע פון זייער לעבן.

19

דער גוטער גרויער דיכטער

עדגאַר אַלאַן פּאָס לעבן און ווערק זענען אַ פּרוּוו צו באַווייזן די סתּירות צווישן קונסט און עטיק. איצט גייען מיר צו אַן אַנדערן דיכטער, וואָס זיין לעבן און ווערק באַווייזן, אַז קונסט איז גאָרנישט, אויב זי איז נישט געפּאָרמטע עטיק. ער גלויבט אין זיין שליחות, וואָס איז געוואָרן דער הויפּט-מאָטיוו אין אַלע זיינע ווערק. ער געהערט צו די גרויסע נביאים, ווי דאַנטע, מילטאָן, טאָלסטאָי, ניטשע, וואָס זעען אין דער קונסט אַ מיטל צו באַאיינפלוסן די נשמות פון די מענטשן.

ז'ערדאָזיקער אורטייל איבער וואָלט וויטמאַן האָט די גאַנצע וואָגיקייט פון קריטישע אויטאָריטעטן אויף זיין זייט. געלערנטע און פיל הויך-געאַכטעטע אוניווערזיטעט-פּראָפעסאָרן האָבן אינם דאָזיקן גייסט געשריבן איבער וואָלט וויטמאַנס ווערק און זיי האָבן נישט פאַרלוירן זייערע שטעלעס. אין וויטמאַנס לעבנס-צייט איז געווען לחלוטין אַנדערש; דעמאָלט האָבן די חשובע לייט אים געהאַלטן פאַר אַ וואָנזיניקן אַפּיקורס. די ערשטע אויפלאַגע פון די „שטרוי-בינטלעך" — דאָס בוך האָט ער געלאָזט דרוקן אין טויזנט עקזעמפּלאַרן אויף אייגענער

הוצאות — איז געבליבן ליגן, אחוץ די עקזעמפלארן, וואס ער האט אוועקגעשאנקען, און אפילו פון די, האט מען אים עטלעכע צוריקגעשיקט, צווישן אנדערע אויך דער דיכטער ווהיטלער. א קריטיקער האט געשריבן: וואלט וויטמאן פארשטייט זיך אויף קונסט, „פונקט ווי א חזיר אויף מאטעמאטיק". אן אנדערער האט דערקלערט: „וויטמאן פארדינט עפנטלעך אויסגעפאטשט צו ווערן". דער דיכטער האט פארלוירן זיין מלוכה-שטעלע אין וואשינגטאן, ווייל ער האט איבערגעלאזט אויפן שרייב-טיש אן עקזעמפלאר פון זיין אייגן בוך. זיינע פארלעגער זענען כסדר געווען אונטער דער דראונג פון א פראצעס און געצוואונגען געווען צוריקצוציען דאס בוך פון פארקויף. דער איינציקער חבר פון זיין צייט, וואס האט באמערקט וויטמאנס זשעניע, איז געווען עמערסאן; אבער ווען וויטמאן האט אין דער צווייטער אויפלאגע פון די „שטרוי-בינטלעך" פארעפנטלעכט פון אים אן אנערקענענדיקן בריוו, האט דאסדאזיקע עמערסאנען אריינגעבראכט אין גרויס פארלעגנהייט; וואָרים איבער דער צייט האבן זיינע צארנדיקע פריינט אים אריינגעבראכט אין ספקות. דערפון איז געדרינגען, אז ס'איז נישט לייכט אפצושאצן די אייגענע חברים פון דערזעלבער צייט.

וואלט וויטמאנס עלטערן זענען געווען פארמער אויף א ווייטן טייל פון לאנדזש-אויסלאנד. שפעטער איז זיין פאטער געווארן א טישלער און זיי האבן זיך אריבערגעצויגן אין דער דעמאלט נאך קליינער שטאט ברוקלין.

צו צוועלף יאר איז וואלט געווארן שיק-יונגל אין א ביורא. ער האט אסאך געלייענט, געווארן לערער און רעדנער. ער איז געווען אן אבאליציאניסט, אלקאהאל-אבסטינענט און ער האט פארמאגט נאך אנדערע „מאדנע אייגנשאפטן"; א שווערער און אן עקשנותדיקער האט ער זיך געשלעפט פון ארט צו ארט, באקענט זיך מיט כלערליי מענטשן, באאבאכטעט דאס לעבן, גישט טראכטנדיק וועגן דערפאלג. צוליב זיינע אנשויונגען וועגן דער שקלאפעריי, האט ער זיך אפגעזאגט פון א גוטער רעדאקטאר-שטעלע. וויטמאן האט געשאפן דעם נייעם טיפ

מענטש, וועלכן מ'קאן שוין היינט אפטער טרעפן אין דער אר־בעטער־באוועגונג: דער מענטש, וואס פארדינט אויף חיונה פון אייגענער ארבעט, כדי אין די פרייע שעהן זיך אפצוגעבן מיט לערנען און שטודירן דאס לעבן. די פאמיליע זיינע האט אים ליב געהאט, אבער זי האט אים נישט פארשטאנען, זיי האבן אים געהאלטן פאר פויל, ווען ער איז געגאנגען ליידיק און זיך פארטיפט אין זיינע געדאנקען.

ער איז אבער געגאנגען מיט זיין אייגענעם וועג, גע־טריבן פון זיין געניאלן כח. ער האט געוואלט זיך באקענען מיט מענטשן, מיט יעדן שטייגער, וואס עס גיבט נאר, רעדן מיט זיי, פילן זיך ווי איינער פון זיי אלע. ער האט געארבעט מיט ערד־ארבעטער, געפלוידערט מיט די פאסאזשירן אויף דער שיף, געחברט זיך מיט אמניבוס־אנטרייבער. ער האט אויף אן אמת געוואלט זען אמעריקע, און אזוי ארום האט ער געוואנ־דערט ביז אויף יענער זייט ניו־ארלעאנס און צוריק. ער האט זיך געוואלט באקענען מיט דער ליטעראטור, האט ער אנגעהויבן לייענען; אבער תמיד האט ער געלייענט דאס, וואס איז געווען לויט זיין געשמאק, נישט לאזנדיק זיך באאיינפלוסן פון פרעמדע אנשויונגען. אז ער האט זיך גענומען דערצו צו געבן אן אויס־דרוק זיין „איך”, האט ער זיך ארויסגעוויזן אלס נאך נישט גע־וועזענער ”איך” אין דער ליטעראטור ביז איצט און דאס דער־שיטערנדיקסטע קול, וואס מ'האט אין אמעריקע געהערט.

אסאך מאל געשעט, אז מיר באקענען זיך מיט נייע און לעבעדיקע באוועגונגען פון די קעגנערס שריפטן. איך אליין האב זיך באקענט מיט וואלט וויטמאן דורך אן עסיי פון סידנעי לע־ניער, א חשובער דזשענטלמאן־דיכטער פון די דרום־שטאטן, וואס האט באוויזן, אז וויטמאנס באהויפטונג, אז ער איז די שטים פון דער דעמאקראטיע, איז אן אומזין; די מענטשן פילן נישט קיין שום אינטערעס פאר דערדאזיקער עקסצענטרישער פאעזיע און זיי פארשטייען נישט, וואס דער דיכטער וויל.

צי מוז א דיכטער אומבאדינגט געאכטעט ווערן פון די, פאר וועלכע ער שרייבט? אדער צי איז מעגלעך, אז ער זאל

דערציילן וועגן מענטשן עפעס אזוינס, וואס זיי אליין ווייסן נאך נישט? ווען עמעצער רייסט עפל, פאלן זיי ביידע, ער און די עפל, ארונטער דעם גראוויטאציע-געזעץ. סיר איזאק ניוטאן קומט דא צו גיין און ער דערקלערט אונז דאס פארהאלטן זיך פון דעם מאן און פון די עפל. איז די ריכטיקייט פון ניוטאנס לערע אפהענגיק אן דער צושטימונג פון דעם עפל-רייסער?

וואלט וויטמאן האט ווירקלעך געקענט דאס אמעריקאנישע פאלק, די גאסן אין זייער קעגנזאץ צו דעם קולטיווירטן הייפל. ער האט, זי געקענט, ווי נאך קיין שום דיכטער ביז אים. ער האט געגלויבט, אז עס ווירקן אין זיי ריזיקע אינסטינקטיווע כחות, אז ער, דער דיכטער און נביא, וועט קענען באנעמען און אנפירן מיט דערדאזיקער אומבאוווסטער מאסע. ער האט געגלויבט, אז ער גרייט צו דעם וועג פאר דער דעמאקראטיע, זאגט ארויס זייערע ווונטשן און בענקשאפטן, די ליבע, חברשאפט און סאלידאריטעט, וואס וועט אמאל פארקערפערט ווערן אין אינסטיטוציעס און אין קונסט. צי זיינע השגות און מיסטישע נביאות זענען געווען אמת, דאס וועט אונז ווייזן די צוקונפט. צוויי טיפן פון וויטמאנס צייט-חברים, האבן דאס נישט געקענט אפשאצן: דער אומוויסנדער און אומזיכערער לוין-שקלאף און דער חשובער הער פון זשארזשיא, וואס האט געשריבן רייצנדע, אבער קאנווענציאנעלע פערזן וועגן בלומען, טייכן און פייגל.

וואלט וויטמאן געהערט צו יענע מיסטיקער, פאר וועלכע דאס אינערלעכע וועזן פון אלע זאכן איז גלייך. יעדנס לעבן איז הייליק, אלע מענטשן זענען ברידער. אויך יעזוס האט דאסדאזיקע געפריידיקט, און אין משך פון די ניינצן הונדערט יאר, וואס זענען אפגעלאפן זינט זיין טויט, האבן זיך באוויזן פון צייט צו צייט נייע נביאים און אנגעזאגט דידאזיקע לערע; אבער די אזויגערופענע קריסטן האבן זיך תמיד אויפסניי איבערגעשראקן און זיי זענען געווארן צארנדיק. דער טיטול פון וויטמאנס ווערק „שטרוי-בינטלעך" דריקט אויס, אז ער האט אויסגעקליבן פאר א סימבאל פון די מענטשן, דעם אלטעגלעכסטן,

נישט אין די אויגן זיך וואַרפנדיקן פּראָדוקט פון דער נאַטור. דער דיכטער אַליין איז געווען איינער פון דעמדאָזיקן שטרוי־בינטל; ער אַליין האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם פאָרטרעטער און די שטימע פון די איבעריקע. ער האָט געזונגען דאָס ליד פון זיך אַליין, און די חברים פון זיין צייט האָבן דאָסדאָזיקע אָנגענומען פאַר פּרימיטיוון און באַרבאַרישן עגאָיזם. דער גרויסער בערדיקער פאַרשוין, וואָס האָט אַליין געדרוקט זיינע געדיכטן, פאַרזעגן זיי מיט אַן איינלייטונג וועגן זייער ווערט און געלאָזט זיך אָפּפאָטאָגראַפירן אָן אַ שניפּס — איז פאַר די קריטיקער געווען נישט מער ווי אַ שלעפּער, קעגן וועלכן מ׳דאַרף מאָביליזירן די פּאָליציי.

צום ערגסטן זענען זיי אָנגעפאַלן אויף יענער טייל פון בוך, וואָס האָט געהייסן „אדמס קינדער" און האָט זיך באַשעפטיקט מיט סעקסועלע ענינים. דיביידע אַנגלאָ־זאַקסישע פעלקער זענען געווינט געווען וועגן געשלעכטס־פראַגן אָדער צו שווייגן איבערגעשראָקן, אָדער גאָר מיט אַ שמוציקער ציינקריצעניש פליסטערנדיק צו דערמאָנען. וואָלט וויטמאַן אָבער האָט אויפגעפּאַסט דאָס געשלעכטלעכע, ווי דאָס, וואָס עס איז אינדעראמתן, ווי אַ טייל פון לעבן, וועגן וואָס ער האָט געשריבן פּונקט ווי וועגן אַנדערע זאַכן. דעמדאָזיקן טייל פון זיין שליחות האָט ער אָפּגעגעבן אַזויפיל אָרט, וויפל ס׳איז אים געקומען און נישט מער; ער איז געווען אַ ריינער מענטש, וואָס האָט געפירט כמעט אַן אַסקעטיש לעבן, און ער האָט געפּרוּווט צו אַנטוויקלען זיין גייסט פּונקט ווי דעם קערפּער.

דער בירגער־קריג איז אויסגעבראָכן, און איצט ווייזט זיך אַרויס וויטמאַנס מאָראַלישע גרויסקייט. ער גייט אַוועק אַלס קראַנקן־פלעגער קיין וואַשינגטאָן, לעבט כמעט פון דער לופט, פאַרבראַכט זיין גאַנצע צייט אין די שפּיטעלער, ברענגט הילף און אַ טרייסט צו די טויזנטער ליידנדיקע זעלנער. ער איז געווען אַ זשעני פון פריינדשאַפט; אַלע האָבן אים ליב געהאַט. מען דערציילט אַסאַך געשיכטעס וועגן מענטשן, וועלכע ער האָט מיט זיין ליבע און הילף־גרייטקייט געראַטעוועט דאָס לעבן. ער

איז געווען הויך געוויקסיק, ברייט-פּלייציק מיט רויטע באַקן און אַ באָרד, וואָס איז אין די מלחמה-יאָרן געוואָרן גרוי. ס'איז אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז ווען לינקאָלן האָט באַקענט וויטמאַנען, האָט ער געזאָגט וועגן אים דאָסזעלביקע, וואָס נאַפּאָלעאָן וועגן געטע: „דאָס איז איין מענטש!“

„דער גוטער גרויער דיכטער“, ווי זיינע פריינט האָבן אים גערופן, האָט פון דידאַזיקע שווידערלעכע סצענעס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, פאַרלוירן זיין געזונט; פון דאַן אָן איז ער שוין נישט געווען מער אינגאַנצן אַ געזונטער. ער האָט פאַרעפנטלעכט נאָך איין באַנד: „פּויקן-קלעפּ“, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער מלחמה. דער גאַנצער עגאָיזם, וואָס מ'האָט אים נאָר געקאָנט פאַרוואַרפן, איז איצט פאַרצערט געוואָרן ווי פון פלאַמען; ער אַנטפּלעקט פאַר אונז אַ פאָלק, וואָס איז גרויס געוואָרן אין קאַמף. אין יאָר 1871 איז דערשינען זיין פראַנצוויזיש ווערק: „דעמאָקראַטישע אויסזיכטן“, אין וועלכן ער באַווייזט אונז בולטער זיין שליחות איידער אין זיינע געדיכטן. אין דעמדאָזיקן בוך רופט ער צו אַ נייער קונסט, וואָס זאָל זיך שטיצן אויף ברידערלעכקייט און גלייכהייט. די דעמאָקראַטיע פון אונזער נייער וועלט— האָט ער דערקלערט—איז ביז איצט נאָר אַן אומדערפאָלגרייכע זאַך, סיי פון סאָציאַלן און ווי אויך פון אמת רעליגיעזן, מאָראַלישן, ליטעראַרישן און עסטעטישן שטאַנדפּונקט.

וויטמאַן האָט געקריגן אַ האַרץ-שלאַג, אָבער ער איז געזונט געוואָרן, און אים ווידער באַקומען. אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן איז ער געוואָרן ערטערווייז פאַראַליזירט. לכתחילה איז אים אויסגעקומען שווער צו ראַנגלען זיך מיט דער אָרימקייט, שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרום אים צו דרייען פריינט און ער האָט אָנגעהויבן ווערן באַרימט. די אַרבעטער-באַוועגונג האָט זיך דאַן אָנגעהויבן פאַנאַנדערוואַקסן, און זייערע פירער האָבן אַנטדעקט, אַז דערדאָזיקער אַלטער דיכטער האָט פאָראויסגעזען דאָס, וואָס זיי ווילן דערפילן. „מיין רוף איז דער רוף צום קאַמף, — איך שפּייז די טעטיקע רעוואָלוציע“. און זינט דעמאָלט שפּייזט יעדע נייע רעוואָלוציאָנערע גענעראַציע

ליטערע נשמות מיט וויטמאַנס אויפמונטערונג, באַגייסטערונג.

ציַ זענען זיינע ווערק דיכטונג? וועגן דערדאָזיקער פראַגע קומט פאַר אַ גרויסער שטרייט. איך האַלט, אַז יעדער באַ־צייכנונג איז אַ נעבנזאַך; עס האַנדלט זיך אין אַ באַגייס־טערט געזאַנג, וואָס האָט דערשיטערט די מענטשן, וואָס זענען געווען געפּילפּול פאַר זיינע אידעען. אין משך פון גאַנצע צוויי יאָר, בעת איך האָב מיך פאַרנומען מיט שרייבן מיין ראָמאַן „שקלאַפעריי", האָב איך מיך פאַרטיפט אין דער ליטעראַטור פון דעם אַמעריקאַנישן בירגער־קריג און דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן גלויבן, אַז אין דעם ווערק: „פויקן־קלעפּ" פילט מען דעם גלות און די גאַנצע פּיין פון קאַמף.

די קריטיקער האָבן זיך פאַמעלעך צוגעוווינט צו וויטמאַנס ערלעכקייט בנוגע סעקסועלע פראַגן, זיי זענען גאָר נאָך אָנגעפאַלן אויף זיין בפרטיותדיק שילדערן. אַז ער האָט באַזונגען דעם מענטשלעכן קערפּער, האָט ער אויסגערעכנט אַלע זיינע טיילן. צי קאָן דאָס הייסן דיכטונג? מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז וויטמאַן איז געווען אַסאַך מער נביא ווי דיכטער; וואָלטן שטיינער געהאַט נעמען, וואָלט זיי וויטמאַן איינציקווייז אויסגערעכנט, יעדער שטיין וואָלט געוואָרן אַ מיסטישער סימבאָל און אַ פּועל־יוצא פון אַ מיסטישן כשוף. דאָס איז אַן אַלטער אויפטו פון יענע מענטשן, וואָס ווענדן זיך צום אונטערבאַוווסטזיין; דעמדאָזיקן אויפטו געפינען מיר אויך אין אַן אַנגליקאַנישן געבעט־בוך: „אַלע זאַכן מוזן אָפּגעבן אַ לויב צו גאָט, רימען אים און אייביק שעצן". דער כאָר רעכנט אויס די איינצלנע זאַכן: „רעגן און טוי... פייער און היץ... בליץ און וואָלקן... בערג און בערגלעך... ימים און טייכן... אַלע פייגל אונטערן הימל...! אַלע ווילדע חיות און די גאַנצע פי..." און אַזוי ווייטער: אַלע באַשעפע־נישן פון גאָט ווערן אויפגעפאָדערט אָפּצוגעבן אַ לויב זייער באַשעפער. אַלס מיסטיקער קאָן מען מיטן גרעסטן יראת־הכבוד באַוווּנדערן יעדעס איינצלנע וווּנדערבאַרע ווערק פון דער גע־היימניספולער באַשאַפונגס־קראַפט, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דאָס מענטשלעכע לייב.

דאָס מיסטישע לעבן איז פול מיט געפאַרן און, ליידער אויך פול מיט לאַנגווייל. וויטמאַן האָט געקריגן אַ גרויסע צאָל נאָכמאַכער ; איך האָב געלייענט זייערע „פרייע פערזן" און איך מוז צוגעבן, אַז זיי זענען מיר אויסגעקומען ווי אַ שאָד מיין צייט צו לייענען און אַ שאָד די מחברימס צייט זיי אָנצו-שרייבן. פונקט אַזוי האָבן זיך אַסאַך וויטמאַן-עפיגאָנען צופרי-דנגעשטעלט דערמיט, נאָכצומכאָן זיין עקסצענטרישקייט, אָבער נישט זיין צניעות. עס איז טאַקע אַסאַך פשוטער אַרומ-צושלעפן זיך אָן אַ קראַוואַט, ווי צו זיין אַ זשעני און צו שאַפן אַ נייע קונסט-פאָרם. וויטמאַן איז נישט דער איינציקער מענטש, וואָס האָט געליטן אין זיין יוגנט, אויך יעזוס האָט איבערגע-לעבט דעמדאָזיקן טרויעריקן שיקזאַל און פונקט אַזוי אויך ניטשע, טאָלסטאָי און אַסאַך אַנדערע נביאים.

20

קרויט-באָרשטש.

די אונטערשיידן צווישן אַמעריקע און רוסלאַנד זענען זייער בולט און וואַרפן זיך אין די אויגן. איידער מיר וועלן איבערגיין צו דער רוסישער ליטעראַטור, מוזן מיר זיך פריער באַקענען מיטן רוסישן לעבן. אין אַזאַ לאַנד, ווו די זון באַהאַלט זיך אין טייל ערטער אויף גאַנצע זעקס חדשים, ווו עס רוישן ריזיקע שניי-שטורעמס, זענען די מענטשלעכע ברואים געצווונגען צו זיצן ביים אויוון און צו טראַכטן וועגן דער נשמה.

אַחוץ דעם ליידן זיי מאַסנווייז פון לעבער-קראַנקהייט און גריבלען זיך וועגן דער זינלאָזיקייט פון דעם לעבן.

— פאַרגעס נישט, אַז אין אַמעריקע קען אויך זיין זייער קאַלט — וואָרנט אים פרוי אָגי.

— יאָ, דערפאַר געפינען מיר טאַקע אין דער אַמעריקאַני-שער קונסט אויך מיסטיציזם און מעלאַנכאָליע. דער אונטערשייד

באַשטייט אין דעם, וואָס די אַמעריקאַנישע באַפעלקערונג זעעט מיט פיל יאָרהונדערטער פריער איבערגעקומען דעם דעספּאָטיזם. דער פּאַרטראַכטער, זיך-גריבלענדיקער קאָלאָניסט פון ניי-ענגלאַנד האָט אָנגעהויבן צו קומען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון שטאָט-באַלעבאַטים, כדי אויפצושטעלן אַ פּלאַן פון אַ נייער גאַס, וואָס מען זאָל לייגן אויפן פרילינג. דער רוס אָבער, קען עס זעלבסטשטענדיק נישט טון, ווייל ער מוז פריער באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער מאַכט. קוים דערוועגט ער זיך יאָ צו טון עפּעס זעלבסטשטענדיק, שלאָגט מען אים אַזוי לאַנג מיט רימענס, ביז ער גיט זיך אונטער. דעריבער האָט זיך די רוסישע גריבלעריי פאַרוואַנדלט אין פאַרצווייפלונג. ער שיכורט, מאַכט גוואַלדן, שלאָגט, זיינע שכנים און גריבלט זיך דערנאָך וועגן דעם, אויב דער רבונו של עולם וועט אים מוחל זיין אָדער וועט אים אויף אייביק פאַרשעלטן. ער מאַטערט זיך מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם אַזוי לאַנג, ביז ער ווערט אָדער משוגע אָדער אַ שרייבער פון אַ ראָמאַן.

— אָפט מאָל געשעןביידע זאַכן — מיינט פרוי אָגי.

די רוסישע קונסט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט איז באַהערשט געווען דורך דעספּאָטיזם. ס'איז געווען אַן אומגעהויערע מלוכה מיט הונדערט מיליאָן איינוווינער, ענערגישע שטרעבנדיקע מענטשן, און דער הערשנדיקער קלאַס לאָזט זיך פאַרפירן פון דער אילוזיע, אַז ער קען איינפירן די מאַטעריעלע מאָדערנע ציוויליזאַציע און אין דער זעלבער צייט צוריקהאַלטן דעם מאָדערנעם גייסט און די מאָדערנע נשמה. די יונגע רוסן זענען געפאָרן קיין אויסלאַנד, האָבן זיך אָנגענומען מיט אייראָפּעישע געדאַנקען און ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָבן זיי באַלד איינגעזען, אַז דער מינדעסטער פּרווו אויפצוקלערן אָדער צו אָרגאַניזירן דאָס פאָלק, ווערט באַשטראָפט מיט געפענגעניש, ענויים, פאַרשיקונג, קאַטאָרגע אָדער תליה. נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל שטורמען איבער רוסלאַנד די כוואַליעס פון בונט, אָבער יעדעס מאָל ווערן זיי צעשלאָגן אָן די קעגן-כוחות פון אונטערדריקונג. גייסטיקע אויפוואַכונג, וואָס איז געשעצט אין אַמעריקע, באַדייט אין רוסלאַנד

געהיימע און פארברעכערישע פארשווערונג. די יוגנט, וואס איז פאראורטיילט געווארן צו שטענדיקע יסורים, הויבט זיך אן צו גריבלען אן אן אויסוועג,—דאס, וואס מיר האלטן פאר די שטריכן פון סלאווישן כאראקטער.

ס'איז געווארן אן אנגענומענער כלל, אז דער רוס איז נישט פעיק צו קיין שום טאט, אז ער איז נישט מסוגל אויסצופירן א באשלוס, אז ער קען קיין שום זאך נישט טון אחוץ טרינקען טיי און צו פארגיסן טרערן איבערן מענטשנס גורל. אט איז געקומען די רעוואלוציע, און מיר מוזן מודה זיין, אז דידאזיקע מיינונג איז א פשוטער אומזין. היינט פירן זיך שוין די רוסן אויף פונקט ווי אנדערע מענטשן, זיי האבן אויפגעהערט צו טרינקען, זיי האלטן אפ פארזאמלונגען, זיי האבן פלוצלונג דערפילט א שטארקע באגייסטערונג דערפאר, וואס מיר אמעריקאנער רופן אן: שנעלער טעמפא און אינטענסיווע ארבעט; זיי האבן באקומען א זין דערפאר, וואס מען קען אויסנוצן אין דעם אויגנבליק. דער רוסישער פויער, וואס מ'האט זיך פארגעשטעלט פאר דעם גרויסן תם מיט א לאנגער באָרד, מיט תחנונימדיקע אויגן צום הייליקן פאטערל אין ווינטער-פאלאץ און צום פאטער אין הימל — ווייזט זיך ארויס פאר א פויער ווי אלע אנדערע פויערים אין דער וועלט, דאס הייסט ער פארלאנגט מער ערד און ווייניקער שטייער-איינמאנער.

די רוסישע ליטעראטור איז א גרויסע ליטעראטור, ווייל זי האט געגעבן אן אויסדרוק די האפענונגען און די פארלאנגען פון א גרויס, נאך פרייהייט-דורשטיקן פאלק. זי איז אויך, צו באוווסטזיניק אדער נישט, א רעוואלוציאנערע ליטעראטור. זי איז פול מיט אידעען, ווייל זי האט געמוזט פארבייטן אלע פארבאטענע וויסנשאפטן, פאליטיק, נאציאנאל-עקאנאמיע און סאציאל-פסיכאלאגיע. זי פארמאגט א פארצווייפלטן ערנסט, ווייל זי איז געשאפן געווארן פון ליידנדיקע מענטשן. מיט א צוואנציק יאר צוריק האב איך זיך באקאנט מיט אן אדאפטירטן זון פון מאקסים גארקי, וואס האט געארבעט בייטאג אלס זעצער, ביינאכט אבער שטודירט ער די אמעריקאנישע ציוויליזאציע. איינע פון זיינע

באמערקונגען איז מיר געבליבן אין זכרון: „די אַמעריקאַנער האָבן קיין איינמאָל געוווסט, וואָס דאָס איז אַזוינס אַן אינטע-לעקטועל לעבן.“ דער יונגערמאַן האָט אין זינען געהאַט דערביי אַן אַנדער לאַנד, ווו יעדער איינציקער האָט געוווסט, אַז אידעען און וויסן קענען אים קאָסטן די פרייהייט און אפילו דאָס לעבן. אין אַזעלכע אומשטענדן מוז מען זיך פריער גוט מישב זיין, איידער מען גייט אָננעמען עפּעס אַ באַשלוס. אין משך פון די לעצטע צען יאָר קענען אויך אַסאַך אַמעריקאַנער שטעלן אין אַ נסיון די פרייהייט צוליב זייערע אידעען און איבערציייגונגען; פון דאַן אָן נעמען זיי אויך טאַקע זייער ערנסט דאָס אינטעלעק-טועלע לעבן און שאַפן אַזאַ ליטעראַטור, וואָס איז אין אַסאַך פּרטים ענלעך צו דער רוסישער.

— די טראַבסט מסתּמא פון שערוואוד אַנדערסאָן — זאָגט פרוי אָגי. — ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער שרייבט אַזוי, ווייל ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף קרויט-באָרשטש.

— מענטשן וועלן עס האַלטן פאַר אַ וויץ — זאָגט אָגי. — בלויז זייער ווייניק וועלן זיך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן דער ווירקונג פון אַן הונגער-דיעטע אויף דער נשמה פון אַן עמ-פּינדלעכן צאַרטן ייִנגל. זיי וועלן אויך גישט נעמען אין אַכט, אַז די אַנאָרמאַלע סעקסועלע פאָרשטעלונגען, וואָס זענען כאַראַקטע-ריסטיש פאַר שערוואוד אַנדערסאָן, האָט אַ גרויסע שייכות דערמיט, וואָס ער איז געשלאָפן מיט דריי אַנדערע ייִנגלעך אין איין בעט. איך האַלט דאָס פאַר אַ געזעץ: אין יעדער אָרט, ווו די אָרימקייט איז אַ שטענדיקע און אַ וואַקסנדיקע און ווערט געטריבן דורך דער פּאָליצייאישער מאַכט, דאָרט וועט אויסוואַקסן אַ ליטעראַטור, וואָס איז פול מיט יסורים פאַר אירע שעפער, אָבער פון וועלכער די קריטיקער וועלן זיך אַנטציקן און אָנרופן זי „שטאַרק“ און „אמת“ און וועלן זי פאַרגלייכן מיט די ווערק פון די גרויסע רוסישע מייסטער.

21

טויטע נשמות

דער דיכטער, וואָס האָט אויפגעעפנט פאַר די רוסן אַלע מעגלעכקייטן פון זייער שפּראַך איז געווען פּושקין, איינער פון יענע שיינע יינגלעך ביי דעם לידיקגייער־קלאַס, וואָס פירן אַ צעפּאַטלט לעבן און שטאַרבן יונגערהייט. צו צוואַנציק יאָר איז ער אויך געווען, פּונקט ווי דער רוב דיכטער, אַ האָפענונגספּולער אידעאַליסט; ער האָט געשריבן אַן אָדע צו דער פרייהייט און איז דערפאַר פאַרשיקט געוואָרן. דאָרט פירט ער אַ ווילד לעבן מיט די ציגיינער, ביז דער פאַמיליע איז געלונגען אויסצופּועלן אַ באַגנעדיקונג פאַרן זון. ער קערט זיך אום צוריק צום הויף, קריגט אַ קליינעם אַמט און מוז שוין לעבן צווישן אומווייסנדיקע, לאַנגווייליקע, אַזויגערופענע „חשובע“ לייט, וואָס האָבן נישט קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר זיין טאַלענט. ער האָט חתונה מיט אַ שיינע אַריסטאָקראַטישע דאַמע, וואָס נאַרט אים אָפּ און צעבריכט אים דאָס האַרץ.

פּושקין האָט געשריבן פאָלקס־לעגענדעס און אַ גרויסע צאָל ליבע־לידער אין בייראָנס סטיל. זיין אידעאַליזם איז געווען אָפּגעטויט. ער איז געוואָרן אַ הויף־מענטש און פאַרהערלעכט אַפילו פּוילנס פאַרגוואַלטיקונג. ער האָט אָנגעשריבן אַ לאַנג עפּיש געדיכט „יעווגעני אָניעגין“, וווּ ער האָט געשילדערט די טראַגישע ליבע־שמערצן פון אַן אַריסטאָקראַטישן יונגנמאַן מיט אַלע פּרטים פון זיין לעבן: ווי ער שטייט אויף אינדערפרי, טרינקט זיין שאָקאָלאַד, לייענט איבער די איינלאַדונגען אויף בעלער און טיי־אָוונטן. מען קען מיינען, אַז אַזאַ דערציילונג קען נישט זיין גרויסע ליטעראַטור; אָבער פּושקין האָט דאָ באַהאַנדלט דאָס רוסישע לעבן און די רוסישעווירקלעכקייט; ער האָט עס פאַרשטאַנען צו מאַכן אינטערעסאַנט, פאַרטראַכט מיטן צויבער פון זיינע מעלאָדישע פערזן און אַזוי אַרום האָט ער דערלאַנגט די קלאַסישע טראַדיציע דעם ענטגילטיקן קלאַפּ.

גריכישע נימפן און פראנצויזישע פאסטוכעריגס זענען ארויס פון דער מאדע, און דער וועג פאר די רוסישע שריפטשטעלער, וואס האבן געהאט וואס צו זאגן זייער פאלק איז געווען אפן.

דערנאך איז געקומען גאגאל. ער איז געווען א קליין־רוס, דאס הייסט, ער האט געשטאמט פון אוקראינע, וואס ליגט אין דרום און פארמאגט די אייגנשאפט פון אלע דרום־לענדער צו זיין ראמאנטיש און ווארעמהארציק. גאגאל איז געווען זייער אן ארעמער אנגעשטעלטער; ער איז באריהמט געווארן דורך זיינע הומאריסטישע דערציילונגען, אין וועלכע עס מישן זיך אויס טרערן מיט געלעכטער. אין זיינע דערציילונגען איז נישטא קיין שום דייטלעכע פראפאגאנדע. האט ער דאך געוווסט, אז דאס קען אים קאסטן דאס לעבן. אויב מען האט זיך שוין געפרווט אפילו אין יענע צייטן פארטראכטן איבער פאליטישע פראגן, האט מען זיך אנגערופן א מעסיקער אדער א לינקער העגעליא־נער; דאס הייסט: מען איז אן אנהענגער פון די אידעען פון דעם דייטשן פילאזאף העגעל, אז מען פארנעמט זיך, הייסט עס, מיטן מעטאפיזישן שפינוועב און נישט מיט די ווירקלעכע פראבלעמען פון דעם לאנד און פאלק.

גאגאל האט אנגעשריבן די דראמע „דער רעוויזאר“, אין וועלכער ער האט געשילדערט, ווי א רעגירונגס־באאמטער ווערט אפגעוואַרט אין א קליינער פראווינץ־שטאט און ווי די פארשי־דענע באאמטע ציטערן דערפאר, מ'זאל נישט אנטדעקן די גרוי־סע און קליינע גנבהלעך. זיי ווייסן, אז דער רעוויזאר דארף קומען אן איבערגעטוענער און נעמען אן אן אומשולדיקן רייזנדן פאר דעם געפערלעכן מאן. צו זיין גרויסער איבערראשונג, טוען זיי אים אן דעם גרעסטן כבוד. ביים סוף עפנט דער שטאטישער פאסט־מייסטער, וואס היט אפ טריי זיינע מנהגים, דעם יונגנ־מאנס א בריוו צו זיינעם א פריינט, ווי ער דערציילט אים פון דערדאזיקער שיינער געשיכטע און חוזקט אפ פון דער שטאטי־שער מאכט. דער פאסט־באאמטער לייענט איבער דעם בריוו אין דער קעגנווארט פון די באאמטע הויך אויפן קול צו זייער גרויסער דערשטוינונג.

דער צער, וועלכן מ'האָט פאַרגעלייענט דידאָזיקע דראַמע, איז געווען אַנטציקט און באַפוילן מ'זאָל זי אויפפירן; דערמאָנט זיך, ווי דער קעניג לודוויק פון פראַנקרייך „דער גרויסער מאָנאַרך" האָט זיך אַנטציקט מיט מאָליערס חוזק איבער די הויף-לייט. דער מאָנאַרך האָט זיך געקענט פאַרגינען, אָדער ער האָט געגלויבט, אַז ער קען זיך פאַרגינען, אַז ער קען לאַכן פון אַזעלכע זאַכן. אָבער די באַאַמטע גופא קענען אָבער זייער גוט די צעשטערנדיקע קראַפט פון דעם געלעכטער.

גאָגאָל האָט אויך אָנגעשריבן אַ ראָמאַן, „טויטע נשמות". דאָרט באַקענען מיר זיך מיט אַ יונגגמאַן, וואָס וואָלט געקענט זיין אַ סטודענט פון איינער פון די טויזנט שולן, אוניווערזיטעטן אין אַמעריקע פון דער „פאַרקויפס-טעכניק". דערדאָזיקער פאַכמאַן אין דער פאַרקויף-פסיכאָלאָגיע פאַרמאָגט אַ באמת יענקישע אידעע זיך אַרויפצואַרבעטן. אין יענע צייטן זענען די רוסישע פויערים פאַרקויפט געוואָרן צוזאַמען מיט דער ערד. דער גוט-באַזיצער האָט געמוזט געבן צאָל-שטייערן פאַר אַלע לייב-אייגענע; פון צייט צו צייט האָט מען זיך גערעכנט. אויב ס'זענען געשטאָרבן דערווייל עטלעכע לייב-אייגענע, האָט דער פריץ געמוזט אָפּצאָלן פון זיי שטייערן ביז דעם נאָענטסטן חשבון. אונזער טאַלענטפולער יונגערמאַן האָט דעריבער געהאַט אַ פיינע אידעע: יעדער גוטבאַזיצער, טראַכט ער, וועט מיר מיט פאַרגעניגן פאַרקויפן דידאָזיקע „טויטע נשמות", און ווען איך האָב שוין באַקומען אַ גרויסע צאָל, וועל איך קויפן אַ שטיק לאַנד און אַ באַנק, וואָס וועט נישט וויסן, אַז זיי זענען טויט, וועט מיר אַנטלייען אַסאַך געלט.

בלויז די רייזע איבער רוסלאַנד און די שמועסן מיט די פריצים זענען שוין פאַר זיך אַליין אַ קאָמעדיע. גאָגאָל פירט אונז פון איין גוט אויפן אַנדערן, ווייזט אונז דעם עלנט פון די לייב-אייגענע, די אָפּגעשטאַנענקייט, אומצופרידנקייט און הילפס-לאָזיקייט פון די גוטהערציקע גוט-באַזיצער, וואָס זענען אַזוי שעדלעך מיט זייער אומוויסנקייט, ווי די רויע און ברוטאַלע. אַזאַ סיטואַציע פאַרשפאָרט דער שריפטשטעלער צו קאָמענטירן,

ס'איז בלויז נעגוג זי צו קענען און מען מוז זי שוין פאראורטיילן. אזוי איז גאגאלס ראמאן געווארן א רעוואלוציאנערער דאקומענט, וואס די יונגע רעוואלוציאנערן האבן געהאט גרייט, נאר צו פארברייטערן. די רעגירונג האט זיך ארייגעמישט און פארבאטן די צווייטע אויפלאגע פון דעם ווערק. שפעטער איז גאגאל, נעבעך, באפאלן געווארן פון אזא מין רעליגיעזער משוגעת; ער האט חרטה געהאט, וואס ער האט געשריבן זיינע ווערק, פארברענט א מאסע מאנוסקריפטן, צווישן זיי אויך דער לעצטער טייל פון די „טויטע נשמות.״ דערדאזיקער פאקט גיט אן אנבליק אין דער „רוסישער נשמה״. מען זעט, ווי אומענדלעך לאנג ס'איז געווען דער וועג, וואס דאסדאזיקע פאלק האט געמוזט אנלייגן פון דעם אריענטאלישן בארבאריזם ביז צו דעם מאדערנעם אינדיווידואליזם.

22

דער רוסישער האמלעט

די מאדערנע וועלט האט שטארק געדרופן און געלאקט די רוסישע יוגנט. אויף דער אויבערפלאך איז דערשינען א פעיקער שריפטשטעלער, וואס האט זיך גענומען די אויפגאבע צו מאכן רוסלאנד פארשטענדלעך פאר אויסלענדער און אויסלאנד פאר די רוסן. ער האט אפגעשטאמט פון א רייכער פריצישער פאמיליע און באקומען אן אויסגעצייכנטע דערציאונג. ביי דער געלעגנהייט פון גאגאלס לויה, האט ער געהאט דעם מוט צו רימען די ווערק פון דעם גרויסן מייסטער,—און דאס האט אזוי שטארק אויפגערעגט די רעגירונג, אז זי האט אים נישט דערלויבט ארויסצופארן פון זיין גוט. מיט דריי יאר שפעטער האט ער אויסגעפועלט די דערלויבעניש, מ'זאל אים לאזן ארויספארן קיין אויסלאנד, און די רעשט פון זיין לעבן האט ער פארבראכט

אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך, ווי ער האָט געקענט שרייבן, ווי ס'האָט זיך אים געגלוסט.

איוואַן טורגעניעווס ערשטע ווערק הייסט „נאָטיצן פון א יעגער" און שילדערט די פאַרשידענע פויערן-טיפּן, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף זיינע געיעגן. דאָס געיעג איז געווען אַן אומ-שולדיק, אַריסטאָקראַטיש פאַרגעניגן, און קיין שום רעגירונג האָט נישט געקענט נעמען פאַר אומגוט אַ הער, וואָס האָט געשילדערט די פויערים, וואָס טראָגן נאָך זיין ביקס און זיין יאַגד-פרישטיק. אינדעראמתן האָט די רעגירונג גאַרנישט געהאַט קעגן דעם, און אַזוי אַרום איז פאַר דעם רוסישן לעזער-עולם פּלוצים קלאָר געוואָרן, אַז מענטשלעכע נפשות פון אייגן פלייש און בלוט, מענטשן פון זעלביקן גלויבן זענען געקויפט און פאַרקויפט גע-וואָרן צו די פריצים אויף חסד און אומחסד, פונקט, להבדיל, ווי בהמות. אַז דאָסדאָזיקע באַוווסטזיין איז געוואָרן אַן אַלגעמיינע זאַך, איז דער צאַר געצוווּנגען געוואָרן אָפּצושאַפן דאָס לייב-אייגנטום.

טורגעניעוו האָט זיך באַזעצט אין פאַריז. ער איז געווען אַ שיינער ריזיקער מאַן, אַ רייכער ליבנסווירדיקער, פּשוטער יונ-גערמאַן, אַ באַצויבערנדיקע דערשיינונג אין דער ליטעראַטור. זיינע בעסטע פריינט זענען געווען גאָטיע און פלאָבער פון וועלכע ער האָט איבערגענומען די פולקאָמענהייט פון דער פאָרם, דעם כישוף פון בילדלעכקייט, דעם אידעאַל פון „עמיל און קאַמעען"; דאָס, וואָס ער האָט זיך נישט געדאַרפט אָפּלערנען פון זיי, איז געווען די ביטערע פאַרצווייפלונג; דאָס איז געווען זיין רוסישע אייגנשאַפט.

אין זיינע ראָמאַנען זענען די העלדן נישט תמיד גרייט זיך אונטערצוואַרפן, ווי למשל, „באַזאַראָוו דער ניהיליסט"; ער איז אַ קעמפער, אַ מענטש פון מעשים. אָבער טורגעניעוו דערציילט אונז, וואָס ער טראַכט וועגן די טרוימען פון די מענטשן פון פאַרפולקאָמענהייט, דערמיט וואָס ער לאָזט באַזאַראָוון צעשניידן זיך די פינגער און שטאַרבן פון אַ בלוט-פאַרגיפטונג. אַן אַנדער העלד זיינער איז אַ בולגאַריער און אויך

בולגאַריען איז געווען אַן אָרט פֿאַר מעשים, אָבער צום אומגליק איז ער קראַנק אויף די לונגען און ער שטאַרבט אין די אָרעמס פֿון דעם העלדישן מיידל, וועלכע האָט מיט אים אַלץ מיטגעמאַכט.

טורגעניעוון איז שווער אָנגעקומען צו שילדערן אַ מענטשן, וואָס זאָל באמת גלויבן אין עפּעס, ווייל ער איז געווען אַ קינסטלער, וואָס האָט געהאַלטן פֿון די טראַדיציעס פֿון זיין קלאַס, פֿון דעם גורל און דעם מאַנירלעכן אומגלויבן. פֿאַר אים איז דאָס לעבן געווען אַ קראַנקהייט, אין גרויזאַמען און באַרבאַרישן רוסלאַנד אַזוי גוט, ווי אין דעם פֿרייען און ציניש, אויסגעלאַסענעם פּאַריז. טורגעניעוו, וואָס איז געזעסן רויק אין אויסלאַנד האָט געשילדערט העלדן, וואָס זענען אויך געזעסן אין אויסלאַנד. ער האָט נישט געהאַט דעם מאָראַלישן מוט, אַפֿילו נישט אין געדאַנק, אַ קוק צו טון רוסלאַנד און דעם רוסישן פּראָבלעם אין די אויגן אַריין. זיינע פֿריינד זענען געווען די פּאַרטריבענע און די אינטעליגענץ, די וועלט-הולטייעס און פּאַראַזיטן, וואָס האָבן אַרומגעהוליעט אין די אייראָפּעישע הויפּטשטעט. טורגעניעוו האָט פֿיינט געהאַט דעמדאָזיקן פֿולענצער-קלאַס און אומבאַרמהאַרציק אויסגעלאַכט זיי. ער האָט זיך אָבער אויך נישט געקענט אָפּהאַלטן צו זען די שוואַכקייטן פֿון די רעוואָלוציאָנערן. די לעצטע האָבן זיך נאַטירלעך געפֿילט געטראָפֿן, ווייל זיי האָבן געקעמפֿט פֿאַר דער מענטשלעכער פֿרייהייט און זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז אַ קולטיווירטער, קלוגער מענטש איז מחויב זיי מיטצוהעלפֿן.

דערפֿאַר האָט יעדער נייער ראָמאַן טורגיעניעוון אַרויסגערופֿן גרויסע וויכּוחים. דאָס האָט שטאַרק געקרענקט דעם גוטמוטיקן ריז. ער האָט זיך געפּרוווט פֿאַרטיידיקן און כּסדר אָפּגעגעבן כּלערליי סתּירותדיקע דערקלערונגען. דער אמת אָבער איז, אַז ער האָט נישט רעכט געוווסט אין וואָס ער גלויבט. ער איז נישט געווען קיין דענקער. ער איז געווען אַן אויסשליסלעכער קינסטלער אין ענגסטן זין פֿון וואָרט, איינער וואָס האָט געזען די פֿאַקטן, און פֿאַרשטאַנען מיט גרויס טאַלענט צו שילדערן

זיי, און די דאָזיקע אייגנשאַפט האָט אים געמאַכט פאַרן ליבלינג פון דער בירגערלעכער קריטיק פון דיליעטאַנטן און „קונסט צוליב קונסט"-אָנהענגער. די פראַנצויזישע און ענגלישע איבערזעצונגען פון זיינע ראָמאַנען האָבן געהאַט אַן אומגעהויערן דערפאָלג. דער אַמעריקאַנישער שריפטשטעלער הענרי דזשעמס האַלט אים פאַר אַ גאָט. היינט אָבער קלינגט צו אונז פון רוסלאַנד אַ נייע שטים. דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט בויט אויף אַ נייע וועלט און די יונגע סטודענטן האַלטן טורגעניעוון פאַר לאַנג-ווייליק: ער קלאָגט און קרעכצט און דערגייט צו גאַרנישט. היינט זענען אויך די רוסן פעיק צו מעשים און זיי האָבן זייער פאַרעלטערטן האַמלעט אַוועקגעלייגט אויף אייביק.

23

דאָס טויטע הויז

מיט צוועלף יאָר צוריק האָב איך גערעדט אין האָלאַנד מיט איינעם אַ פריינט פרעדעריק פאַן אידען וועגן דאָסטאָיעווסקין, און אים פאַרזיכערט, אַז נישט געקוקט אויף די שטענדיקע פרווון, איז מיר נאָך קיינמאָל נישט געלונגען איבערצולייענען דעמדאָזיקן שריפטשטעלערס אַ בוך ביזן סוף. פאַן אידען אָבער האָט מיר דערקלערט, אַז דאָסטאָיעווסקי איז דער גרעסטער ראָמאַן-שריפטשטעלער פון דער וועלט און דאָס איז אַ גרויסער ליב, ווייל אידען אַליין איז אויך אַ גרויסער שריפטשטעלער. איצטער אָבער, איז מיין פריינט, אונטערן איינפלוס פון דער מלחמה, געוואָרן אַ קאַטוילישער מיסטיקער; ערשט איצט פאַרשטיי איך זיין ליבשאַפט צו די מרה-שחורהדיקע רוסן. ער איז געווען פונקט אַזאַ איבערגעלאָדענער גייסט ווי זיי, וואָס צווייפלען אין דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד און זוכן הילף און רחמנות ביי יענער אויסערגעוויינלעכער מאַכט פון אויטאָ-סוגאָסטיע, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען גאָט.

פיאָטר דאָסטאָיעווסקי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1821 אין אַ שפּיטאָל. זיין פאָטער איז געווען אַן אָרימער דאָקטאָר מיט אַ גרויסער פאַמיליע. קינדווייז האָט דאָסטאָיעווסקי געליטן קעלט און הונגער. צו פּיראונצוואָנציק יאָר האָט ער אין אַ בוידעם-שטיבל אָנגעשריבן זיין ערשט ווערק: „אָרעמע מענטשן“. דאָס בוך שילדערט צוויי ליידנדיקע ווילנלאָזע באַשעפענישן, אַזוי עכט, אַזוי „איבערגעלעבט“, אַז ס'האָט תיכף געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק.

דער מחבר איז אָנגעקומען אין די ליטעראַרישע קרייזן, וואָס האָבן אין יענער צייט געהאַט דיזעלבע באַדייטונג ווי רעוואָלוציאָנערע קרייזן. אויף זיין אייגענעם קרענקלעכן אופן האָט ער איבערגענומען די אידעען פון פוריע. ער האָט באַזוכט עטלעכע ראַדיקאַלע פאַרזאַמלונגען און אַוועק אַזוי ווייט, אַז ער האָט גענומען אַ געהיימע דרוקעריי אין זיין רשות. דער רעוואָלוציאָנערער קרייז איז אַרעסטירט געוואָרן. דאָסטאָיעווסקי איז חדשים לאַנג געלעגן אין אַ פאַרשיקטער קאַמער און לסוף איז ער מיט נאָך צוואַנציק חברים אוועקגעפירט געוואָרן אויף אַן עפנטלעכן פלאַץ צום עשאַפאָט. אין לעצטן אויגנבליק איז אָנגעקומען דער באַגנעדיקונגס-ענטפער פון צאַר. איינע פון די קרבנות איז דערווייל אראָפּ פון זינען. דידאָזיקע איבערלעבעניש האָט אויפגעטרייסלט דאָסטאָיעווסקין אין אַזאַ מאָס, אַז ער קערט זיך אַלע מאָל אום צוריק דערצו אין זיינע ווערק.

ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אויף קאַטאָרגע, ווו מ'האָט אים געשלאָגן און געפּייניקט און געמוזט לעבן מיט געמיינע פאַרברעכער. עטלעכע יאָר שפּעטער איז ער באַגנעדיקט געוואָרן און ער איז אַריין אין דער אַרמעע. אין צען יאָר אַרום האָט ער זיך געדאַרפט אומקערן קיין רוסלאַנד, ווו ר'האָט פאַראייביקט זיינע איבערלעבענישן אין אַ בוך: „זכרונות פון טויטנהויז“.

דאָסטאָיעווסקי האָט געשריבן, כדי צו פאַרדינען געלט. הגם זיינע ביכער האָבן געהאַט דערפאָלג, האָט זיך דאָך שטענדיק באַוויזן אַן אַנדערער מאַן דאָס געלט אָראָפּצושלינגען;

דער שריפטשטעלער איז תמיד גשוופן פארשולדיקט. ווייב און קינדער האבן געהונגערט און געפרארן. ער האט געשריבן שרעקלעך גיך און קיינמאל נישט גענומען זיך די צייט צו באארבעטן זיינע קונסט-ווערק. א צעבראכענער און קראנקער האט ער אלע צען טאג באקומען אן עפילעפטישן אטאק. דאס-דאזיקע שפיגלט זיך כסדר אפ אין זיינע ווערק. זיינע העלדן זענען שכורים, פארברעכער, עפילעפטיקער און געווראסטעניקער. ער דרינגט אריין אין זייערע נשמות, ער פארמט אזוי יעדן אויגנבליק פון זייער לעבן, יעדע שטימונג פון זייער עקזיסטענץ, אז זיי ווערן פאר אונז אווירקלעכקייט.

זיין גרעסטער ראמאן איז „פארברעכן און שטראף". אין דעמדאזיקן ראמאן שילדערט ער א בעל-גאווהדיקן הונגעריקן סטודענט, וואס דערהרגעט פון פלוצימדיקן אימפולס אן אלטע וווכערין, כדי זי צו בארויבן. ער פירט אויס דעם פארברעך, איז אבער צו איבערגעשראקן צו קענען צונעמען דאס געלט. דאן ווערט ער געפייניקט פון געוויסן. מירן לעבן איבער מיט אים אלע פייניקונגס-מדרגות פון חרטה. ער באקענט זיך מיט א יונג מיידל, וואס איז געווארן א גאסן-פרוי, כדי צו דערהאלטן איר בני-בית. דאסדאזיקע מיידל ברענגט אים דערצו, ער זאל זיך איבערגעבן דער גערעכטיקייט און זי גייט מיט מיט אים קיין סיביר; און זייערע ביידנס נשמות ווערן געלייטערט דורך דער ליבע.

ווען איך האב מיט עטלעכע יאר צוריק פארברענגט אין א סאנאטאריום נאך אן אפעראציע, האב איך געטראכט, אז איצט איז די פאסיקסטע צייט, איבערצולייענען דאסטאיעווסקיס אכטהונדערט זייטן פון זיין שטארקן בוך „די ברידער קאראמא-זאוו". עס האנדלט זיך דארטן אין עטלעכע ברידער פון דער-דאזיקער פאמיליע און אויך אין זייער אלטן פאטער. אלע זענען זיי כמעט תמיד שיכור און האבן צו טון מיט איין נארישער גאסנפרוי. דער אלטער פאטער האט געלט און שטייט די זין אין וועג און איינער פון זיי גרייט זיך אים אפן צו דער-הרגענען. כדי אונז אויפצומונטערן אביסל, שילדערט ער אין

מיטן אַ קלויסטער מיט מאָנאַכן, וואָס האָבן זיך פּיינט איינער דעם אַנדערן מיט אַ טויטער שנאה, חוץ דעם אַ חשובן און ליבנסווירדיקן הייליקן, וואָס אין זיין גייסט זעט מען איין אַ נייע האָפענונג פאַר רוסלאַנד און פאַר דער מענטשהייט. אָבער דער הייליקער שטאַרבט אָפּ און דער יונגסטער קאַראַמאַזאָוו, וואָס האָט אים ליב, פאַרלירט זיין גלויבן אין גאָט און אין דער מענטשהייט, וואָרום דער נס וואָס מ׳האָט דערוואַרט פון אַ מ איז אַנטרונען: פאָטער צאָסימאַ שטינקט נאָכן טויט, פּונקט ווי אַלע אַנדערע מתים. אַזוי ווייט בין איך צוגעגאַנגען אין דעם בוך. אויב עמעצער אינטערעסירט זיך מיט דער פאָרזעצונג און מיטן סוף פון דעם ווערק, מוז עס אַליין לייענען.

דאָס ווערט אין דער אמתן אָנגערופן רעאַליזם, אָבער דאָך איז עס ראָמאַנטיש און סוביעקטיוו אין דער העכסטער מאָס. דאָס איז ליידנשאַפטלעכע, יאָ, אַפילו וואַנזיניקע פּראָפּאַגאַנדע. דאָסטאָיעווסקי איז אַן אָרטאָדאָקסישער מזרחדיקער אָדער בי־זאַנטישער קריסט, ווייטער, אַ סלאַוואָפיל אָדער מיסטישער, רוסישער פּאַטריאָט, וואָס גלויבט. אַז די רוסישע נשמה איז עפּעס אַ וואונדערבאַרע און גאַנץ באַזונדערע און האָט אַ נאָענטע שייכות מיט גאָט. דידאָזיקע שייכות איז די גוט באַקאַנטע מיטל־אַלטערלעכע אָרגיע פון ליידן און הכנעה, פּיין צוליב חרטה און זעלבסט־דערנידריקונג, די פאַרהערלעכונג פון מכות, שמאַ־טעס, לייז, בעטלעריי און שלעכטע ריחות. און מיט יעדער גי־דערגעשלאָגנקייט, וואָס מ׳טראָגט איבער מיט גערולד, ווערט די נשמה דערהויבן צו מיסטישע הויכקייטן. בעת עס ווערט וואָך ביים יונגן סטודענט פון „פאַרברעכן און שטראָף“ דער באַוווסטזיין פון שולד, אַז ער האָט אומגעבראַכט אַ מענטשן, באַשליסט ער בשום אופן נישט אָפּצוקומען דערמיט, וואָס ער וועט זיינע געבילדעטע געהירן פאַרווענדן אויף נוצלעכע אַרבעט; ניין, ער גייט צו דער פּאָליציי און גיט זיך אויס פאַר די באַאַמטע, וואָס זענען גרעסערע פאַרברעכער ווי ער. די רעגירונג, וואָס איז דער שורש גופא פון מיליאַרדן אָפּשיי־לעכע פאַרברעכנס וועט אים שיקן קיין סיביר, כּדי ער און זיין

פרומע גאָסן-פרוי זאָלן זיך באַקענען מיט דער לייטערונג פון יסורים.

דערדאָזיקער זין איז נאָך קלאָרער אויסגעדריקט אין אַן אַנדער ראָמאַן, וואָס וויל פשוט דערנידעריקן דאָס קריסטנטום צו אַן אמתער טפשות. דידאָזיקע טענה דאַרף מען נישט האַלטן פאַר אַן איבערגעטריבענע, זי איז נאָר פעסטגעשטעלט דורך דאָסטאָיעווסקיס אייגענער טעזע. דאָס ווערק הייסט: „דער אידיאָט" און דער העלד איז אַ פאַרקערפערונג פון יענעם מיסטישן פסיכאָ-נייראָסטענישן קריסטנטום, וואָס געפינט די דערלייזונג אין די פרייוויליק-אויסגעזוכטע דערנידריקונג. אַוודאי איז פיל לייכטער צו ליידן, ווי נאָכצוטראַכטן, עס איז פשוטער זיך אָפּצוגעבן די עפּילעפּטישע קראַמפן און אימות און אָנצורופן זיי גאָט. אפנים, אַז די ליטעראַרישע קריטיק האָט אויך איינגעזען, אַז ביי דאָסטאָיעווסקין האָט געשפילט אַ גרויסע ראָלע דעם דיכטערס קראַנקהייט, וואָרים אין דעם גאַנצן געביט פון דער קונסט איז נישט פאַראַן קיין גרעסערע טראַגעדיע, ווי דאָסטאָיעווסקיס. אָט דער מאַן האָט געפרווט קעמפן פאַר דער פרייהייט, און דער צאַר האָט געמאַכט פון אים אַ מאַרטירער. ער אָבער האָט זיך אומגעקערט צוריק נישט ווי אַ קעמפער פאַר דער אויפקלערונג, נאָר צו ליגן אין שטוב און קושן די האַנט, וואָס האָט אים געשלאָגן. ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער רעאַקציע און ער האָט געפּריידיקט, אַז רוסלאַנדס הילף ליגט ביי די מאָנאַכן. זיין ווונטש איז דערפילט געוואָרן, דער אָפּוואַרטנדיקער מאָנאַך איז דערשינען: גריגאָרי ראַספּוטין!

איך חזר איבער, אַז איך מאַך בשום אופן נישט דאָסטאָיעווסקין קיין פאָרוורף, וואָס ער האָט געשילדערט דידאָזיקע האָפנונגסלאָזע קראַנקע און געפייניקטע, וועלכע ער האָט צום בעסטן געקאָנט. איך אַכט נישט, וואָס זייגע געשטאַלטן זענען פיבערדיקע און היסטערישע, שרייען, פאַלן אַריין אין קראַמפן, קריגן פאַרגלייזטע אויגן, קרעכצן, פאַלן און ציטערן, טרייסלען זיך, זייערע קניען וואַרפן זיך און די ציין קלאַפן, און וואָס

האָבן בייזע חלומות, מיט וועלכע עס ווערן אויסגעפילט גאַנצע קאַפּיטלעך. איך בין גרייט צו לייענען אַזעלכע זאַכן, אָבער נאָר פונם שטאַנדפּונקט פון דער נאַטורוויסנשאַפט, אָדער פון שטאַנד-פּונקט פון דער עקאָנאָמיע, וואָס באַלויכט זיי און וויל זיי פאַר-ניכטן, אָבער נישט ווי אַן אַפּאָטעאָז פון אידיאָטיזם, געפּאַרמט און אידעאַליזירט, כדי צו באַווייזן די געטלעכע טבע פון דער עפּילעפּסיע.

24

דער פוי ערן-גראַף

און איצטער קומען מיר צו צום גרויסן ריז פון צפון, צו דעם וויכטיקסטן קינסטלער, וואָס דאָס אַלטע רוסלאַנד האָט אַרויסגעבראַכט. ווען לעאָ טאָלסטאָי איז געשטאָרבן, איז ער גע-ווען נישט נאָר דער גרעסטער שריפטשטעלער פון דער וועלט, נאָר אויך פאַררעכנט געווען פאַר דער פאַרקערפּערונג פון דעם רוסישן גייסט און זיין מאָראַלישער קראַפט. זיינע ווערק זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף פינפאונפערציק שפּראַכן, וואָס זענען געלייענט געוואָרן נישט נאָר פון דער קולטיווירטער מינדערהייט, נאָר אויך פון דער גרויסער מאַסע. הגם די רעוואָלוציע, וואָס איז אויסגעבראָכן זיבן יאָר נאָך זיין טויט, האָט זיך בשום אופן נישט געהאַלטן ביי טאָלסטאָיס פּרינציפּן און זי וואָלט אים אפשר אין אַסאַך פאַלן אַנטוישט, קאָנען מיר פונדעסטוועגן זאָגן, אַז פונקט ווי רוסאָ האָט דערנענטערט מיט זיין איינפלוס דעם אָנקום פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַזוי האָט טאָלסטאָי דערנענטערט די רוסישע רעוואָלוציע און זיין גייסט האָט פיל מיטגעהאָלפן זי צו פאַרווירקלעכן.

לעאָ טאָלסטאָי האָט אָנגעהערט צו דער אַריסטאָקראַטיע. אַלס שריפטשטעלער האָט ער מחמת דעם גענאָסן פון דעמזעלבן מזל, וואָס בייראָן; די קריטיקער זענען געווען גרייט צו לייענען

זיינע ביכער. דער ברייטער עולם האָט זיך אינטערעסירט מיט אים און וואָס ער האָט נאָר געטון אָדער געזאָגט, האָט מען פאַרעפנטלעכט אין די צייטונגען. זיינע פריינט און זיינע קרובים האָבן אָנגעהערט צו הויף-קרייזן; ער האָט געקאָנט רעדן מיטן צאַר, ווי אָפט ס׳האָט זיך אים געגלוסט. מחמת דעם איז ער — גראָד ער — געווען באַשיצט פון פּאָליציייִשן סיסטעם, וואָס האָט באַלעבאַטעוועט מיט גאַנץ רוסלאַנד. ער האָט באַקומען, ווי ס׳איז געווען דער שטייגער אין זיינע קרייזן, אַ גוטע דערציונג, און אַלס יונגערמאַן האָט ער געפירט אַ לעבן פון אַן אַריסטאָקראַטיש לײדיקגיין און פריילעכן לייכטזין. אָבער נאָך גאַנץ פרי אין זיין יוגנט האָבן אים געפּייניקט רעליגיעזע און מאָראַלישע פּראָבלעמען. ער האָט באַשלאָסן צו טון עפּעס אַ נוצלעכע זאַך און געוואָרן אַן אַרטילעריע-אָפיציר אין דעם צאַרס אַרמיי. דאָן האָט ער געשריבן אַן אויטאָביאָגראַפיע-דערציילונג „קינדהייט“, וואָס האָט גלייך באַקומען אָנערקענונג. ס׳האָט אויסגעבראָכן די מלחמה מיט טערקיי, וואָס ער האָט געשילדערט אין אַ רייע בילדער אונטער דעם נאָמען "סעוואַסטאָפּאָל", דורך וועלכער ער איז באַקאַנט געוואָרן אַלס גרויסער שריפטשטעלער.

און אָט פאָרט ער קיין אויסלאַנד און טרעפט זיך צוזאַמען אין פּאַריז מיט טורגעניעוון, אָבער זיין געוויסן פּייניקט אים נאָך אַלץ און צו איינאונדרייסיק יאָר קערט ער זיך אום צוריק אויף זיין גוט יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און נעמט זיך די אויפגאַבע צו לערנען און אויפצוקלערן די פּויערים, וואָס באַאַרבעטן זיינע טויזנט אַקער-ערד און אים פאַרשאַפט אַ לעבן פון רייכטום און תענוג. אָבער בעת זיין אָפּוועזנהייט, קומט אָן פּאָליציי אויף זיין גוט, מאַכט אַ רעוויזיע און פאַרמאַכט די שול. דאָן איז טאָלסטאָי נאָך געווען אַרטילעריע-אָפיציר און גישט קיין קריסטלעכער פּאַציפיסט; דורך זיין מומע טוט ער צו וויסן דעם צאַר, אַז ער איז באַוואָפנט, און דער ערשטער פּאָליציאַנט, וואָס וועט האָבן די העזה איבערצוטרעטן זיין שוועל, וועט דערשאָסן ווערן.

טאָלסטאָי האָט חתונה געהאַט און געהאַט אַסאַך קינדער,

זיין פרוי האָט זייער שטאַרק באַוווּנדערט זיינע ליטעראַרישע ווערק און איבערגעשריבן צענדליקער מאָל זיינע מאַנוסקריפּטן. אין יאָר 1865 — 1869 האָט ער אָנגעשריבן זיין ווערק „מלחמה און שלום", וואָס דער גרעסטער טייל קריטיקער האַלט פאַרן גרעסטן ראָמאַן אין דער וועלט-ליטעראַטור. איך פּערזענלעך מוז מודה זיין, צו מיין גרויסער חרפּה, אַז די גרויסע צאָל פּערזאָנען מיט זייערע לאַנגע נעמען, פאַרקירצטע נעמען און פאַמיליען-נעמען פאַרטומלען מיך אַזוי שטאַרק, אַז איך קען מיך ניט פאַנאַנדערקלייבן אין זיי, הגם איך באַמי מיך זייער שטאַרק.

דאַן באַווייזט זיך „אַננאַ קאַרענינאַ", אַן אַריסטאָקראַטישע, רוסישע אויסגאַבע פון אייוואַרנס „דאָס שאַרלאַך רויטע אות". אַננאַ ווערט פונקט אויף אַזאַ אומגליקלעכן אופן פאַרקויפט צו אַן אַלטן מאַן, זי לעבט צופרידן ביז זי באַקענט זיך מיט אַ יונגן קאַוואַלעריע-אָפיציר, וועלכן זי האָט באמת ליב. אָבער אַנשטאָט צו לעבן מיט אים אין געהיים, ווי מ'איז זיך נוהג געווען אין אירע קרייזן, נעמט אַננאַ דידאָזיקע ליבע אַסאַך ערנסטער ווי איר הייראַט און טאָלסטאָי טרייבט זי און איר געליבטן צו זעלבסטמאָרד. דידאָזיקע האַרטהערציקייט האָט אויפגערעגט די קריטיקער פון יענער צייט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז טאָלסטאָי האָט דערהרגעט פליגן מיט אַ האַק.

צום אייביקן דרייעק קען מען אָננעמען פאַרשידענע שטעלונגען. מ'קען האַלטן, ווי די גוט-דערצויגענע געזעלשאַפט אין אייראָפּע האָט עס געטון און טוט עס נאָך היינט, אַז דער חתונה-פאַררעט איז אַ קלייניקייט, אַזוילאַנג ווי מען ווייסט וויאַזוי זיך אויסצוהיטן. אָדער — און דאָס איז אויך מיין מיינונג — מען קען זאָגן, אַז אַ פאַרהייראַטע פרוי, וואָס פאַרליבט זיך באמת און ליידנשאַפטלעך אין אַן אַנדערן, איז מחויב זיך צו שיידן און חתונה האָבן מיט דעם מאַן, וועלכן זי האָט ליב. אָדער מען דאַרף איינשטימען מיט דעם „שווער-מאָראַלישן" שריפטשטעלער, וואָס האָט ניט קיין אַנדער אויסוועג פאַר די פאַרשידענע כאַראַקטערן, ווי שטאַרבן מיט אַ שרעקלעכן טויט.

טאָלסטאָי האָט דורכגעמאַכט אין זיין לעבן אַ גרויסן קריזיס פון אַ גייסטיקער באַנייונג, וואָס האָט אים געבראַכט צו אַן פאָלקאָם אָפּזאָגן זיך פון סעקסועלן עלעמענט אין דער ליבע. ער האָט געהאַלטן, אַז די פליכט פון יעדן מענטשן איז אונטערצודריקן די קערפּערלעכע פאַרלאַנגען און צו ווערן אַסקעטן אין גייסט פון קריסטוסן. און ווען מען האָט אים געפרעגט, וויאַזוי וועט זיך אויף אַזאַ אופן ווייטער אַנטוויקלען דאָס מענטשלעכע געשלעכט ? האָט ער געענטפערט, אַז פאַר דעם דאַרף מען זיך נישט זאָרגן, ווייל גאַנץ ווייניק מענטשן וועלן זיין בכוח צו האַלטן דאָס געזעץ, וואָס איז דורך אים געשאַפן געוואָרן. צי קען אַ מאַראַליסט פריידיקן אַ מער אַבסורדישע לערע ? דער בעסטער עלעמענט זאָל פרייוויליק ווערן אומפּרוכטבאַר, און די קומענדיקע דורות זאָלן זיין פון שוואַכע כאַראַקטערן און פאַרברעכער ! אַזאַ לערע קען מען נאָר דערקלערן אַלס אַ רעאַקציע פון אַ מענטשן, וואָס זיינע ליידנשאַפטן שטייען אויסער זיין פעאיקייט זיי צו קאָנטראָלירן. מיר ווייסן, אַז אַזאַ פאַל איז געווען ביי טאָלסטאָיען. ער איז געווען אַ בעל-תאווה. גאָרקי דערציילט, אַז אַפילו אין זיינע אַלטע יאָרן זענען טאָלסטאָיס געשפּרעכן געווען אומדערטרעגלעכע ניבול-פּה און זיין באַציונג צו דער פרוי איז געווען אַ געמיינע. אַזאַ שטייגער מענטש קען זיך נאָר פאָרשטעלן סעקסועלע אַסקעטן און נישט קיין אידעאַלע באַציונג פון איין געשלעכט צום אַנדערן.

ווען טאָלסטאָיס תשובה וואָלט זיך נאָר באַגרענעצט אויף געשלעכטלעכע ענינים, וואָלט זי נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג. אָבער זי איז געווען עפּעס גרעסערס : זי איז געווען דער ווייטיקלעכער געשריי צו אַן אָנגעהעריקן פון דעם פּריווילעגירטן קלאַס, די דערקענטעניש, אַז זיין גאַנץ לעבן, זיין פרייהייט, זיין וויסן, זיין מאַכט איז אויפגעבויט געוואָרן אויף דעם בלוט, שווייס און טרערן פון די באַעוולהטע מאַסן פון זיין רוסיש פאָלק. טאָלסטאָי האָט געוואָלט אָוועקשענקען זיין ערד, לעבן אַלס פויער, אָוועקגעבן צוריק די אַרבעטער, וואָס ער האָט ביי זיי אָוועקגערויבט. אָבער, ליידער, האָט ער געהאַט אַ גרויסע פאַמיליע,

וואָס האָט זיך אַרייַנגעמישט. די גרעפין טאָלסטאָי איז געוועזן פאַר אים אַן אָפּפעריוויליקע שטיצע, אַזוי לאַנג ווי ער האָט זיך באַגניגנט דערמיט, וואָס ער איז שריפטשטעלער. אָבער ווען ער האָט געוואָלט ווערן אַ נביא און הייליקער, האָט זי אים געהאַלטן פאַר משוגע. זי האָט באַדאַרפט זאָרגן פאַר אירע קינדער, און אָט די קינדער האָבן געוואָלט אויפוואַקסן ווי זייער פאָטער, אין לוקסוס און פאַרגעניגן, ווי מענטשן פון דער גרויסער וועלט.

טאָלסטאָי האָט זיך איבערגעצויגן אין אַ קליין הייזל, ער האָט געטראָגן פויערן-קליידער און פאַרבראַכט זיין צייט דערמיט, וואָס ער האָט געלאָטעט שטיוול. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די הכנסות, וואָס עס האָבן אַרייַנגעבראַכט זיינע ביכער. דאָך האָט ער נישט געהאַט דעם מוט צו צעטיילן זיינע פעלדער. ער איז געוואָרן, להכעיס אַלע זיינע פאַרצווייפלטע דרשות, פון טאָג צו טאָג רייכער. זיין גאַנץ לעבן איז געווען פול מיט סתירות און דיסאָנאַנסן. לסוף האָט ער עס מער נישט געקענט איבערטראָגן, ער האָט זיך צוגעקוקט, ווי די קינדער זיינע הוליען אַרום אין זיינע גיטער, פונקט ווי רויב-פייגל אַרום אַ פגר און איז אַוועק פון דער היים, באַגלייט בלויז פון זיין סעקרעטאַר. אַ לאַנגע צייט האָט קיינער נישט געוווסט, וווהין ער איז אַהינגעקומען. לסוף האָט מען אים געפינען שווער קראַנק נאָענט פון שטאַרבן. זיין אַנטלויפן איז געווען אַ גרויסער זשעסט פון דער געשיכטע און די סצענעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפילט ביי זיין טויטנבעט, האָבן אַנטהאַלטן אין אַ קאָנצענטרירטער דראַמאַטישער פאָרם אַלע צווישן זיך קעמפנדיקע כוחות פון יענער צייט.

טאָלסטאָי האָט פאַראורטיילט די רוסישע קירכע פאַר אַן אינסטיטוציע פון אָבערגלויבן און רויבעריי; ער האָט זיך אומגעקערט צום אור-קריסטנטום און דערפאַר עקסקאָמוניזירט געוואָרן פון דער פּראַוואָסלאַווער קירך. אָבער אַזויווי ער האָט שוין געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט אים די קירכע צוריק געוואָלט אומקערן צו זיך, ווייל זי האָט איינגעזען, אַז דערפון איז אָפּהענגיק איר עקזיסטענץ. פונדעסטוועגן קוים גיט זיך נישט איין די גייסטלעכע מעורר צו זיין דעם שטאַרבנדיקן שריפטשטעלער

צו חרטה און תשובה, וואָלט מען נאָך אַלץ געקענט זאָגן אַ ליגן, און טענהן, אַז ער האָט יאָ תשובה געטון, פּונקט ווי די אָרטאָדאָקסישע קירכן האָבן דערציילט פון אַסאַך אַנדערע גרויסע כופרים. דערפאַר זענען טאָלסטאָיס פריינט נישט אָפּגעטרעטן פון דער באַן-סטאַציע, ווו דער מת איז געלעגן, כדי נישט צוצולאָזן צו אים די בישאָפן און אַנדערע גייסטלעכע. אויך דער איינפלוס פון דער פּאָליציי און שפּיאָנען האָט דאָרט נישט געפעלט. זיי האָבן געשמעקט און אויסגעשפּירט אַלע אָנוועזנדיקע און נישט אויפגעהערט צו טעלעגראַפירן צו דער אָכראַנע נאָך אָנווייזונגען. ווען די לוויה פון דעם גרויסן מענטשן האָט געווירט, האָבן עטלעכע סטודענטן געוואָלט זינגען אַ הימן, און ס'זענען באַלד פאַרגעקומען די עקלהאַפטע סצענעס פון פּאָליציישער אכזריות, צו וועלכער דאָס רוסישע פאָלק איז שוין געוווינט געווען.

טאָלסטאָי האָט אין משך פון זיין לעבען זיך באַקאַנט אויך מיט רעוואָלוציאָנערן, אָבער ער איז פאַרבליבן צו זיי קאַלט. ער האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט פּאָליטיק, נאָר מיט רעליגיע און מאָראַל. זיין תשובה האָט צו ערשט אָנגענומען די פאָרם: נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דאָס שלעכטע. שפּעטער האָט ער זי מאָדיפיצירט לויט דער לערע פון גאַנדי, וואָס פאַרשפּרייט זיך היינט אין אַזיען: נישט אַנטקייגנשטעלן זיך מיט געוואַלט דאָס שלעכטע; דאָס הייסט, מען דאַרף נישט אָנווענדן קעגן פיינד קיין פיזישן געוואַלט, נאָר באַקעמפן אים מיט וואָרט און לערע, דורך דעם כח פון אייזערנער אויסגעהאַלטנקייט און מאָראַלישער איבערצייגונג. אויף אַזאַ אופן פאַרשעמען מיר אים אָדער מיר וועקן אויף קעגן אים די סתירה פון אַלע מאָראַלישע כוחות אויף דער וועלט. טאָלסטאָי האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ קונסט-קריטיש ווערק און אַסאַך מענטשן טראַכטן, אַז איך האָב פון דאָרטן געליגן מיינע אידעען. איך וויל אָבער זאָגן, אַז אויב מען וויל געפינען דעם קערן אין מיין בוך „קונסט און געלט", זאָל מען עס בעסער נאָכזוכן אין וואָלט וויטמאַנס „דעמאָקראַטישע וויזיע", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיט אַ דור פריער פאַר טאָלסטאָין.

דער גרונט-געדאַנק אין טאָלסטאָי'ס „וואָס איז קונסט?" איז ענליך צו „קונסט אין געלט", נאָר אין דעם פרט, נעמלעך: אַז ביידע גייען אַרויס פון דער הנחה, אַז קונסט האָט אַ שייכות מיט מאָראַלישע פּראָבלעמען, אַן איבערצייגונג, מיט וועלכער עס זענען מסכים אייסכילאָס, סאָפאָקלעס, אייראָפּידעס, אַריסטאָפאַנעס און ווירגיל, דאַנטע און סערוואַנטעס, מאָליער און וויקטאָר הוגאָ דאָסטאָיעווסקי, טענעזאָן און איבסען און נאָך אַ סך אַנדערע קינסטלער צו וועלכע איך וועל זיך נאָך אומקערן.

אָבער פון וועלכן שטאַנדפּונקט זאָל דער קינסטלער באַהאַנדלען די מאָראַלישע פּראָבלעמען? טאָלסטאָי האָט געגעבן אַן ענטפער צו דער פראַגע, ווי איינער וואָס האָט נישט קיין צוטרוי צו דער אינטעליגענץ, צו דער וויסנשאַפט און האָט נישט קיין פאַרלאַנג צום פּאָליטישן און גייסטיקן פּאָרשריט און האַלט זיי פאַר אומדערגרייכבאַר. ער גלויבט, אַז דער איינציקער האָפענונגספולער וועג פונם מענטש איז דער צוריקקער צו די פּרימיטיווע, עלעמענטאַרע פאָרמען פון לעבן. ער וויל, אַז די קונסט זאָל זיך באַגרענעצן אויף יענע איינפאַכע געפילן, וואָס קענען פאַרשטאַנען ווערן דורך דעם געבילדעטן פּויער. איך האַלט, אַז זיין שיטה לאָזט זיך צום בעסטן דערקלערן דורך דעם, וואָס מ'זאָל דעם טיטל „וואָס איז קונסט?" פאַרענדערן אויף „וואָס איז קונסט פאַר קינדער?"

וואָס פאַר אַ פעלער די קריטיק זאָל נישט אויסגעפינען אין מיין „קונסט און געלט", בעט איך צו נעמען אין אַכט, אַז דער מחבר פון בוך איז נישט קיין פּרימיטיווער קריסט, נאָר אַ וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליסט, איינער פון די וואָס באַגריסט די דערגרייכונגען פון דעם מענטשלעכן דיאַלעקט און זעט דעם אָנקום פון אַ קאָמפּליצירטע סאָציאַלע אָרדענונג און דערמיט אויך אַ סאָציאַלע קונסט, וואָס זיין אינטענץ און פאַרפיינערונג וועט איבערשטייגן דעם שכל נישט נור פון דעם רוסישן פּויער, נאָר אויך פון דער עקסקלוסיווער און פּרעטענציעזער אינדיווידואַליסטישער קולטור פון אונזער צייט.

25

קאַפּוּוייטיק און שלעכטע פאַרדייאונג

מיר האָבן געלאָזט דעם פראַנצויזישן ראָמאַן אין די הענט פון פלאָבערן. איצט קערן מיר זיך אום צוריק, כדי צו באַטראַכטן דעם איינפלוס פון צוויי פראַנצויזישע שריפטשטעלער, וואָס האָבן באַגרינדעט דעם „נאַטוראַליזם". זיי זענען געווען אין איין צייט מיט פלאָבערן, דאָך איז זייער איינפלוס אָנקענטיק געוואָרן ערשט שפּעטער, ווייל זיי זענען אַ לאַנגע צייט נישט אָנערקענט געוואָרן.

זשול און עדמונד דע גאָנקור זענען געווען ברידער. זיי האָבן זיך אַזוי איינגעלעבט צוזאַמען, אַז זיי זענען געוואָרן ווי איין גייסט און איין פעדער. דער יונגערער, זשול, איז געשטאָרבן אין עלטער פון פערציק יאָר. עדמונד איז געוואָרן אַ זקן. זיי האָבן אָפּגעשטאַמט פון אַן אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע און געירשנט אַ שפּאָר פאַרמעגן. ביידע זענען זיי געווען בחורים און קרענקלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט אַ מין אַסקעטישן וואַנזין אָפּגעגעבן בלויז דער קונסט. זיי זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז אמתע קונסט קאָן פאַרשטאַנען ווערן נאָר דורך קינסטלער, און דאָך האָבן זיי געשאַפן אויף צולהכעיס זייער טעאָריע, אמתע ווערטפולעס, אַלס רעזולטאַט פון זייער אומגליקלעכער עמפּפינדלעכקייט און לעבעדיקייט, וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען צו געבן זייערע העלדן.

די גאָנקורס זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן באַשאַפן דאָס וואָרט „נאַטוראַליזם". זיי זענען געווען ביי דער איבערצייגונג, אַז נאָר דורך דער גענויעסטער אָבסערוואַציע פון פּרטים קאָן מען איבערגעבן אַ דערציילונג מיט כאַראַקטערן, וואָס זאָלן זיין טריי דערווירקלעכקייט. מען טאָר נישט פאַר-אַלגעמיינערן, מען מוז זיך האַלטן שטרענג אין דעם באַזונדערן און דאָס באַזונדערע צו מאַכן גלויבנדיק דורך אַ מאַסע אומ-שטענדן. אונטער דעם גענויען מוז זיך אַלצדינג אונטערוואַרפן,

דער סטיל מוז זיין געפּרעסט גלייך ווי די מוזיק פון אַ וואַגנער־אָפּערע. ער מוז אפילו געענדערט ווערן לויט דער געשילדער־טער סצענע. דיביידע גאַנקורס האָבן העלדיש איבערגעטרעטן אַלע כּללים פון דער עלעגאַנטער פראַנצויזישער ליטעראַטור. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט באַרבאַרישע און פאַרבאַטענע ווערטער, געוואָרן מחמת דעם אויסגעלאַכט פון די קריטיקער און פאַר־שטויסן געוואָרן פון רישעליס אַקאַדעמיע, אַז זיי האָבן געמוזט אַליין גרינדן אַן אַקאַדעמיע.

דאָס ערשטע באַדייטנדע ווערק זייערס איז געווען „זשערמיניע לאַקערט", די געשיכטע פון אַ פראַנצויזיש דינסט־מיידל. ווי קומט עס, אַז די שיינע קונסט פון ראָמאַן זאָל זיך אַראָפּלאָזן צו אַזאַ שטייגער העלדין? די מחברים פון דעם ווערק האָבן געענטפערט אויף דער פראַגע מיט אָט די ווערטער:

„אין ניינצנטן יאָרהונדערט, אין דער צייט פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט, פון דעמאָקראַטיע און ליבעראַליזם, פרעגן מיר זיך, צי די אַזוי־גערופענע אונטערקלאַסן האָבן אויך נישט קיין רעכט אויפן ראָמאַן ? צי דאָס פאָלק — אָט די־דאָזיקע וועלט אונטער אַ וועלט — וועט אייביק בלייבן אונטער דעם ליטעראַרישן חרם, אונטער דער פאַראַכטונג פון די מחברים, וואָס האָבן ביז איצט פאַרשוויגן דאָס האַרץ און די נשמה פון פאָלק ? מיר פרעגן זיך, צי אין דער־דאָזיקער צייט פון גלייכהייט איז פאַרן שריפטשטע־לער און לעזער נאָך אַלץ פאַראַן אומווירדיקע קלאַסן, אַן אומ־גליק, וואָס איז צו נידריק, אַ טראַגעדיע, וואָס איז צו געמיין, וואָס קאָן זיין צו וווּלגאַר אין איר גרויל ?... מיר ווילן זיך דערוויסן, צי אין אַ לאַנד אָן אַ קאַסטע און אָן אַ לעגאַלע אַ־ריסטאָקראַטיע, קאָן דער עלנד פון די נידריקע און אָרעמע אַזוי אינטערעסירן, אַרויסרופן מיטלייד, ווי די דאגות פון די רייכע און מעכטיקע ? בקיצור, צי די טרערן, וואָס ווערן פאַר־גאָסן אונטן, קאָנען אַזוי אַרויסרופן אַ געוויין, ווי יענע, וואָס ווערן פאַרגאָסן אויבן ?"

דער ראָמאַן האָט זיך נאָך פאַר גאַנקורן פאַרנומען מיט דינסט־מיידלעך. די העלדין פון דעם ערשטן ברויסן ענגלישן

ראָמאַן, פּאַמעלאַ, געהערט צו דעם קלאַס. אָבער פּאַמעלאַ איז געווען אַן אומשולדיק קינד און אונזער אינטערעס האָט מען געווינען דורך דעם, וואָס מ'האָט זי אויפגעהויבן ביז צו אַ דאַמע. אַנדערש איז ביי די גאָנקורס: זייער דינסט־מיידל זינקט אַראָפּ ביז צו דער לעצטער מדרגה. דער איינציקער ראָמאַניסט פון דער צייט, וואָס האָט אַחוץ זיי געשריבן וועגן די „נידריקע", איז געווען טשאַרלז דיקענס. אויך ער דערציילט אונז פון דער אָרעמקייט, יאָ, אַפילו פון דער פאַרפירונג און די ליידן פון די פאַרפירטע מיידלעך. ער אָבער איז פאָרט געבליבן דער וויקטאָריאַנישער דזשענטעלמען, קיינמאָל נישט פאַרגעסן, וואָס יונגע מיידלעך דאַרפן יאָ לייענען און וואָס נישט. די פראַנצויזישע שריפטשטעלער אָבער באַהאַנדלען די געשלעכטלעכע באַציונג און די געשלעכטלעכע געפילן פון זייערע העלדינס פון מעדיצינישן שטאַנדפונקט, עס איז געווען פאַר זיי אַ כבוד, וואָס זיי האָבן פאַר אונז נישט באַהאַלטן קיין שום פרט און ווען מיר גייען זיי נאָך כסדר, לערנען מיר אַלצדינג, וואָס איז נאָר פאַראַן צו לערנען אין דער סעקסועלער פּאַטאָלאָגיע.

אַזאַ עלנט עקזיסטירט נאָך אויף דער וועלט און דער פליכט פון יעדן איינציקן מענטשן איז צו ויסן וועגן דעם. אַנטלויפן דערפון אָדער נישט געפינען קיין מוט איבערצוגעבן עס אַן אַנדערן, הייסט אויסמיידן אַ גייסטיקן פליכט. אויב אָבער מיר וויסן שוין וועגן דעם, און מיר האָבן באַזוכט די שפּיטעלער, תפיסות, שאַנד־הייזלעך, טויט־קאַמערן, דאַן קומט פון זיך אַליין אויף די פראַגע אין אונזער גייסט: וואָס קאָנען מיר טון קעגן דעם? נישט פאָלגן דעמדאָזיקן אימפּולס הייסט: אָדער זיין גייסטיק אָפּגעשטאַנען אָדער זיין מאָראַליש קראַנק.

און דאָ קענען מיר מיט די ברידער גאָנקור און מיט זייער טעאָריע נישט גיין ווייטער צוזאַמען. מיר דערוויסן זיך פון זיי אַלע איבערלעבענישן פון אַ פּאַריזער גאַסנפרוי, אַלע פרטים אין דעם לעבן פון אַ יונג מיידל אין דער געזעלשאַפט, וואָס איז אויפגעוואַקסן געוואָרן אין דער אַטמאָספערע פון אַ גלעזערן

הויז און געוואָרן דער קרבן פון אומנאַטירלעכע תאוות. מיר באַקענען זיך מיט די סימפּטאָמען פון דער רעליגיעזער פּאַטאָלאָגיע, די האַלב-זינלעכע היסטעריע פון אַ פרוי אין די נעגל פון קאַטוילישע פּריסטער. אין די אַכט ביז צען ראָמאַנען פון גאָנקורן, האָט יעדער איינער באַהאַנדלט אַן אַנדערע אַנאָרמאַליטעט. אָבער אין ערגעץ געפינען מיר נישט קיין סימן, וואָס מיר דאַרפן טון אין דעם פאַל, כדי עס אויסצומיידן. צי דורך אינדיווידועלע תשובה, צי דורך פאַרשטאַרקונג פון די מאָראַלישע כוחות, צי גאָר דורך פּאָליטישע אוןווירטשאַפטלעכע ענדערונגען.

דער נאַטוראַליזם שליסט אויס די אַלע פראַגן. מיר טאָרן בכלל נישט פאַרגעסן, אַז זיין טעאָריע איז געשאַפן געוואָרן פון צוויי מענטשן, וואָס זענען געווען קראַנק און אימפּאָטענט, די קרבנות פון אַ דעקאַדענטישער ציוויליזאַציע. זיי האָבן אונז געוואָלט געבן וויסנשאַפטלעכע באַריכטן פון מענטשלעכן לעבן. פּאַקטיש אָבער האָבן זיי אונז געגעבן דעם פּראָדוקט פון זייער אייגענעם קאָפּווייטיק און שלעכטער פאַרדייונג. ביידע האָבן געאַרבעט מיט דער גרעסטער מסירת-נפש צו אָבסערווירן די אייגענע נערוועזע עמפּינדונגען. עדמונד האָט אָבסערווירט דעם שטאַרבנדיקן זשול, — אַפילו זשול האָט זיך אַליין אָבסערווירט, כדי צו קאָנען איבערגעבן די פּרטים פון זיינע אייגענע איבערלעבענישן. קיין איינעם פון די ביידע ברידער איז נישט איינגעפאַלן, אַז ס'איז נישט אַזוי שטאַרק וויכטיק צו וויסן די עמפּינדונגען ביים שטאַרבן. אַסאַך וויכטיקער איז צו וויסן, וויאַזוי מען זאָל לעבן. וואָס די ברידער גאָנקור האָט געפעלט, איז געווען פרישע לופט און באַוועגונג. די שיינע ליטעראַטור האָט, לויט דער נאַטוראַליסטישער טעאָריע, באַדאַרפט ווערן עקזאַקטע וויסנשאַפט. עס זענען אָבער פאַראַן פאַרשידענע געביטן פון וויסנשאַפט. לייגן אַ וואָרם אונטערן מיקראָסקאָפּ און איבערציילן די קעמערלעך פון זיין שאָל איז אויך וויסנשאַפט. אָבער די וויסנשאַפט שטעלט זיך נישט אָפּ דערביי, זי גייט איבער צום עקספּערימענט: וואָס קומט פאָר, ווען מען פאַרבט איבער דעם וואָרם אויף רויט, צי וועלן זיינע יורשים האָבן אויף זיך סימנים

פון רויטקייט און וועלן באוויזן, אַז דערוואָרבענע אייגנשאַפטן קאָנען איבערגיין בירושה?

אין קאַליפאָרניע איז פאַראַן אַ בלויער מכשף, וואָס האָ־דעוועט ריזיקע פעלדער מיט בלומען, אויבסט און גרינוואַרג. פונדעסטוועגן שטעלט ער זיך נישט צופרידן דערמיט, וואָס ער זאַמלט פאַקטן וועגן בלומען, אויבסט און גרינוואַרג, נאָר ער פאַרענדערט זיי: ער האָדעוועט אויס קאַקטוסן אָן דערנער, בע־רעלעך, גרויס ווי אַ פינגער, ווייץ, וואָס קאָן אויסהאַלטן פייכט־קייט. צי קען מיר אַ מיטגליד פון גאָנקורס אַקאַדעמיע זאָגן, פאַרוואָס די „עקזאַקטע וויסנשאַפט" פון דעם ראָמאַן זאָל זיך נישט באַשעפטיקן פון איר זייט מיט דער מענטשלעכער באַ־פרייונג פון סיפיליס און אַלקאָהאָל? איז דאָך דער גרעסטער מיטגליד פון די גאָנקורס, וואָס האָט איבערגענומען זייער טע־אָריע און זיך באַנוצט מיט איר, כדי צו ווערן דער מער גע־לייענטער, ווי אַלע פראַנצויזישע שריפטשטעלער, יאָ געקומען צו דערדאָזיקער איבערצייגונג און איז געוואָרן אַזאַ ליידנשאַפט־לעכער און אַנטשלאָסענער מאָראַליסט, ווי טאָלסטאָי.

26

דאָס חזירים־שעפל פון זאָלאַיזם

עמיל זאָלאַ איז געוואָרן קלוג נאָך אין דער קינדהייט, באַקאָנענדיק זיך מיט דער ביטערער אָרימקייט. ער האָט גע־אַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ פאַרלאַג, און ביינאַכט זיך אויסגעבילדעט אַלס שריפטשטעלער. ער האָט געוווסט, וואָס דאָס הייסט אַזוינס שרייבן אין בעט מיט האַלב־געפרוירענע פינגער. ער האָט זייער לאַנג געוואַרט ביז מ'האָט אָנערקענט זיין טאַ־לענט. אין משך פון צוואָנציק יאָר האָט ער געשריבן אָן שום דערפאָלג פאַרוויילונג־ראָמאַנען. אָבער ער האָט געגלויבט אין

זיינע פעיקייטן. ער איז געווען אן אויסגעהאַלטענער עקשנות־דיקער אַרבעטער און אַ דאַנק דעם האָט ער, מיט דער הילף פון זיין אַנטשלאָסענעם גייסט, דורכגעבראָכן זיך דעם וועג.

אין דער צייט, ווען איך בין געווען אַ יונגל, האָט מען זיין נאָמען דערמאָנט צוזאַמען מיט אַלדינג, וואָס איז שמוציק און אָפּשטויסנדיק. טעניסאָן האָט געשריבן וועגן „מישערי“ אין דעם חזירים־שעפּעל פון זאָלאַיזם“. זאָלאַ האָט זיך באַנוצט מיט ווערטער, וואָס מ׳האָט קיינמאָל פאַר אים נישט געקאָנט אין דער ליטעראַטור, באַשריבן סצענעס, וואָס זענען נאָך קיינמאָל נישט געשריבן געוועזן. די קריטיקער האָבן געקאָנט געפונען נאָר אן איינציקע דערקלערונג: דער מענטש איז אַ געמיינער חזיר. פאַק־טיש אָבער איז ער געווען איינער פון די געוויסנהאַפטסטע שריפטשטעלער און אַנטשלאָסענע רעפאָרמאַטאָרן, וואָס האָבן ווען ס׳איז געלעבט. ער האָט אַליין געזאָגט אַז: „דער טויט־שלעגער“ איז אַקטיווע מאָראַל... דער ערשטער ראָמאַן וועגן דעם פאָלק, וואָס גיט איבער דעם ריח פון פאָלק. און ער האָט צ גענעבן „איך פאַרטיידיק מיך נישט, מיין ווערק וועט מיך פאַרטיידיקן. עס איז אַן אמת בוך“.

עמיל זאָלאַ האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע, צו זאָגן דעם אמת וועגן דער וועלט און צו שילדערן זי אַזויווי זי איז געווען אין דער ווירקלעכקייט; רייכע צו אָרעמע, אָן קאָמפּראָמיסן, אָן מורא, אָן חרפּה און נישט צו פאַרשווייגן די אָפּשיילעכסטע פאַקטן. אַז מ׳קאָן אַלע פאַקטן, שטערט עס נישט צו ווערן, וואָס איינער וויל: ציניקער אָדער געניסער, הייליקער אָדער רעוואָלוציאָנער; אָבער צי מיר קאָנען איידער מיר זענען באַקאַנט מיט די פאַקטן, בכלל זאָגן, וואָס מיר זאָלן ווערן?

זאָלאַ האָט געפּלאַנט אַן אומגעהויער ווערק: די „ראָזשאָ מאַקוואַר“ אין צוואַנציק בענדער, וואָס האָט געזאָלט שילדערן די געשיכטע פון אַ פאַמיליע פון דער צווייטער קייזערלעכער רע־גירונג. מיר קערן זיך אום דעריבער אויפסניי צו די צייטן פונם קליינעם נאַפּאָלעאָן, ווען וויקטאָר הוגאָ איז פאַרשיקט געוואָרן און די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט אַרויפגעזעצט אויפן טראָן

איר לאַלקע-קיסר. זאָלאַ האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט דער נאַטורווויסנשאַפט פון זיין צייט. ער האָט געגלויבט, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן ווערט באַשטימט דורך ירושה, און אונז געוואָלט ווייזן ווי דערדאַזיקער כּוח ווירקט אין דער געזעלשאַפט. ער האָט אויסגעקליבן צוויי פּערזאָנען, וואָס האָבן געליטן פון נערוועזע קראַנקהייטן און אונז געוויזן זייערע יורשים: די רייכע רויבן און פאַרשווענדן, די אָרעמע פאַרזינקען אין דערנידעריקונג און שיכּרות.

עס זענען אַדורך גאַנצע יאָרן און נישט קיין קריטיקער און נישט דאָס פּובליקום האָט נישט געוואָלט וויסן פון עמיל זאָלאַס ביכער. אָבער ווען ס'איז דערשינען דאָס מייסטערווערק „טויטשלעגער”, האָט עס געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. דער טיטל איז גלייכצייטיק אַ נאָמען פון אַ שענק אין אַרבעטער-קוואַרטאַל פון פּאַריז, וווהין די אָרעמע ווערן אַריינגעצויגן און גיין צו גרונט. ס'איז שוין פינאונצוואָנציק יאָר, זינט איך האָב געלייענט דאָס בוך, און דאָך שטייען נאָך אַלץ פאַר מיינע אויגן די שוידערלעכע סצענעס; די אָרעמע שקלאַפן אין דער וועשעריי, איר מאַן, דער מאַלער, מיט אירע שלעכט דערצויגענע פאַרנאַכלעסיקטע קינדער. מיט גרויל זע איך, ווי דער אַרבעטער גליטשט זיך אויס, פאַלט אַראָפּ פון דאַך און ווערט געהרגעט. מיט שוידער זע איך, ווי די קליינע נאַנאַ קוקט זיך צו דורכן שליסל-לאָך, ווי די עלטערן טרייבן אָרגיעס.

זאָלאַ פאַרמאָגט נישט קיין שום רייץ פון סטיל, קיין צויבער פון פּערזענלעכקייט, אַפילו נישט קיין געפיל. ער איז באַהערשט פון דעם עלנט אין דער מאָדערנער וועלט, און דערמיט וואָס ער לייגט אָן אַסאַך פאַקטן, וויל ער אויף איין גרונטלעכן און אומבארחמנותדיקן אופן באַהערשן דעם לעזער. אַביסל קליינע פּרטים פון אָט דידאָזיקע פאַקטן וואָלט מען וואָס אַן אמת געקאָנט אויסמיידן, אָבער מען מוז צוגעבן: דאָס איז דער אמת. ווייל אין דערזעלבער צייט פילט מען דעם פאַרטראַכטן מיטלייד פון אַ גרויסן גייסט, פאַר וועלכן די מיליאָנען

ליידנדיקע זענען א מאַטערניש, וואָס פאַרפאָלגט זיין פאַנטאַזיע און טרייבט אים צו דערפילן זיין אויפגאַבע.

אין זאָלאַס ראָמאַנען זענען נישט פאַראַן קיין העלדן און העלדינס. זיינע העלדן זענען די טרוימען פון די מענטשן, וואָס ווימלען, פונקט ווי פליגן אין אונזערע איבערגעפולטע שטעט און קעמפן און ליידן און גייען צו גרונט, נישט געפינענדיק אפילו קיין שטראַל פון פאַרשטענדעניש פאַר זייער שיקזאַל. ער פירט אונז אין די קוילן-גרובן, ווייזט אונז אין „זשערמינאַל" די גרובן-שקלאַפן, די גרויסע מחנות מענטשן, שוואַרץ פון קוילן-שטויב, הונגעריקע, אונטערדריקטע, פאַרסמט פון אַלקאָהאָל, מיט אַ בלינדן פאַרלאַנג צו אַן אויפשטאַנד.

אין „נאַנאַ" ווייזט ער אונז די פראָסטיטוציע. פאַר מיר גופא איז דאָס בוך דאָס שוידערלעכסטע פון אַלע זאָלאַס ווערק: די לעבנס-געשיכטע פון יענעם קליינעם מיידל, וואָס מיר האָבן פריער בעטראַכט ביי איר ערשטע לעקציע פון זינד, ווי זי קוקט אַריין אין לעכל פון שליסל. דידאָזיקע טאָכטער פון אַרבעטער-קלאַס, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ווערקצייג פון איר אייגענער נקמה אָן די רייכע; אַ פאַרפירערין, אַ זונה, וואָס פאַרדאַרבט אַלטע און יונגע מענער, ווערט אַ סימבאָל פון צעשטערונג; איר לעבן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ וואַנזין פון פאַרשווענדערישקייט; זייד, צירונג, טייערע מאכלים און ווין פאַרפלייצן זי, זי וואַרפט זיך אַרום מיט זיי, ווי אַ שיכורער ריז, וואָס צעשטערט אַ שטאָט. בעת זי שטאַרבט פון פאָקן, שרייט דער המון אונטער איר פענסטער: „קיין בערלין! קיין בערלין!" די דייטש-פראַנצויזישע מלחמה האָט אויסגעבראָכן, נאַפּאָלעאָן דער קליינער פאַרמעסט זיך צו פאַרווירקלעכן זיין טרוים פון רום און פאַרזאָרגט זאָלאַן מיט דעם מאַטעריאַל פאַר אַ ווייטערדיקן מייסטערווערק „די מפלה", אין וועלכן ער שילדערט דעם גאַנצן שוידער פון דער מלחמה מיט אירע מאַסן-ליידן און די קאַטאַסטראָפע פון פראַנקרייך.

זאָלאַ, וואָס איז לכתחילה געווען אַ סענסאַציע-שריפטשטעלער און „פאַרדאַרבן דעם גייסט פון דער יוגנט", איז געוואָרן

שפּעטער אַ נאַציאָנאַלע פיגור. ער האָט גענומען אויף זיך די גרויסע אחריות, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן דערפון, וואָס ער האָט זיך פון אַ מאַטעריאַליסט און אַ פאַטאַליסט אויפגעהויבן צו דער מדרגה פון אַ וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליסט, ראַציאָנאַליסט און פּרעדיקער פאַר דער מענטשהייט. אין זיינע דריי ראָמאַנען, „לאָרדן", „רוים" און „פּאַריז" אַנטבלויזט ער די קירכע אַלס די פעסטונג פון געגירשנטע פּריווילעגיעס. דידאָזיקע ווערק זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לערן-ביכער פאַר דעם אַנטיקלעריקאַליזם אין פראַנקרייך. דאַן איז געקומען די מעשה דרייפוס, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין אַ העלד, וואָס זאָל האָבן דעם מוט צו גיין דער ערשטער מיט דער פאָן אין קאַמף קעגן דעם קלעריקאַ-ליזם, און דער מאַן מיט דעם פאַרהאַסטן נאָמען האָט געהערט דעם רוף. פראַנקרייך, איז, וואָס אַן אמת, געווען אַ רעפּובליק, די אַרמיי אָבער איז פונדעסטוועגן געבליבן מאָנאַרכיסטיש און קלעריקאַל. עטלעכע פון די פרומע אַריסטאָקראַטן, וואָס האָבן געדאַרפט האָבן געלט פאַר זייערע נאַנאַס, האָבן פאַרקויפט מי-ליטערישע סודות קיין דייטשלאַנד און זענען געכאַפּט געוואָרן בעת מעשה. זיי האָבן באַשלאָסן די שולד אַרויפוואַרפן אויף איינעם אַן אָפיציר, וואָס איז צופעליק געווען שולדיק אין אַ גאַנץ אַנ-דער פאַרברעכן, נעמלעך: ער איז געווען אַ ייד. קאַפּיטאַן דריי-פוס ווערט פאַרשיקט אויפן גאַנצן לעבן אין דער שטראָף-קאָ-לאָניע אויפן-טייוול-אינזל. אַ צווייטער אָפיציר, וואָס האָט דידאָ-זיקע מעשה אויסגעפאָרשט און געוואָלט פאַרטיידיקן דרייפוסן, האָט מען פאַרשיקט קיין אַפריקע.

זינט די צייטן, ווען וואָלטער האָט געקעמפט אין דער מעשה גאַלאַס, זענען כמעט אַריבער הונדערט און פופציק יאָר. און ווידער האָט געטריבן די „לא אינפאַם" די אַלטע שפּיל. זאָלאַ טרעט אַרויס מיט אַ מוראדיקע אַרויספאָדערונג, מיט דעם אַרטיקל: „איך קלאָג אָן". ער איז געוואָרן אַרעסטירט, געשטעלט פאַרן געריכט און געמוזט אַנטלויפן פון פראַנקרייך. גאַנצע יאָרן איז דרייפוסעס פראָצעס געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער סקאַנ-דאַל; סוף כל סוף אָבער איז אויפגעוויזן געוואָרן, אַז די אַקטן,

וואָס האָבן באַשולדיקט דרייפוסן זענען געפעלשט. איינער פון די שולדיקע איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דרייפוסן האָט מען באַפרייט און אָראָפּגענומען פון אים די שולד.

זאָלאַ ווערט אַזוי אַרום אַ פירער פון די מאַסן אין קאַמף מיט דער רעאַקציע. זיינע לעצטע ראָמאַנען זענען פולשטענדיק געווידמעט דערדאָזיקער אויפגאַבע. אין זיין בוך „אַרבעט" שיל־דערט ער זיין אידעאַל: פרייע מענער און פרויען אין דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס פירן אַן איינפאַך און מסירתנפש־דיק לעבן און ווידמענדיק זיך אינגאַנצן דעם אידעאַל פון דער מענטשלעכער פרייהייט. דער ראָמאַן „אמת" באַהאַנדלט די מעשה דרייפוס. זאָלאַ האָט געפּלאַנט נאָך אַ דריט ווערק אַזאַ, „גע־רעכטיקייט", אָבער ער איז געשטאָרבן, איידער ער האָט עס באַוויזן אָנצושרייבן. אין דידאָזיקע אַלע ווערק ווערט מען איינזען, אַז די אַלטע טעאָריע פון מאַטעריאַליסטישער וויסנשאַפט איז גענוג מאָדיפיצירט געוואָרן, כדי צו קענען פירן דעם קאַמף פאַרן אמת און פאַר דער פרייהייט. דעריבער טיילט עמיל זאָלאַ זיין רום מיט וואָלט וויטמאַן, צו זיין אַ נביא פון דער ריינער דעמאָקראַטיע. ער האָט געדינט די מאַסן, אפילו בעסער ווי וואָלט וויטמאַן, ווייל ער האָט געהאַט אַ טיפן זין פאַר דיווירט־שאַפטלעכע כוחות פון דער מאָדערנער צייט און געקענט ווייזן דער מאַסע דעם וועג, וואָס זיי זאָלן גיין אין אים. קיין שום אַנדער קינסטלער פון דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט נישט אַזוי אָנגעוויזן זיין שטימע דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, פאַר דער מאַסן־אַקציע פון די אינדוסטרי־אַרבעטער און פויערים, וואָס צו זיי געהערט די צוקונפט.

27

דער שפּילערישער דעמאָן

וואָס פאַר אַ באַדייטונג וואָלט געהאַט זאָלאַ און זיין נאַ־טוראַליזם אָן זיינע צילן און רעוואָלוציאָנערע האָפענונגען? די־דאָזיקע פראַגע געפינט אַן ענטפער אין דער פערזאָן פון איינעם, זיינס אַ שילער און פריינט.

גיו דע מאָפּאַסאַן איז געווען אַ געזונטער, יונגער אַני־מאַלישער נאָרמאַן, וואָס איז געקומען קיין פאריז זיך באַשעפ־טיקן מיט זשורנאַליסטיק. ער איז געווען אַן אומגעהויער פלייסיקער ארבעטער; אין משך פון זיין קורצן לעבן האָט ער אָנגעשריבן זעקס ראָמאַנען און צוויי־הונדערט און צוועלף נאָוועלן. ער איז געוואָרן דער מייסטער פון דער נאָוועלע און באַקומען איבער איר אַ באַהערשנדיקע השפּעה. קיינער איז נישט געווען אַזוי פעיק ווי ער, אַריינצוגעבן אַזויפיל אינהאַלט אין אַ קורצן עפּיזאָד און צו באַווייזן אין עטלעכע טויזנט ווערטער אַ גאַנץ לעבן. דעריבער לערנען זיך אַלע יונגע נאָוועליסטן ביי אים. וואָס האָט ער זיי צו געבן אַ חוץ די ריינע פּראָפעסיאָנעלע קונצן?

אויף דעם האָט מאָפּאַסאַן אַליין געענטפערט: גאָרנישט. ער איז געווען איינער פון יענע קעמפער פון „קונסט פאַר קונסט", וואָס פאַר זיי איז די עטיק אין אַ קונסט־ווערק געווען פאַרשוועכונג. פונדעסטוועגן איז עס אַ פאַקט נישט אָפּצולייקענען, אַז זיינע ווערק האָבן געהאַט אַ טענדענץ, און אַפילו אַ באַשטימטע טענדענץ ווי אַ טיף דורכגעפילטע, פונקט אַזאַ עקשנותדיקע צו פאַר־ווירקלעכונג שטרעבנדיקע, ווי למשל, פון אַ דזשאָן בעניאַן אָדער אַ־פילו פון אַזאַ נביא ווי טאָלסטאָי. ער האָט געטענהט, אַז דאָס לעבן איז אַ שווינדל און אַן אומגליק, די מענטשן זענען נישט מער, ווי חיות אָנגעטון אין שיינע קליידער מיט חניפה־שמייכלען אויף די פּנימער.

מאָפּאַסאַן האָט זיי אַזוי פיינט געהאַט, אַז ער האָט זיך אַליין פאַראַכט. ער האָט געפּרוווט גלויבן אין דער שפּיל אַליין, אין דעם נאַטירלעכן אַנימאַלישן געניוס פון די ליידנשאַפטן; און

אַנשטאָט הנאה צו האָבן פון אַזעלכע תענוגים, ווי ער אַליין פריידיקט, פאַרשליסט ער זיך ווי אַן אַרעסטאַנט אין אַ קאַמער, כדי צו ווערן מייסטער פון זיין מרה-שחורהדיקער קונסט. און איידער ער שטאַרבט דריקט ער אויס זיין האַס צום שיקזאַל, וואָס האָט'געשאַפן זיין אייגן לעבן מיט זיין סביבה פון דעם בירגערלעכן פראַנקרייך.

מאָפּאַסאַן איז געלעגן מיט אַ שאַרפן בליק און אַ וואַכער פאַנטאַזיע אויפן געיעג נאָך אַ סצענע, אַן עפּיזאָד, אַ כאַראַקטער-שטריך, וואָס זאָל אים געבן די מעגלעכקייט צו באַווייזן די נישטיקייט און די נעבעכדיקייט פון דעם מענטשלעכן גורל, די פאַלשקייט פון דער מענטשלעכער חשיבות און כבוד. ער האָט געזאַמלט אַזעלכע זאַכן, פּונקט ווי אַ נאַטור-פאָרשער זאַמלט אינזעקטן און שלאַנגען. די העלדן פון זיינע ווערק זענען אָדער פראַנצויזישע פּויערים, גיריקע און שלעכטע אָדער די פראַנצויזישע בורזשויען, וואָס אונטער זייער סאַמעט און זייד, מאָראַל און גייסט, זענען אויך פּונקט אַזעלכע עקלהאַפטע חיות, ווי די פּויערים. מאָפּאַסאַן קריגט זיך נישט נאָר מיטן מענטשן, נאָר אויך מיט דעם לעבן גופא. קיין שום זאַך פאַרשאַפט אים נישט קיין גרעסערע שמחה, ווי עפּעס אַ געשעעניש, וואָס באַווייזט די זינלאָזיקייט פון דער טוגנט און שטעלט אַרויס דעם רבונו-של-עולם, ווי עפּעס אַ שפּילערישן דעמאָן, וואָס מאַכט זיך לוסטיק מיטן אָפּרייסן די פליגל פון דעם שמעטערלינג, וואָס ער האָט אים אַליין באַשאַפן.

איין נאָוועלע פון די צווייהונדערט און צוועלף נאָוועלן מעג דינען פאַר אַן אילוסטראַציע צו דעם, וואָס מיר האָבן דאָ געזאָגט וועגן מאָפּאַסאַנען. איך קלויב אויס „די האַלז-קייט" צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס דידאַזיקע נאָוועלע שטייט מיר שוין פינפאונצוואַנציק יאָר נאָך דייטלעך אין זכרון. אַ שיינע פרוי, דאָס ווייב פון אַן אָרעמען אָנגעשטעלטן, וועלכע פירט אַ נישט-באַגנוגנט רייך לעבן, באָרגט ביי איר רייכער פריינדין אַ וווּנדערבאַרע בריליאַנטענע קייט, כדי אויסצוזען אויף אַ באַל זייער עלעגאַנט. זי פאַרלירט די קייט. איר מאַן און זי אַליין מאַכן אַ תל פון אַלדינג, וואָס זיי פאַרמאָגן, קויפן אָפּ אַ נייע

קייט און ברענגען זי צו דער אייגנטימעריין, נישט דערציילנדיק איר וואָס עס איז באמת פאָרגעקומען. צען יאָר נאָכאַנאַנד האָבן די ביידע מענטשן שווער געאַרבעט צו באַצאָלן זייערע חובות; די שיינע פרוי עלטערט זיך און ווערט מיאוס, אָבער דאָ טרעפט זי איינמאָל איר פריינדין, וואָס איז שטאַרק גערירט פון איר אויסזען. די פרוי, נעבעך, איז איר מודה די פיין פון די גאַנצע צען יאָר, — און דערוויסט זיך, אַז זי האָט איר לעבן פאַרשווענדעט, כדי אָפצוענטפערן פאַר אַן אומעכטע, אימיטירטע, כמעט לחלוטין ווערטלאָזע קייט.

מאָפאַסאַנס טעכניק, נישט זיין קוק אויפן לעבן, פאַרמאָגט פיינקייט. עס איז נישט מעגלעך קיין אמתע פיינקייט, וויבאַלד מעז טענהט, אַז די מענטשן זענען ווילדע חיות, און עס זענען פאַראַן בלויז אייניקע אַנימאַלישע געפילן און זיי פאַרפירן קיינמאָל נישט; מען ווייס געגוי, וואָס אַ מאַן וועט טון אין קעגנוואַרט פון אַ פרוי און וואָס זי וועט אים אָנרעגן צו טון. און אויב גאָט איז אַ שפילערישער דעמאָן, האָבן אַלע דערציילונגען דעמזעלביקן סוף. אוודאי קען מען אין דער דערמאַנטער נאָוועלע נישט דערטאַפן דעם שפיצל פון דעם דעמאָן —: אַז די קייט איז געווען פאַלש, דאַך ווייסט מען באַלד פון אָנהויב, אַז ס'וועט עפעס פאַסירן אַזוינס, וואָס וועט אָפחוזקן פון מענטשלעכן שטרעבן און מענטשלעכע האָפענונגען.

דעם סוף פון אַזאַ מין שריפטשטעלער קען מען אויך נאָך פריער פאַרפילן. נעמט ער דאָס לעבן געגווג ערנסט, כדי צו ווערן אַ גרויסער קינסטלער, דאַן שטייט אים פאָר די סכנה, וואָס ער נעמט ערנסט צו האַנדלען אין הסכם מיט זיינע איבערצייגונגען. ער וועט זיך וועלן ראַטעווען פון דער פאַרצווייפלונג און זיך זוכן אויסצולעבן אין פאַרווײַלונגען און אַלקאָהאָל; אויב דאָס וועט אים נישט צופרידנשטעלן, וועט ער ער גיין ווייטער: צום אָפיום און צום האַשיש. ער וועט געהערן צו יענע מענטשן, וואָס נעמען זיך דאָס לעבן מחמת מורא פאַרן טויט, אָדער וואָס דאָס גריבלען זיך וועגן משוגעת, מאַכט זיי משוגע. אין עלטער פון פערציק יאָר האָט שוין מאָפאַסאַן

געטראָגן דאָס משוגעים-העמדל. דערדאָזיקער פאַקט האָט אים פאַר-וואַנדלט אין אַ מאָראַליסט און גיט אונדז אַ גוטע לערע, וואָס ווירקט אַסאַך שטאַרקער, ווי אַלדינג, וואָס מיר קענען זאָגן וועגן די קונסט-דילעטאַנטן פון אונזער צייט, די לייט, וואָס שרייבן פאַרפומירטע, צאַרטע אַבסעניטעטן און פירן אַן אָנגענעם קאָנווענציאָנעל לעבן אויף דעם חשבון פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

28

דער שונא פון קאָנווענאַנסן

אין פאַרכמורעטן אייזיקן צפון, ווו די מענטשן טרוימען פון גאָט און טרינקען שטאַרקן אַלקאָהאָל, איז געווען אַן אַנדער לערער ביי זיין אַרבעט, אַרונטערצורייסן די בירגערלעכע מאָראַל. אַ ווירבל-שטורם פון קאָנווענאַנסן האָבן זיך געדרייט אַרום זיין קאָפּ. דער נאָמען העגריק איבסען רופט אַרויס פאַר אונזערע אויגן די געשטאַלט פון אַן אַלטן מאַן מיט אַן אַנטשלאָסענעם בליק, אַ האַרט מויל און צולהכעיסדיקע ווייסע באַקנבערד. ער איז געווען אַ קעמפער, אַ דאָגמאַטישער אַנטי-דאָגמאַטיקער; איי-נער פון די אויסגעשפּראָכענסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן אויפן געביט פון ליטעראַטור.

אויך ער האָט אָפּגעשטאַמט פון פאָלק. אויך ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון דחקות. אין אַ קליינער נאָרוועגישער האַפן-שטאָט האָט ער צוערשט געאַרבעט פאַר אַן אַפּטייקער-גע-הילף, דאַן איז ער געוואָרן איינס נאָכן אַנדערן סטודענט, זשור-נאַליסט, דיכטער און דירעקטאָר פון אַ פּראָווינץ-טעאַטער, וואָס האָט גאַנצע זעקס יאָר אָן אויפהער געקעמפט מיטן באַנקראָט. צו אַכטאונדרייסיק יאָר האָט איבסען באַקומען פון קעניג אַ סטי-פּענדיע (פּענסיע) פון פיר ביז פינפהונדערט דאָלער אַ יאָר. מיט דערדאָזיקער הכנסה האָט ער געפירט אַ שטרענג, מער ווי איינפאַך לעבן, געשפּייזט זיין פאַמיליע, האָט זיך אַליין צוגעגייט

די קנעפּ און באַנייט דאָס טעאַטער און די מאָראַלישע אידעען פון דער דעגקנדיקער וועלט.

אַ חוץ איניקע ווערק פון זיין יוגנט, האָט איבסען באַהאַנדלט אין אַלע זיינע ווערק דיזעלביקע טעמע: דאָס פּראָבלעם פון דעם אידעאַל און זיין שייכות צו דער ווירקלעכקייט. מענער און פרויען שאַפן זיך איין מאָראַלישע כּללים און פּרוּוון לעבן לויט זיי; דאָך דערגרייכן זיי, לפּחות אין איבסענס דראַמען, כּמעט שטענדיק דעם היפּוך פון דעם, וואָס זיי האָבן געוואָלט. איבסען גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז דאָס לעבן קען מען נישט רעגולירן דורך דאָגמען, וואָס די דעמאָקראַטישע זענען פּונקט אַזוי געפערלעך, ווי פון דער אויטאָריטעט; אויב זיי ווערן אָנגעווענדעט בלינדערהייט, זענען זיי ביידע גלייך שעדלעך. איבסען האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן קאָנפעסיאָנען און סאָציאַלע קאָנווענאַנסן, וואָס דריקן אונטער דעם אינדיווידום און שטערן זיין פולע אַנטוויקלונג; ער ווייזט אונז להיפּוך, עמעצן אַן עגאָאיסט, וואָס שטעלט נאָר אויף זיין אייגענעם „איך" און באַקעמפט זיין אייגענע סביבה.

איבסען האָט אָנגעשריבן צוויי פּאָעמעס: „בראַנד" און „פּיער גינט", וואָס לויט זייער אינהאַלט דערמאָנען זיי שטאַרק אין דאָן קישאָט. בראַנד איז אַ נאַרוועגישער פּריידיקער, וואָס פאָדערט דעם פאָלקאָמענעם יושר, דעם גאַנצן קרבן צום גאָט פון אינדיווידואַליזם. ער האַנדלט פונקט אַזוי בלינד, ווי דאָן קישאָט, וואָס שלאָגט זיך מיט ווינטמילן און שטויסט אַסאַך מענטשן, און זיך אויך בתוכם, אין אָפּגרונט. פּיער גינט דאַגעגן איז אַ לייכטזיניקער בחור, וואָס נאַרט זיך אָפּ פּונקט ווי סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ, אין יענע מעלות זיינע אויף וועלכע ער איז גראָד צום שטאָלצסטן: די פעיקייטן צו זאָרגן פאַר זיך אַליין, די גלייכגילטיקייט צו אַלע פרעמדע אינטערעסן.

אויך איבסען איז געווען אונטערגעוואָרפן דעם טונקעלן איינפלוס פון דער נאַטור־וויסנשאַפט. פּונקט ווי מאָפּאַסאַן, האָט אים אויך אויסגעוויזן, אַז די מענטשן זענען אַ שפּילעכל אין די הענט פון צופאַל. דאָך גלויבט ער, צוליבכעיס אַלע טעאָריעס, אַז

מען מוז קעמפן קעגן דעם צופאל און ער ווידמעט זיך אינגאנצן דער אויפגאבע צו העלפן די מענטשן, לערנען זיי צו קעמפן ווירקזאם און קלוג.

ער האט געארבעט לויטן מוסטער פון די פראנצויזישע „גוט-געבויטע" דראמעס, א פשוט נישט באפוצט בילד פון דער ווירקלעכקייט, צונויפנעמענדיק א גרויסע מאסע פון כאראקטערן און פאסירונגען אויף אן ענגן שטח. זיינע פערזאנען נעמט ער נישט פון דער גרויסער וועלט, נאר פון זיי היימישן מיטלשטאנד פון די קליינע נארוועגישע שטעטלעך: דאקטוירים, אדוואקאטן, גייסטלעכע און סוחרים מיט זייערע ווייבער, זין און טעכטער. דאס זענען געבעכדיקע אומגליקלעכע מענטשן, און איבסען ווייזט אונז, אז זיי באשולדיקן זיך אליין דערפאר, וואס זייערע אידעען זענען פאלש און זיי זענען שקלאפן פון א טראדיציע, וואס האט מער נישט קיין שייכות מיט באדינגונגען פון דער ווירקלעכער וועלט. אין דער דראמע „די זיילן פון דער געזעלשאפט" געפינען מיר א סוחר, וואס האט געמאכט פון זיין גאנצן לעבן א ליגן, כדי פארבארגן עפעס א חטא, וואס ער איז אמאל באגאנגען; ער העלפט מיט דער ציוויליזאציע דערמיט, וואס ער האט פאר אלעמען געפריידיקט, אז א געשעפטסמאן קאן באגיין אן עוולה. אין „נארא אדער א פופנהיים" אנטדעקט די פרוי, אז זי איז אין איר היים נישט מער ווי א שפילצייג, פארלאזט דעם מאן און די קינדער און גייט אוועק אין דער וועלט, כדי צו ווערן א פערזענלעכקייט.

טעזן-דראמעס פון אזא מין ,קענען האבן דרייערליי ווירקונגען. ערשטנס: די טעזע איז ניי; און אויב זי געפעלט דעם צושויער אדער ערגערט אים, רעגט זי אים אויף אדער באוועגט אים. צווייטנס: מען קען שוין די טעזע פון אויסנווייניק, מ'האט זי אנערקענט און איינגעפירט זי אין לעבן, דאן איז די דראמע לאנגווייליק, מען זאגט, מען גייט נישט אין טעאטער, כדי צו הערען זונטיק-דרשות. דריטנס: די טעזע איז אויסגעדריקט געווארן אויף אזא אופן, אז מען זעט איר כמעט נישט ארויס, די

דראַמע אינטערעסירט נאָר דעמאָלט, ווען זי נעמט בכלל צוליב די עכטקייט פון אירע געשטאַלטן און זייער שיקזאַל.

מיט אַ יאָר צוריק האָב איך בייגעוווינט אַן אויפפירונג פון „נאָראַ". איך האָב מיך געפונען אין צווייטן סטאַדיום און דאָס שטיק איז מיר אויסגעקומען ווי אַ לאַנגווייליקע קליינע דרשה. אין אַ קורצע צייט אַרום האָב איך געזען „העדאַ גאַב-לער" און איך האָב געקריגן לחלוטין אַן אַנדערן איינדרוק. איך האָב לגמרי פאַרגעסן די טענדענץ און איך האָב מיך בלויז אינטערעסירט מיט דערדאָזיקער שטודיע וועגן דער פסיכאָלאָגיע פון דעם מאָדערנעם פאַראַזיטן-ווייבעלע. מיר אַלע קענען העדאַ; עטלעכע פון אונז זענען געווען אויך מיט איר פאַרהייראַט. זי איז דערצויגן געוואָרן אין ליידיקגייערישקייט, לעבט נאָר מיט איר שטאָלץ, לאַנגווייליקט זיך, פאַרפאָלגט די מענער, נישט צוליב סעקסועלע באַדערפענישן, נאָר ווייל זי וויל האָבן אויפמערק-זאַמקייט און דערפאָלג, וואָס זי קאָן נישט פאַרטראָגן, אַז מען זאָל עס אין איר קעגנוואַרט שענקן אַן אַנדערן. איינער פון העדאַס קרבנות איז אַ דיכטער. ער האָט זיך באַמיט און אָנגע-שריבן אַ מאַנוסקריפט, און אין זיין פאַרצווייפלונג צוליב העדן, צערייסט ער אים. ווען העדע דערוווסט זיך דערפון איז זי טיף אָנגעגריפן און זי שרייט אויס: אַ טאַט! אַ טאַט! העדאַ איז אַ סימבאָל פון דעם לאָזונג: קונסט לשם קונסט לגבי דעם לעבן.

דאָס באַרימטסטע פון איבסענס ווערק איז די דראַמע „געשפענסטער". דאָ איז דער מוסר-השכל אַזוי זינדיק, אַז די קריטיקער דערוועגן זיך נאָך היינט נישט עס פעסטצושטעלן. זי איז פונקט דער היפוך, ווי דער מוסר-השכל פון דעם „שאַר-לאָך-רויטן בוכשטאַב" און זאָגט: אַזאַ גוטע, ערנהאַפטע אומגליק-לעך פאַרהייראַטע פרוי, וואָס האָט ליב אַ גלח, זאָל זי זיך בעסער מיט אים אַרומפירן, איידער צו בלייבן ביי איר מאַן. אין איב-סענס דראַמע בלייבט די פרוי ביי איר מאַן, פאַרזיסט אים דאָס לעבן, אין דער צייט ווען ער טרינקט און נאַרט איר אָפּ-זי געבוירט אַ זון, און ווידמעט זיך אים מיט דער גאַנצער לי-בע און מסירת נפש, נאָר כדי צו זען ווי דערדאָזיקער זון

געראָט אַריין אין טאָטן אַריין, און שטאַרבט לסוף פון סיפיליס. דידאַ-זיקע אומאַנגענעמע קראַנקהייט איז נאָך ביז יענער צייט נישט אָ-רויפגעבראַכט געוואָרן אויף דער בינע. ווען מען האָט דידאַזיקע דראַמע אויפגעפירט אין לאָנדאָן אין יאָר 1899, זענען די קריטיקער אין די צייטונגען שיר נישט אַראָפּ פון זינען. איין באַריכט וועגן זייערע מיינונגען קאָן מען געפינען אין בערנאַרד שאָוס: דער תמצית פון איבסענען. דער „דיילי טעלעגראַף" רופט אָן די דראַמע: אַן אָפענער מיסט-גרוב, אַן אָפּגעדעקטער עקלהאַפטער געשוויר, אַ שווייַנערייַ וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן פאַר דער עפנטלעכ-קייט... חיה׳ש און ציניש... אַ ליטעראַרישע נבלה... דאָס אַלץ וועגן אַ דראַמע, וואָס ווערט הייַנט פאַררעכנט צו די דראַמאַטישע מייסטערווערק פון דער וועלט-ליטעראַטור.

„דער שונא פון פאָלק" ווייַזט אונז איבסענס בליק אויף דער פּאָליטיק און סאָציאַלע פראַגן. „דער שונא" איז אַ יונגער דאָקטאָר אין אַ נאָרוועגישער שטאָט, וואָס מאַכט די אַנטדעקונג, אַז די באַרימטע בעדער, וואָס איז דער פונדאַמענט פון דעם שטאָטישן רייכטום, זענען אָנגעשטעקט מיט טיפוס-באַצילן. ער דערוועגט זיך דעמדאָזיקן פאַקט באַקאַנט צו מאַכן און לעבט איבער צוליב דעם אַ נישקשהדיקן אומגליק.

פערציק יאָר זענען אָפּגעלאָפן זינט איבסען האָט אָנגע-שריבן דידאָזיקע דראַמע. אין דער צייט האָבן מיר באַוויזן צו אַנאַליזירן די עקאָנאָמישע כחות פון אונזער געזעלשאַפט און מיר קאָנען זיך דעריבער נישט צופרידנשטעלן מיט אַ פּרימיטיוון אומצוטרוי לגבי דער דעמאָקראַטיע. עס הייסט טאַקע, אַז דאָס פאָלק פאַרשטיינערט די נביאים, דערנאָך אָבער שטעלט זי זיי אויף דענקמעלער און די וועלט וועט אויסגעלייזט ווערן — אויב זי וועט בכלל אויסגעלייזט ווערן — נאָר דורך דעם פאָלק גופא. איבסענס האַלטונג איז נאַטירלעך פאַר אַ קינסטלער, וואָס מוז פאַרטיק ווערן מיט זיך אַליין און מיט זיין אייגענעם באַוווסטזיין און האָט נישט ליב, אַז עמעצער זאָל אים לערנען, וויאַזוי צו טראַכטן. ער וועקט אומצוטרויען צו דער דיסציפלין, פריידיקט אינדיווידואַליזם — מוז צוזען, ווי די רעאַקציאָנערן ציטירן גערן

זיינע ווערטער. מען זעט, אַז די דיכטער קומט עס אָן גרינג. זיי דאַרפן נאָר די וועלט שילדערן; די מאַסן אָבער האָבן אַ שווערערע אויפגאַבע. זיי מוזן די וועלט פאַרענדערן. מחמת דעם קאָנען זיי זיך נישט צופרידנשטעלן מיט סתּם אַנאַרכיסטישע שטיק. זיי מוזן זיך אָרגאַניזירן, מוזן זיך אָפּזוכן אַ פירער, אָנער־קענען סאָלידאַריטעט און דיסציפּלין: זיי מוזן לערנען צו פאָלגן זייער פירער און גלייכצייטיק אים קאָנטראָלירן. דאָס איז אַ נייע אויפגאַבע, וואָס פאָדערט אַ נייעם טיפּ פון אַ דענקער, וואָס איז נישט נאָר קריטיש, נאָך איז אויך קאָנסטרוקטיוו.

29

די ביאָלאָגישע חכערקייט

אויך שוועדן האָט אין ניינצנטן יאָרהונדערט פאַרמאָגט איר גרויסן דראַמאַטורג און דיכטער. ער האָט געלעבט אָן ערך צוואָנציק יאָר נאָך איבסענען. אַ געפּייניקטער עמפּינדלעכער מאַן, וואָס האָט אויסגעפּרווט אַלע גלויבנס נישט געווען קיין איין זאַך, אין וואָס אַ מענטש האָט ווען עס איז געגלויבט, אַז אויך ער זאָל נישט האָבן אין דעם געגלויבט. דערדאָזיקער דיכטער איז אַפילו פאַר מיר גופא צו פיל פּראָפּאַגאַנדיסט. עס געפעלט מיר, ווען קינסטלער האָבן אידעען, אָבער זיי דאַרפן נישט זיין אַזויפיל, אַז זיי זאָלן זיך איינער דעם אַנדערן סותר זיין.

אויגוסט סטרינדבערגס פאָטער איז געווען אַן אָפּגעקומע־נער פּריץ. זיין מוטער איז געווען אין אַ שענק און האָט שוין געבראַכט פאַר אים דריי אומגעזעצלעכע קינדער אויף דער וועלט. ער איז געוואַקסן אַלס אַ קינד פון אַן עלף־קעפּיק הויזגע־זינד. די ערשטע געפילן, וואָס ער האָט באַקענט, זענען געווען שרעק און הונגער. דאָס גאַנצע לעבן איז ער געווען אַן איינ־זאַמער און אומגליקלעכער מענטש, וואָס האָט פאַרפּלייצט גאַנץ שוועדן מיט זיינע יסורים.

צו איינאונצוואַנציק יאָר האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן, ער האָט פאַרמאָגט די לײַדנשאַפט פון אַ קינסטלער אַלצדינג צו וויסן. אין יענע פריע צייטן איז ער געווען אַ סאָציאַליסט און אַ פאַרקעמפער פון דער אַרבעט אוןווירטשאַפטלעכער באַפרייונג פון דער פרוי. אָבער ווען ער האָט צו זעקסאונצוואַנציק יאָר חתונה געהאַט, האָט ער געענדערט זיינע מיינונגען.

זיין פרוי האָט אים געבוירן עטלעכע קינדער און זיך דאַן געוואָלט אומקערן צו איר פּראָפעסיע אַלס אַקטריסע. סטרינד-בערג איז געווען קעגן דעם. זיי האָבן זיך צעקריגט און לסוף זיך נאָך זיבן יאָר פאַנאַנדערגעגאַנגען. דאָס האָט דער דיכטער געהאַלטן פאַר אַ טראַגעדיע, וואָס מ'קאָן קיינמאָל נישט געפינען קיין טרייסט. ער האָט דאָך געגלויבט, אַז די חתונה איז אַווירק-לעכע פאַראייניקונג פון פלייש און גייסט און אַז די צעשיידונג פון אַ פּאָר באַדייט פאַר זיי ביידע אַ שטענדיקער רוּאין.

סטרינדבערג דריקט אויס זיינע יסורים אין דעם ווערק: „די ווידוי פון אַ נאַר", אַ שוידערלעך בוך, — און דאָך מוז מען ביים לייענען טיילמאָל שמייכלען. דער מחבר דערציילט אונז, אַז די פרוי שטייט אַסאַך נידריקער ווי דער מאַן. ער פאַרטיפט זיך אין דערדאָזיקער טעאָריע — און בעת־מעשה דערציילט ער אונז עפּיזאָדן פון זיין צוזאַמענלעבן, וואָס באַווייזן גראָד, אַז די פרוי איז אים אַסאַך איבערגעוואַקסן.

סטרינדבערג גלויבט, אַז די פרוי איז מינדערווערטיקער פון דעם מאַן, נישט נאָר פיזיש, גייסטיק און מאָראַליש, נאָר אויך ביאָלאָגיש. זי איז אַ צווישנזאַך צווישן קינד און מאַן און מחמת דעם איז איר פליכט זיך אונטערצוואַרפן אונטער דער ביאָלאָגישער העכערקייט פון מאַן. אָבער צוליב עפּעס אַ סיבה, האָט די נאַטור פאַרשפּעטיקט צו אינפאָרמירן זיי וועגן דער-דאָזיקער מינדערווערטיקייט, און דאָסדאָזיקע עגאָיסטישע באַשע-פעניש האָט אַ העזה צו האַנדלען אַזויווי זי וואָלט געשטאַנען גלייך מיטן מאַן; דערפאַר פירט ער אַלעמען אַראָפּ פון דרך-הישר און מאַכט פון אַלדינג אַ תּל. סטרינדבערג האָט זיך אָנ-געכאַפּט אין דערדאָזיקער פאַראַלגעמיינערונג, נישט נאָר אין זיין

ערשטער חתונה, נאָר אויך אין זיינע צוויי שפּעטערדיקע חתונות, וואָס זענען דורך דעם אויך געווען אויסערגעוויינלעך אומ-גליקלעך.

אוודאי זענען פאַראַן פּרויען פון אַ רויב-חיה-טיפּ, פּרויען וואָס מיסברויכן מיט זייער מאַכט; מען קען אָבער פון אַ אַ פאַרשקלאַפטע ראַסע נישט דערוואַרטן עפּעס אַנדערש, ווי אַ פאַרשקלאַפטן געשלעכט. דאָס איינציקע מיטל אַנצווענדן ריכ-טיק די מאַכט און זי צו באַקומען איז: אַליין צו נעמען זי. די פּרויען, וואָס האָבן אַ תּל געמאַכט פון סטרינדבערג׳ס פאַמיליען-לעבן, האָבן געגליכן די סופראַזשעט מיט דעם האַמער; זיי ווענדן אָן דעם איינציקן אַרגומענט, אויף וועלכן דער געגנער מוז רעאַגירן. דער פּועל יוצא פון זייערע אַנשטרענגונגען איז, אַז אייניקע פון אונז זענען היינט צו טאָג גליקלעכער; מיר האָבן חברים-פּרויען, וואָס וועלן בשום אופן נישט מיסברויכן מיט זייער מאַכט, נאָר צוזאַמען מיט זייערע מענער טראָגן די לאַסט פון לעבן.

אָבער ווי מען זאָל נישט קוקן אויף סטרינדבערגס ביאָ-לאָגישער העכערקייט, קען מען זיך נישט באַפרייען פון דער שטאַרקער קראַפט פון דער דראַמע, וואָס ער האָט גע-שריבן אויף דערדאָזיקער טעמע: „דער פאָטער". מיר זען דאָ, ווי אַ מאַן פון אַ כיטרער שטאַרקער פרוי, וואָס וויל אים זיך אונ-טערוואַרפן, גייט צו גרונט. מיט אַן אומגלויבלעכער לעבענס-טרייקייט איז אויך געשילדערט „פרײַלן יוליע", וואָס שילדערט די דעגענעראַציע פון דעם הערשנדיקן קלאַס אין שוועדן. די הויכגעבוירענע יונגע דאַמע, וואָס האָט באַציונגען מיט אַ דינער, וואָלט פּונקט אַזוי גוט געקענט שטאַמען פון אַ זונטאָג-ביילאַגע צו אַן אַמעריקאַנער „געלער" צייטונג.

סטרינדבערג איז דערגאַנגען צו דער גרענעץ פון משוגעת; עטלעכע יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין אַ סאַנאַטאָריום, וווּ ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן אַזוינע גרענעץ-געביטן פון גייסט: „אינפערנאָ". דאַן איז ער אַוועק קיין שוועדנבורג, געוואָרן אַ קריסטלעכער מיסטיקער און אײַנגעפאַלן אין אַ צווייטער

קינדהייט פון פארערן די ביבל. דאָס האָט אים אָבער פונדעסט־וועגן נישט געשטערט, ווייטער צו באַקעמפן זיינע שונאים, אָנ־צוגרייפן זיי אין אַסאַך בענדער אויפן ווילדסטן אופן און זיי צו באַשמוצן. אויף אַ מאָדנעם אופן פארקערפערן דידאַזיקע ווערק עפּעס אומפערזענלעכעס, ווייל דער מאַן איז אַזוי טראַ־גיש ערנסט. ער האָט געזוכט דעם אמת. ער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונז, ווי אַ דאָקומענט; נאָר איין איינציקן, זשאַן זשאַק רו־סאָ, איז עס געלונגען ביז אים צו זיין אַזוי פולקאָם. דערפאַר מוז סטרינדבערג אַריינגערעכנט ווערן צו די לערער פון דער מענטשהייט. אויב דער קינסטלער גיט אונז דעם אמת, וועט ער אונז אייביק, ווען עס איז, ברענגען נוצן.

30

דער איבערמענטש

ס'איז נאָך פאַראַן אַן אַנדער גרויסער שריפטשטעלער פון יענער צייט, וואָס ס'האָט זייער באַשעפטיקט דאָס פרויען־פּראָב־לעם. אויגוסט סטרינדבערג האָט חתונה געהאַט מיט דריי פרויען און ער האָט איבערגעלעבט דריי טראַגעדיעס. פרידריך ניטשע האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט איין פרוי, וואָס האָט אים אָבער אָפּגעזאָגט און דערפאַר האָט ער אָנגעהויבן שרייבן מיט פול פאַראַכטונג וועגן אַלע פרויען. הגם ער איז געווען אַ זון פון אַ גלח, האָט ער געליטן פון אַ געירשנטן סיפיליס און לסוף איז ער געוואָרן משוגע, — אַ טראַגישער פאַרלוסט פאַר דעם גרעסטן גייסט פון אונזער צייט.

ניטשע איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1844. ער איז גע־וואָרן פּראָפעסאָר פון פילאָלאָגיע אויף אַ שווייצאַרישן אוניווער־זיטעט. אַז ער איז אַלט געוואָרן פינפאונדדרייסיק יאָר, איז ער קראַנק געוואָרן פון אַ צו גרויסער אויגן־אַנשטרענגונג און ער האָט זיך מיט אַ קליינעם געהאַלט צוריקגעקערט צום פּריוואַטן לעבן.

צו פינפאונפערציק יאָר איז ער אַראָפּ פון זינען; נאָכדעם האָט ער נאָך געלעבט עלף יאָר, פאַרפוילט ווערנדיק ביסלעכווייז און ברומענדיק ווי אַ ווילדע חיה.

פאַרשטייט זיך, אַז ניטשעס פיינט האָבן אויסגענוצט דעם גרויזאַמען גורל פון דיכטער און האָבן געטענהט, אַז ער איז געווען משוגע פון געבוירן אָן. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי לייכט געקאָנט פאַרטיק ווערן מיט זיינע ווערק; דעם דורכשניטלעכן מענטש, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט דערפילט ניטשעס געפילן און שטימונגען, איז שווער צו פאַרשטיין זיינע שריפטן און ער וויל זיך נישט פאַרטומלען מיט זיי זיין קאָפּ. אָבער די וואָס קענען די שטימונגען, די מעגן אַרויסזאָגן זייער אורטייל וועגן ניטשען. ניטשעס רייפע ווערק זענען פולקאָם נאָרמאַל. וואָס אַן אמת, פאַרמאָגן זיי אין זיך פלערליי סתירות, אָבער מיר מוזן אַזאַ אָריגינעלן גייסט לאָזן זיך אַנטוויקלען. זיין מייסטערווערק: „אַזוי זאָגט זאַראַטוסטראַ" פאַרמאָגט אין זיך די גרעסטע נביאישע שטעלן זינט אַסאַך דורות.

מיר טאָרן אָבער אויך נישט פאַרגעסן, אַז דידאָזיקע ביכער זענען אָנגעשריבן געוואָרן דורך אַ קראַנקן פוןליידן געפייניקטן מענטשן. ער אַליין האָט איינמאָל דערקלערט, אַז יעדעס יאָר איז פאַר אים צווייהונדערט טעג ליידן. זיין וועלטאויפפאַסונג איז פונקט ווי דער עקסטאַז פון אַ געפייניקטן מאַרטירער, אַ פועל־יוצא פון אַ ליידנדיקן געפייניקטן גייסט. פון אַזאַ שטייגער מענטשן קענען מיר נישט דערוואַרטן קיין רעגלמעסיק סיסטעמאַטיש דענקען; מיר קענען אָבער חוצדעם דורך זעלטענע געהיימנישן זיך דערוויסן וועגן די מעגלעכקייטן פון דעם מענטשן־גייסט.

צו ניטשעס לערע געהערט דאָס אויפהויבן די אַריסטאָקראַטישע טוגנטן איבער די דעמאָקראַטישע. ער איז געווען אַ זון פון אַ פּרייסישן פּאַסטאָר, ער האָט פאַרהערלעכט די מלחמה און ער איז געאַכטעט געוואָרן פאַר דעם גייסטיקן אויספירער פון דעם אַריינמאַרש קיין בעלגיען. עס וואָלט גאַנץ לייכט געווען צוליב דעמדאָזיקן אים צו באַזיגן און צו צערייסן און צעפּערטלען אים

פאַר אַלעמענס אויגן. אָבער וואָס מיר שטערט דערין, איז דער פאַקט, אַז ניטשע איז איינער פון די פּיאָנערן פון עטישן לעבן, אַ דעראָבערער פון אַ נייע וועלט פאַר דער מענטשהייט.

זיין וועלט-אַנשויונג האָט צוויי זייטן: אַ פּאָזיטיווע און אַ נעגאַטיווע. אויף דער פּאָזיטיווער זייט דערקענען מיר דעם באַגייסטערטן דיכטער, וואָס פּריידיקט ברידערלעכקייט, דינסט און זיך מקריב צו זיין. אויף דער נעגאַטיווער זייט אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז דער פּחד און דאָס אַנטלויפן פון דעם קראַנקן מענטשן, וואָס וויל אַוועק פון לעבן, מיט וועלכן ער קאָן זיך נישט קיין עצה געבן און זוכט אַ באַהעלטעניש ביי זיין אייגענער וויזיע, וווּ ער קאָן זיין הער איבער זיך, און נישט מוזן פאַרטראָגן דאָס אריינמישן זיך פון אַ פּיינטלעכע פרעמדע וועלט. מיר וועלן תּמיד איינזען, אַז ווען ניטשע ליבט עפּעס, איז עס גרויס און חשוב און דאָס, וואָס ער האַסט איז עס גיכער עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען. עס זענען פאַראַן פריער פאַר אַלץ צוויי זאַכן, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען: פרויען און נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיע. דאָס האָט ביי אים אָוועקגענומען אַלע געדאַנקען און געהאַט דערין אַ שולד, וואָס ער איז פון יענע מאַכטן, וואָס ער האָט געהאַסט און פון זיי באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ משוגענער.

ניטשע האָט איינגעשטימט מיט דער גרונד-טעזע פון דעם־דאָזיקן בוך, אַז יעדע קונסט איז פּראָפּאַגאַנדע. ער האָט באַוויזן, אַז יענע, וואָס האָבן דעם מוט צו קוקן דעם לעבן אין פּנים אַריין און עס צו באַזיגן, יענע שאַפן פאַר זיך אַליין אַ פילאָזאָפיע און אַ קונסט פון אייגענעם געדאַנק און זעלבסטאַנט־וויקלונג; דאַקעגן יענע, וואָס האָבן מורא פאַרן לעבן, שאַפן זיך אַ פילאָזאָפיע און אַ קונסט פון אַליין מקריב זיין זיך און זיך פון אַלץ אָפּזאָגן. ניטשע האָט אָנגערופן דאָס קריסטנטום אַ שקלאַפן־רעליגיע, געשאַפן דורך די קרבנות פון רוימישן אימפּעריאַליזם. ער האָט זיך אַליין אָנגערופן „אַנטיקריסט" און ער האָט גע־לערנט די „הערשער-מאָראַל".

ניטשעס גרעסטער פאַרדינסט איז די אינטערפּרעטאַציע, וואָס ער האָט געגעבן דעם פּרינציפּ פון אַנטוויקלונג; ער איז

געוואָרן דער נביא און דער זעער פון דערדאָזיקער לערע. ער האָט אַנטוויקלט די אויפפאַסונג פון איבערמענטש, פון יענעם העכערן וועזן, צו וועלכן די מענטשהייט זאָל זיך אַנטוויקלען.

דידאָזיקע דערפאַרונגען זיינע גיט ער איבער אין אַ הער-לעכער שפּראַך אין זיין בוך „זאַראַטוסטראַ". דאָסדאָזיקע ווערק שטייגט איבער אין שיינקייט אַלע ביז איצט אָנגעשריבענע ווערק אין דער דייטשער שפּראַך. פאַר מיר אַליין זענען די פאָלגנדיקע שורות די גרעסטע אין דער מאָדערנער דיכטונג:

„דער מענטש איז אַ שטריק, אָנגעבונדן צווישן חיה און איבערמענטש — אַ שטריק איבערן תהום.

אַ געפערלעכער אַריבערגאַנג, אַ געפערלעכער אונטערוועגס, אַ געפערלעך אומקוקן זיך, אַ געפערלעכער שטיין-בלייבן און שוידערן.

גרויס אין מענטשן איז דאָס, וואָס ער איז אַ בריק און נישט קיין צוועק: ליב האָבן אין מענטשן קען מען דאָס, וואָס ער איז אַן איבערגאַנג און אַן אונטערגאַנג.

איך האָב ליב די, וואָס ווייסן נישט וויאַזוי צו לעבן, זיי זעען אויס ווי אונטערגייענדיקע, אָבער זיי זענען די אַהיבער-גייענדיקע.

איך האָב ליב די גרויסע פאַראַכטנדיקע, ווייל זיי זענען גרויסע פאַרערנדיקע און פיילן פון דער בענקעניש נאָך דעם אַנדערן ברעג".

דידאָזיקע שורות ווערן פאַרהייליקט דורך די מאַרטירער, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר דער מענטשהייט. צי קערן מיר זיך דאָ נישט צוריק צו יעזוסעס גייסט? אונטער דעם קריסטנטום פאַרשטיי איך לחלוטין נישט יענע נאַרישקייטן, וואָס עס ווערט דערציילט אין דער קירכע. איך טראַכט גאָר וועגן יענעם רעוואָלוציאָנערן טישלער, וואָס האָט געלערנט ברי-דערלעכקייט און געוואָלט אָראָפּברענגען דאָס הימלעשע קעניגרייך אויף דער ערד.

ניטשעס לערע איז פונקט אַזוי הערעטיש: פונדעסטוועגן האָט ער צוליב זיין טאָפּעלער אומוויסנהייט נישט געקאָנט מאַכן

קיין אונטערשיד צווישן דער פרוי און דער נאַציאָנאַלער עקאָ-נאָמיע, און זיין לערע האָט ער נישט געקאָנט אָפּראַטעווען דער-פון, אַז זי זאָל נישט אויפגעפאַסט ווערן אַלס פאַרטיידיקונג פון קלאַסן-גיריקייט און קלאַסן-מאַטעריאַליזם. ווען אין צאַרישן רוס-לאַנד האָט מען זיך באַנוצט מיט יעזוסעס בילד געפאַסט אין גאָלד און אין איידלשטיינער, כדי צו הייליקן דערמיט דעם מאַסן-מאָרד, און ווען מען מיסברויכט דערמיט היינט, כדי צו באַרעכטיקן די י. פּ. מאָרגאַן עט קאָמפּ. אינטערנאַציאָנאַלע הלוואָה, זענען מיר עדות פון איינער פון די היסטאָרישע טראַגעדיעס אין דער מענטשהייט. און מיר זענען עדות פון אַן אַנדערער טראַגעדיע, בעת ניטשעס שליחות איז איבערגענומען געוואָרן פון בערנאַרדי און פון די פּרייסישע יונקער, כדי צו הייליקן יענער מאַכט, וועלכע איך האָב בעת דער וועלט-מלחמה אַלס „בעסטיע" מיט די „אינזשיניער-געהירן" באַצייכנט.

ניטשע האָט פיינט געהאַט די פּרייסישע יונקער, פונקט ווי דעם גאַנצן פּרייסישן מלוכה-אַפּאַראַט. ער האָט געלעבט ווי אַן אַסקעט, זיינע ווערטער דאַרף מען אויפצופאַסן אין גייסטיקן זין; ווען ער האָט געשריבן „שטאַרק", האָט ער געמיינט דער-מיט די, וואָס זענען פונקט אַזוי שטאַרק אין דרך-ארץ, ווי אין דער פאַראַכטונג. פונדעסטוועגן האָט ער נישט געקאָנט קעגנזייטיק אַנאַליזירן די פאַרשידנאַרטיקע קאָנקורענץ צווישן די מענטשן; ער האָט נישט געקאָנט אונטערשיידן צווישן די, וואָס אַנטפּלעקן די גייסטיקע אַנטוויקלונג און די, וואָס דריקן זי אונטער. ער האָט געזען, אַז אין דער פּרימיטיווער געזעלשאַפט ראָט די מלחמה אויס די אומטויגעוודיקע, אָבער ער האָט נישט געזען, אַז אין דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט מאַכט די מלחמה צייטיק פאַרקערטע פאָלגן: די שוואַכע און די פּאַראַזיטן דער-האַלטן זיך ביים לעבן און די שווינען פון מסחר קומען צו דער מאַכט. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז דאָס סיסטעם פון איבער-גייענדיקע פּריווילעגיעס האָט אַרויפגעזעצט אויפן טראָן די אויס-געלאַסענע און די פוילענצער, גראָד די טיפּן, וואָס ער האָט אַמשטאַרקסטן פאַראַכטעט. אַלס יונגערמאַן איז ניטשע נאָך

אַרונטערגעפאַלן רישאַרד וואַגנערס איינפלוס; ער האָט געלייענט דעם אָפשייליכן געהיימען דאָקומענט, וואָס וואַגנער האָט אָנגעשריבן פאַר זיין פריינט, דעם קעניג לודוויק, אין וועלכן ער דערקלערט, אַז ס'איז די פליכט פון קינסטלער צו שאַפן אילוזיעס, כדי צו האַלטן די מאַסע רעליגיעז און פאַטריאָטיש. דידאַקטיקע לערע האָט ניטשע אין זיך אַריינגעזויגן און מיט איר האָט ער פאַרגיפטעט זיין סאָציאַל דענקען אויף אייביק.

קלוגע קריטיקער האָבן פון מיר אָפּגעלאַכט, וואָס איך, אַ סאָציאַליסט, שעץ ניטשען. אָבער ווען מ'זאָל זיך אַזוי טיפער פאַרטראַכטן, איז פונקט אַזוי מעגלעך צו פאַרגלייכן זאַראַטוסטראַ מיט יעזוסן, ווי זאַראַטוסטראַ מיט קאַרל מאַרקס. די פרייע גייסטער און די דערהויבענע אידעאַליסטן, וועגן וועלכע ניטשע האָט געטרוימט, וועלן נישט קענען לעבן אין אַ וועלט פון אינטערנאַציאָנאַלע טרייסלונגען; זיי וועלן זיין פאַרשטויסן, ווי ניטשע איז פאַרשטויסן געווען פון דער יונקער-וועלט. ערשט, ווען די קאָנקורענץ-ווירטשאַפט וועט אָפּגעשווענקט ווערן דורך דער אַ:טשטייונג פון קאָאָפּעראַטיון-סיסטעם, דאַן וועט די מענטשהייט בכוח זיין, צו פאַרנעמען זיך ערנסט מיט יענער העכערער עטיקייט, מיט וועלכער ניטשע האָט זיך פאַרנומען.

דאָסזעלביקע געשעט אויך מיט דעם קאַמף פון די געשלעכטער. נישט דורך האַסן די פרוי, וואָס סטרינדבערג לערנט און נישט דורך אַנטלויפן פון איר, ווי ניטשע פאַרלאַנגט עס, וועט דער מענטש געפינען זיין גליק. איינס איז זיכער: ניטשע האָט גאָרנישט געוווסט וועגן דער פרוי. מיטן אויסנאַם פון איין אומגליקלעכער ליבעס-געשיכטע, האָט ער זיך באַצויגן צו זיי ווי די קריסטלעכע פרושים און גייסטלעכע — און ער האָט עס געטון צוליב אַ גאַנץ גלייכער סיבה: ער האָט געוואָלט אָן שטערונג פירן זיין אינערלעך לעבן. אָבער די עקסטרעמען האָבן זיך באַגעגנט איינער מיט דעם אַנדערן, און די געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט. ניטשעס שוועסטער איז אים געווען טריי און איבערגעגעבן זיין גאַנץ לעבן, זי האָט אים געפלעגט און געזאָרגט פאַר אים אין משך פון זיינע מוראדיקע יאָרן, בעת ער

איז ברומענדיק ווי אַ ווילדע חיה געלאָפֿן פֿון איין צימער אין אַנדערן; נאָך זיין טויט האָט זי אַרויסגעגעבן זיינע ווערק און בריוו. דער מענטש איז אַנטלאָפֿן פֿון דער פֿרוי, אָבער אין אירע אָרעמס האָט ער אָנגעהויבן זיין לעבן און" דאָרטן עס פֿאַר־ענדיקט.

31

די אָקטאָפּוס־שטעט

די מאָדערנע ציוויליזאַציע איז אַ שטיפֿמאַמע פֿאַר דעם דיכטער; זי איז איבערגעפֿולט, ליאַרמדיק און העסלעך; אַזוי אַרום אַנטלויפֿן זיי פֿון איר, זיי זוכן שוץ אין די גערטנער אָדער אין די קלויסטער, אָדער זיי חלומען וועגן דער גליקלעכער פֿאַרגאַנגענהייט. אָבער פֿונדעסטוועגן לעבט די מאָדערנע ציוויליזאַציע; זי נעמט אין זיך אַריין דאָס לעבן פֿון מיליאָנען און איבערמיליאָנען מענטשלעכע יועזנס, וואָס שמידן אַ נייע צוקונפֿט און עס אַנטשטייט אַ נייער טיפּ דיכטער, וואָס קאָן אַריינדרינגען אין גייסט פֿון דערדאָזיקער צוקונפֿט.

עס איז גוט געשען, וואָס אַזאַ שטייגער דיכטער איז גע־ווען פֿון בעלגיען, וואָרים בעלגיען איז דאָס צענטרום פֿון דער נייער אייראָפּעאישער אינדוסטריע. דאָ געפֿינען זיך די גרויסע אייזן־און שטאָל־גרובנס, דאָ איז פֿאַראַן אַ ריזיק געדיכט פֿאַרצווייגטע נעץ פֿון אייזנבאַנען, דאָ זענען די האַ־פֿנס, וווהין ס'האָט זיך איבערגעטראָגן דער וועלט־האַנדל. דאָ האָט זיך די פֿאַרגאַנגענהייט מיט דער צוקונפֿט אָנגעשטויסן איינס מיטן אַנדערן, וואָרים בעלגיען פֿאַרמאָגט אַן אַלטע געשיכטע און קונסט; זי איז געווען דאָס שלאַכט־פֿעלד פֿון קאַטאָליציזם מיטן פּראָטעסטאַנטיזם, פֿון דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט מיט דעם אַלטן מיסטיציזם, פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע מיט דער דייטשער אויטאָקראַטיע. בעלגיען איז אַ רייך לאַנד און זי

באַהאַלט אין זיך אַלע קלאַסן-קעגנזאַצן און שנאה, וואָס עס ווייזט אַרויס דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם.

עמיל ווערהאַרן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1855 ביי גאָר רייכע עלטערן. ער האָט געלעבט אויפן דאָרף, אָבער אין בעלגיען זענען די שטעט נאָענט צו די דערפער, און דאָס ייִנגל האָט געזען דאָס וואַסער מיט די גרויסע שיפן, די פאַבריקן, די פלייסיקע בעלי-מלאכות, דאָס גאַנצע רוישיקע לעבן, וואָס באַפרוכפּערט די פאַנטאַזיע. ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ שולע פאַר יעזואיטן און געוואָלט ווערן אַ פּאַסטאָר; אָבער די מלאכה איז אים נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט שטודירט יורי און געלעבט אַ ווילדע אויסגעלאַסענע יוגנט. שוין אין דער פּרעבל-שול שרייבט ער פערזן, לכתחילה אויף לאַטייניש און דערנאָך קלאַסישע פראַנצויזישע אַלעקסאַנדרינער*); שפּעטער, ווערט ער איבערגענומען פון וויקטאָר הוגאָס גורל. פונדעסטוועגן קענט ער זיך מיט זאָלאַס ווערק און ער שרעקט איבער זיינע עלטערן פריינט, בעת ער האָט אָנגעשריבן אַ דיק בוך, וואָס שילדערט דעם גראָבן ברוטאַלן אמת פון פלעמישן לעבן. די פלעמער זענען אַ גראָב פאָלק פון שיכורים; מיר קענען זיי פון רובענס בילדער, און דער יונגער ווערהאַרן האָט געשריבן אין יענער צייט, ווען די יוגנט איז אויפגעשטאַנען קעגן דעם פאַלשן אידעאַליזם און האָט זיך דערנענטערט צו דער ווירקלעכקייט; וואָס ברוטאַלער און אָפשײַלעכער זיין שרייבן איז געווען, אַלץ בעסער איז עס אויפגענומען געוואָרן.

פון דעם חיה'שן שטייגער לעבן זענען די בעלגיער אַריינגעפאַלן אין אַן אַנדערן עקסטרעם: אין אַסקעטיזם; אַזוי אַרום איז דאָס לאַנד געוואָרן פול מיט ביכטערע שטרענגע גייסטלעכע, וואָס האָבן געלעבט איינזאַם און אין הייליקן יהאת-הכבוד זיך פאַרטראַכט וועגן זייער עבר. אין אַ צווייט בוך שילדערט ווערהאַרן דידאַזיקע מאָדנע טיפּן. אָבער עס איז אים

---

*) אַזאַ פאָרם שרייבן אין דער פראַנצויזישער פּאָעזיע.

געגנוג זיי צו באַוואונדערן; ער שפּירט נישט קיין שום דראַנג אַנצו־
שליסן זיך אָן זיי.

דער דיכטער עקזיסטירט אַלס אַזעלכער אויפן סמך פון דעם פאַקט, אַז ער פאַרמאָגט אַ בעסערע עמפּינדונגס־קראַפט, ווי דער דורכשניטלעכער מענש; דאָס לעבן האָט אים געגעבן שווערע קלעפּ, אַזוי איז ער אַריינגעפאַלן פון איין עקסטרעם אין איין אַנדערן. די מאָדערנע וויסנשאַפט האָט אָפּגענומען ביי ווער־האַרענען דעם קאַטוילישן גלויבן און עס קומט אָן אויף אים אַ צייט פון פּעסימיזם, אַ מוראַדיקער קריזיס אין זיין נשמה. פּונקט ווי דאָסטאָיעווסקי און סטרינדבערג, פאַלט ער אַריין אין דער גרע־נעץ פון וואַנזיניקייט און פון זעלבסטמאָרד. אָבער זיין אומ־רויקער גייסט לאָזט זיך נישט מנצח זיין פון די ליידן. אפילו די פאַסירונגען פון די דאגות האָבן אים אינטערעסירט; ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, הגם עס האָט פאַר אים נאָר אַנטפּלעקט די וויזיע פון טויט. אַלע זאַכן זענען געוועזן פאַר אים טעמעס פון קונסט; ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן די אַלפּן־דריקן, אַ בזיעה פון נייראַסטעניע.

דער קראַנקער דיכטער איז אַנטלאָפן פון דער ליאַרמדי־קער און רויער וועלט. ער געפינט דערלייזונג אין זיין צוריק־קערן צו איר, אין דער ליבע און אין דער פאַרשטענדעניש פון מענטשן און זייער פילפאַכיקע נייע טעטיקייט. אַלץ, וואָס די דיכטער פלעגן על פי רוב פאַראַכטן, איז פון ווערהאַרן באַגריסט אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג: די אינדוסטריע, די מאַ־שינען, דער ליאַרם פון שטאָט, דאָס יאָגן פון דער מאַסע; אין דידאַזיקע זאַכן אַנטדעקט ער אַ נייע אומענדלעכע שיינקייט פון צוזאַגנדיקער מאַכט.

ווערהאַרען האָט געשריבן אויף פראַנצויזיש; ער האָט גע־שאַפן אַ נייעם שטייגער פרייען גראַם, ריטמישער ווי וואַלט וויטמאַן און איז נאָכגעקומען יעדע באַוועגונג פון דער פאַנטאַ־זיע. דאָס איז אַזאַ שטייגער געדיכט, וואָס מען דאַרף זינגען הויך, אַן אויסדרוק פון דערגרייכטן ברויזנדיקן עקסטאַז. ווערהארען איז אין אַסאַך ענלעך צו וואַלט וויטמאַן: פרייער פאַר אַלץ מיט דעם,

וואָס ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיט די אַרבעטנדיקע מאַסן, דערקענט זי אַלס א נײַ וועזן, באַגאַבט פון איר אייגן לעבן. פונקט ווי וויטמאַן באַשטעטיקט ער דאָס אוניווערסום, ער זינגט דאָס ליד פון די צו גאָט געוואָרענע מענטשן, וואָס האָבן באַזיגט די נאַטור און איבערגעשאַפן דאָס לעבן לויט זייער אָפּשפּיגלונג.

וואָלט וויטמאַן האָט באַזונגען „דידאַזיקע שטאַטן" און ער האָט זיי געזען אַלס מעכטיק טריומפירנד לאַנד; אויך ווערהאַ-רען האָט געהאַט אַ וויזיע: ער איז געווען דער נביא פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון איראָפּע. ער האָט געווינט אין אַלע הויפּט-שטעט פון איראָפּע, דערקענט די כחות, וואָס קענען זיי צונויפפירן איינער מיט דער אַנדערער, פאַרייניקן זיי. מוראדיקע שטעט זענען זיי: די אָקטאָפּוס-שטעט, ווי ער רופט זיי אין איי-נעם אַ בוך; ער שילדערט זיי ווי מוראדיקע שטאַרקע ליאַרמדי-קע ריזן, וואָס זויגן אויס דאָס לעבנס-בלוט ביים לאַנד. קיין שום דיכטער ביז איצט דערגרייכט נישט צו ווערהאַרן אין זיין שילדערן די גרויזאַמקייט, די איינזאַמקייט און די מורא פון די-דאָזיקע קאַפּיטאַליסטישע שטעט.

ווערהאַרן האָט באַגריסט די וויסנשאַפט און אָנגעזאָגט די סאָלידאַריטעט פון די מאַסן, דאָס אונטערוואַרפן זיך פון אינדי-ווידום אונטער דעם פּראָגרעס. ער איז געוואָרן דער נביא און דער פּריידיקער פון „קאָסמישן ענטוזיאַזם". זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער רעוואָלוציאָנער. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ לירישע דראַמע: „מאָרגנרויט". דאָ ווערט אין גראַמען און אין פּראָזאַ פאַרהערלעכט דער העלד, וואָס גיט איבער די ציטאַדעל פון קאַפּיטאַליזם צו די מאַסן און ער איז מקריב זיין לעבן אין דער שטרעבונג, אַ סוף צו מאַכן צום קלאַסנקאַמף און אויפצובויען אַ גליקלעכע צוקונפט. ווערהאַרן האָט אויך גע-שריבן אַנדערע דראַמען, וואָס זענען פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט אָדער זעלטן וועזן אויפגעפירט געוואָרן, וואָרים זיי זענען נישט צוגעפּאַסט געווען צו די רגילותן פון די פּראָפּיט-דראַמעס,

זיי זענען שילדערונגען פון דער מענטשהייט און נישט פון דער סעקסואַליטעט. אָבער די נייע צייט האָט זיך דערנענטערט — און ווערהאַרן איז געווען איינער פון אירע נביאים.

32

די גרינע נעלקע

מיט אַכט יאָר צוריק האָט פראַנק העריס פאַרעפנטלעכט זיין צווייבענדיק ווערק: „אָסקאַר ווײַלד: זיין לעבן און זיינע געדאַנקען". איך האָב אים דעמאָלט געשריבן, אַז דאָסדאָזיקע בוך איז איינס פון די זעקס בעסטע אָנגעשריבענע ביאָגראַפיעס אין דער ענגלישער שפּראַך, און אויף דעם האָט ער מיר אָפּגעענטפערט מיט די כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „רופט אָן די פינף אַנדערע!" דערדאָזיקער אַנעקדאָט רופט אַרויס געלעכטער יעדעס מאָל, ווען איך דערצייל אים. פונדעסטוועגן מוז פראַנק העריס געבן גערעכט און מודה זיין, אַז ווען איך האָב גוט נאָכגעטראַכט, זענען מיר די פינף איבעריקע נישט איינגעפאַלן. העריסעס ווערק האָט באַשריבן אַ מוראדיקע מענטשלעכע טראַגעדיע, וואָס איז געשילדערט געוואָרן איינפאַך, מיט פיל פאַרשטענדעניש און טיפן מיטלייד.

די צענטראַלע פיגור פון דערדאָזיקער ביאָגראַפיע איז געבוירן געוואָרן אין דובלין 1854. זיין פאָטער איז געווען אַ רייכער באַראָנעט, אַ דאָקטאָר, וואָס האָט געהאַט אַ טבע צו פאַרפירן זיינע פאַציענטינס; זיין מוטער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שטאָלצע געזעלשאַפט-דיכטערין. אָסקאַר ווײַלד האָט באַקומען די געוויינלעכע דערציונג און שטודירט אין אָקספאָרד. אין די אינטערנאַטן פון די הערשנדיקע קלאַסן האָבן די יונגע בחורים געפירט אַ האַלב נזיריש לעבן, דערווייטערט פון יעדן ווייבלעכן איינפלוס. מ'האָט זיי געשטאָפּט מיט גריכישע קונסט און ליטעראַטור, דער האָמאָסעקסואַליזם איז ממש פאַרגעטערט

געוואָרן, און דאָס איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס די ענגלישע הויכע געזעלשאַפט איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט דעמדאָזיקן חטא. פראַנק העריס דערציילט, אַז אין דער צייט פון ווײַלד-פּראָצעס האָט מען שיעור נישט אויפגעדעקט די אויסערגעוויינלעכע זאַכן. אַסאַך מיטגלידער פון די הויכע לאָנדאָנער קלובן, האָבן זיך פלוצלינג אַרומגעזען, אַז זיי האָבן זייער וויכטיקע געשעפטן צו באַזאָרגן אויפן קאָנטינענט.

אָסקאַר ווײַלד איז געווען שטאַרק באַגאַבט; ער האָט פאַרמאָגט אַ לעבעדיקע פאַנטאַזיע, באַרעדעוודיקייט און אַ גלענצנדן וויץ. ער איז געווען אַן אויסדערוויילטע בלום פון דער לײַדיק-גייער-קונסט. אַ וועלט-מענטש, אַ ליטעראַרישער פּראַנט, וואָס האָט זייער גוט געוווּסט, אַז עס לוינט זיך צו מאַכן רעקלאַמע, אַז גאַנץ לאָנדאָן זאָל האָבן צו רעדן, ווען ער וועט זיך אָנטון קורצע הויזן מיט זײַדענע זאָקן, אַ גרויסע זון-בלום אין דער האַנט און שפּאַצירן אין די גאַסן, באַגריסן מענער און פרויען מיט אַ רייצנדיקער אימפּערטינענץ. ראָבערט היטשענס ראָמאַן „די גרינע נעלקע" איז זייער אַן איינגעגעבן בילד פון דעמדאָזיקן עלעגאַנטן „עסטעט".

אָסקאַר האָט געשריבן קאָמעדיעס פון דער לאָנדאָנער אַר סטאָקראַטיע, אין וועלכער ער האָט געלעבט. דידאָזיקע טעאַטערשטיק האָבן באַגײַסטערט דעם פּובליקום און באַגײַסטערן נאָך הײַנט אויך די עלעגאַנטע צוהערער. פראַנק העריס האַלט דידאָזיקע שאַפונגען פאַר אומשטערבלעך און קלאַסיש; וואָס שייך מיר, קען איך גאָר פעסטשטעלן, אַז זיי שלעפערן מיך איין. דער ווערט פון אָט די פּיעסע זאָל ליגן אין זייער גייסטרייכן דיאַלאָג; די פאָרמול אָבער פון דעמדאָזיקן גייסט, קען זיך יעדער אויסלערנען במשך פון צוויי מינוט. מען נעמט אָן עפּעס אַן אמת פון דעם געזונטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, יענע ירושה פון אַן אַ צאָל דורות, דאַן מאַכט מען אַן עפּיגראַם, אין וועלכער מען זאָגט פּונקט דעם היפּוך. און אַזוי באַקומט מען אַ שורה פאַר דער „געזעלשאַפט-דראַמע". „עס איז בעסער גוט אויסצוזען, איידער צו זײַן גוט"... „דער פּועל-יוצא פון דער חתונה באַשטייט אין

דעם, וואָס זי מאַכט אונז זעלבסטלאָז"... „דעמאָקראַטיע איז נישט מער ווי די אונטערדריקונג פון פאָלק, דורכן פאָלק"... פאַרן פאָלק" א.א.וו.

אַ מענטש, וואָס נוצט אויס זיינע כּוחות אויף נוצלעכערע אַרבעט און זיינע אימפּולסן טרייבן אים זייער ווייניק צו פאַרדאַרבענקייט, וועט אַזעלכע „ווילדקייטן" באַגעגענען זייער גלייכגילטיק. דעם דורכשניטלעכן מענטש אָבער, וואָס איז קיינמאָל נישט זיכער מיט זיך, איז אַזאַ שטייגער באַוווסטע פאַרבלענדעניש פון דער בלינד-קעמפנדיקער מענטשהייט בכּוח צו טרייבן צו משוגעת. אָסקאַר ווײַלדס עפּיגראַמען זענען געגליכן צו אַ שמיץ פון אַ בייטש אין פּנים פון די מאָראַלישע געפילן. דערפאַר האָט מען דעמדאָזיקן צו·קלוגן, יונגן עסטעט אומעטום פיינט געהאַט, און זיינע שונאים האָבן געשאַרפט פאַר אים די שווערדן.

אָסקאַר איז אויך געקומען קיין אַמעריקע, כּדי פאָרצולייענען זיינע געדאַנקען פאַר די פרויען און טעכטער פון די שטאָל- און חזירים-קעניגן. דעם צאָל-באַאַמטן האָט ער דערקלערט: „איך האָב קיין שום זאַך נישט צו באַצאָלן אַ חוץ מיט מיין געניע". אַזוי איז זיין דערפאָלג געווען אַ געזיכערטער. ער האָט זיך אומגעקערט קיין לאָנדאָן, און אָנגעשריבן עטלעכע פּיעסן, צווישן זיי אויך „סאַלאָמע", זיכער דאָס ברוטאַלסטע, קאַלטסטע און אָפּשטויסנדיקסטע פריוואָלסטע דראַמע, וואָס אַן ענגלענדער האָט אַמאָל אָנגעשריבן. דעם העכסטן פּונקט פון דער מאָדערנער קונסט-פאַרדאָרבנקייט איז דערגרייכט געוואָרן, ווען ריכאַרד שטרויס האָט אָנגעשריבן צו איר מוזיק.

אָסקאַר האָט אין זיינע דראַמען פאַרדינט אַסאַך געלט; ער האָט עס אויסגעגעבן אויף צופיל עסן, צופיל טרינקען און אויף זיינע קולטיווירטע אויסגעזוכטע חטאים. איינער פון זיינע אינטימע פריינד איז געווען אַן אַריסטאָקראַטישער יונגערמאַן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן לאָרד אַלפרעד דוגלאַס. ס'איז געווען איינע פון די מיאוסטע עקלדיקסטע מעשיות, וואָס זענען פאַרגעקומען אין דער בריטישער ליטעראַרישער וועלט. לאָרד אַלפרעדס פאָטער האָט געוואָלט אַ סוף מאַכן צו דער פריינדשאַפט

פון זיין זון מיט ווײלדן. צוליב דעמדאָזיקן צוועק האָט פּר געשריבן בריוו וועגן ווײלדן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן סקאַנדאַל. ס'איז געווען די פּריווילעגיע פון די עלעגאַנטע ענגלישע דזשענטלמלייט זיך נישט צו לאָזן שטערן אין זייערע מעשׂים. פונדעסטוועגן האָבן זיי אין דעם פאַל געמוזט אַ ביסל פאַרבייגן, כּדי נישט אַנצוטרעטן קיין הויכע אַריסטאָקראַטן אויף די הינער־אויגן. אָסקאַר ווײלד האָט אָנגעקלאָגט דעם לאָרד פאַר רכילות. דער לאָרד האָט זיך זייער גוט פאַרטיידיקט מיט דער הילף פון זיינע אַריסטאָקראַטישע פריינד. ער האָט גורם געווען, אַז מ'זאָל דעמדאָזיקן צו־שטאָלצן דראַמאַטורג אַרעסטירן און באַשולדיקן אים אין האָמאָסעקסואַליזם.

דער פּשוטער ענגלישער בירגער האָט, נאַטירלעך, נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אָפּ אונטער די קוליסן. ער האָט געזען בלויז, ווי ס'איז געקומען צו טענצלען, איינער אַ מחבר פון שמוציקע שטיק, וואָס מען פירט אויס אויף דער בינע, און אָנגעקלאָגט אַ פאָטער, וואָס האָט געוואָלט ראַטעווען זיין זון. אַז דער פאָטער איז געווען אַ שלעכטער פאַרשוין און דער זון נאָך אַן ערגערער, אַז די געריכטן זענען באַשאַפן, כּדי צו באַשיצן דעם קאָרופּטירטן הערשנדיקן קלאַס, — דאָס האָט נאַטירלעך נישט געוווּסט דער פּשוטער מענטש. און ער וועט עס וויסן ערשט דאַן, ווען אין ענגלאַנד וועט זיין גענוג סאָציאַליסטישע טאָג־צייטונגען, וואָס וועלן קענען זאָגן דעם אמת וועגן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. לעת־עתּה ווערן זיי איצט געשטערט דורך פּאַראַגראַפן פון שטראָף פאַר טרייבן רכילות.

דאָ האָבן מיר די טעמע אויף אַ פּיל שטאַרקערער דראַמע, ווי עפּעס איינע פון די, וואָס ווײלד גופא האָט אָנגעשריבן. פראַנק העריס האָט אונז געשילדערט די גאַנצע געשעעניש. אין דעם ערשטן טייל פון זיין בוך האָט ער געזען אין אָסקאַר ווײלד דעם צרהדיקן קרבן פון זיינע אייגענע שוואַכקייטן, ווילנלאָזע נאַטור, אָבער ווען די טראַגעדיע האָט שוין דערגרייכט צו איר העכסטן פונקט, לאָזט זיך העריס פאַרפירן און ער ווייזט אונז אָסקאַר ווײלדן אין אַ נייער ראָל: פון אַ פאַרפאַלגטן העלד און

אַ געפּייניקטן מאַרטירער. ווי פרענק העריס זאָל נישט פּיינט האָבן ווײַלדס מעשים, האָט ער נאָך מער פּיינט די בריטישע טוגנטן, און דערפאַר איז ער דאָ פּונקט אין דער זעלביקער לאַגע, ווי מילטאָן איז געווען אַנטקעגן זיין שטן: ער האָט בשום אופן נישט געקענט פועלן בײַ זיך פּיינט צו האָבן זיין העלד, צולהכעיס דעם גאַנצן שכל-הישר. דערפאַר האָט ער אונז איבערגעגעבן די פאַקטן אַזוי, מיר זאָלן אַליין קענען משפּטן, אויב מיר האָבן נאָר גענוג פאַרשטאַנד.

ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ווײַלד איז נישט אייַנגעזעצט געוואָרן אין תּפיסה דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ גנביע, אויך נישט פאַר זיין פאַרברעכן, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט אויף אָן אָפענעם און באַליידיקנדיקן אופן אָנגעגריפן דעם הערשנדיקן קלאַס פון ענגלאַנד. מעגלעך, אַז מ'וואָלט געקענט פאַרוואַנדלען די דאָזיקע טראַגעדיע אין אַ סאָציאַליסטישע בראָשור. פונדעסטוועגן מיין איך, אַז סאָציאַלע פאַרפאָלגונגען קען מען באַגרייפן און דערקלערן בלויז דאַן, ווען מען זעט אַרויס די עקאָנאָמישע סיבות. מיט אַנדערע ווערטער: ווען מען פאַרשטייט דעם קלאַסן-קאַמף. וואָלט פראַנק העריס געווען אַ באַוווסטזיניקער סאָציאַלער רעוואָלוציאָנער, וואָלט זיין ווערק געווירקט אַסאַך שטאַרקער און איבערצייגנדיקער, ווייל ער וואָלט נישט אַרייַנגעפאַלן אין אַ נסיון. אָסקאַר ווײַלד איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף תּפיסה. פראַנק העריס האָט, פאַרשטייט זיך, פאַר תּפיסות אַ קליינעם דרך-ארץ, ווייל אים האָט אויך דער הערשנדיקער קלאַס פון ענגלאַנד אַרייַנגעזעצט אַמאָל אַהין. און דערפון נעמט זיך, וואָס ער האָט פאַרזען אין זיין בוך זייער אַ וויכטיקן פּרט: נעמלעך, אַז אָסקאַר ווײַלד וואָלט לחלוטין נישט געווען בעסער פון זיין קלאַס. דורך העריס שתּדלנות האָט ווײַלד באַקומען גוטע און געזונטע שפּייז. ער האָט אויך געדאַרפט האָבן זיינע ביכער, העריס שרייבט, אַז בעת זיין באַזוך אין דער תּפיסה בײַ ווײַלדן, האָט ער איבערגעלעבט אַזאַ מין „גייסטיקע פאַרטיפונג", וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער שטרענגער דיסציפּלין פון אַן אין זיך פאַרטיפטער נאַטור. ווײַלד איז

קיינמאָל נישט געווען קערפּערלעך אָדער גייסטיק אַזוי געזונט, ווי אין דער צייט ווען ער איז אַרויס פון תּפיסה. דאָך האָט ער זיך באַלד אומגעקערט צו זיין פריערדיקן לעבן, געגעסן און גע-טרונקען און זיך פאַרהוליעט אויף טויט.

מיר דאַכט זיך, אַז די איינציקע הנחה, וואָס מען קען אַרויסציען פון פראַנק העריס בוך איז, אַז מען זאָל דעקאַדענ-טישע דיכטער אַריינזעצן אין תּפיסה אַריין. פאַר יעדן פּרייז זאָל מען זיי באַשיצן פאַר דער עלעגאַנטער וועלט. אַזוי לאַנג ווי אָסקאַר איז געווען אויף דער פריי און איז געווען דער ליב-לינג פון די קולטיווירטע רייכע לייט, איז ער אַרומגעגאַנגען ליידיק און געשריבן אומוויכטיקע טעאַטער-שטיק; אין דער תּפיסה אָבער האָט ער פאַרט גענומען זיין לעבן אַביסל ערנסט און גע-שאַפן אמתע גרויסע דיכטונגען: „דע פּראָפונדיס“ און „די באַ-לאַדע פון רידינג“, אַ שטאַרק און דערהויבן געדיכט, אַ פאַרענטפע-רונג אויפן לעבן פון דעם דיכטער.

דער לייען-שטאָף פון דידאַזיקע ביידע שריפטן צווינגט אונז צו זאָגן: לאָזט אונז ביי אַלע אומשטאַנדן בויען תּפיסות פאַר ווילנלאָזע מענטשן, ערשטער ווי דידאַזיקע אומגליקלעכע נשמות וועלן זיך וואָס שטאַרקער רייניקן אַליין, ביי געזונטע פּשוטע נערונג, מעסיקער אַרבעט אויף דער לופט און לחלוטינדער אָבסטי-נענץ פון אַלקאָהאָל, טאַבאַק, אָפּיום און אַנדערע פאַרטויבונגס-מיטלען. און אויב מיר וועלן שוין בויען תּפיסות, דאַן זאָל מען נישט האַלטן דאָרט קיין גנבים, גזלנים און עסטעטן, נאָר די אַלע הויכגעשטעלטע לייט, די פירשטן, העדצאָגן, לאָרדן, בישאָפן, בערזע-העכט און אַלע אָנגעפרעסענע לייט.

—האָסט דאָך געוואָלט באַזאָרגן דיינע וויצן מיט אַ שוץ-מאַרקע — זאָגט פרוי אָגי.

דער מאַן נאָך אַ קורצן ישוב-הדעת:

—וואָס אָסקאַרן האָט געפעלט, איז געווען די ריכטיקע פרוי.

—יעדע פרוי וואָלט אים געקענט זאָגן, אַז אַ שולדיקער

קען נישט פארפירן קעגן עמיצן א פראצעס פאר רכילות — האט געענטפערט פרוי אַגי.

33

די ווייסע כריזאנטעמע

— וואָס מיך אַרט אין דער אמתן — האָט געזאָגט פרוי אַגי — איז דאָס, וואָס דו האָכס געוואָלט שרייבן אַ בוך וועגן אַלע קונסטן און דו רעדסט תמיד נאָר וועגן ליטעראַטור.

— יעדערע פון די קונסטן האָט אַנטוויקלט אַן אייגענע זייער אַנטוויקלטע טעכניק. כדי זי אַנאַליזירן און אויסשיילן די כוונה, מוז מען זיך אַסאַך מער פאַרשטיין אויף דעם, ווי איך. פון צייט צו צייט געשעט אָבער, אַז אַ מוזיקער, מאָלער אָדער סקולפּטאָר באַנוגנט זיך נישט מיט זיין אייגענער קונסט, נאָר ער באַנוצט זיך אויך מיט מיינע; — און דאַן קען איך אים פאַקן.

—אָ, אַז מיין שונא האָט אַ בוך געשריבן! — האָט פרוי אַגי געלאַכט.

דזשעמס מעקנייל ווייסטלער האָט אָנגעשריבן אַ ווערק, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן: „די אידעלע קונסט זיך צו פאַרשאַפן שונאים". מיר דערוויסן זיך דערפון, ווי מיר מוזן זיין געאיבט ווי צו ווערן אַן ערפאָלגרייכער פאַרטרעטיסט פון ליי־דיקגייער.

ווייסטלער איז געבוירן געוואָרן אין באָסטאָן; זיין פאָטער איז געוועזן מאַיאָר אין דער אַרמיי פון די פאַרייניקטע שטאַטן. דער יונגער ווייסטלער איז דורכגעפאַלן אין וועסט פּאָינט, ווייל ער איז געווען „שוואַך אין כעמיע". ער איז אוועק קיין פאַריז, ווו ער האָט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד געפירט אַ באָהעמע־לעבן און ער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט די געדאַנקען, וואָס זע־זען סימפּטאָמאַטיש פאַר אַן אונטערגייענדיקן קלאַס, אַז קונסט האָט נישט קיין שום שייכות מיט מאָראַל.

דאַן איז ער אַוועק קיין לאָנדאָן. אַן אַמעריקאַנער, וואָס איז געווען לחלוטין אומבאַקאַנט און חוץ דעם געהאַט זיינע אייגענע מיינונגען וועגן מאַלעריי, אַזוי אַז די קעניגלעכע אַקאַדעמיע האָט פון אים נישט געוואָלט הערן,—האָט ער געמוזט פירן אַ שווערן, האַרטן קאַמף. וויסטלער איז געווען אַ קליינער מאַנספּערשוין, אַ כּעסן, מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר און אַן אויפפאַלנדיקן ווייסן לאָק אַראָפּגעקעמט אויפן שטערן. זיינע ברעמען פלעגט ער אַזוי פאַרקעמען, אַז זיי פלעגן אָפּשטיין ווי בערשטלעך, ער האָט געטראָגן אַ קליין שפּיציק בערדל און אַ מאָנאָקל אין אויג. ער האָט שטענדיק אַרומשפּאַצירט מיט אַן אויסערגעוויינלעך לאַנגן שטעקן און תמיד געטראָגן אַ ווייסע כריזאַנטעמע אין לאַץ. ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַרויסרופנדיקס און זיין גאַנץ לעבן איז באַשטאַנען פון אָן אַ שיר באַליידיקונגס-פּראָצעסן און מחלוקת, וואָס האָבן אַלע מאָל אויפסניי אויפגעפלאַקערט אין עפנטלעכע בריוו צו די צייטונגען.

פאַר דער קליינער צאָל פון זיינע אינטימע באַקאַנטע, איז וויסטלער געווען אַ רייצנדער קאָלעגע און מכניס-אורח; טאָמער אָבער איז ער אַרויסגעקומען אין דער וועלט, האָט ער תיכף, פּונקט ווי אַ ראַק מיט אַ האַרטער שאָל, אָנגעצויגן אויף זיך אַ פּאַנצער, גרייט דעם ערשטן בעסטן, וואָס וועט זיך אים שטעלן אין וועג אָפּצורייסן דעם קאָפּ. טאָמער האָט זיך אים עמעצער דערוועגט איבערצושפּאַרן, איז ער שוין געווען גרייט אים צו פּאַטשן; אין טעאַטער האָט ער אַמאָל דערלאַנגט אַ קריטיקער מיטן שטעקן איבערן קאָפּ. דעם שריפטשטעלער דזשאָרזש מור האָט ער גאַנץ ערנסט אַרויסגערופן אויף אַ דועל, האָט אויסגעקליבן זיינע סעקונדאַנטן און פאַרעפנטלעכט דערנאָך דעם פאַקט, אַז מיר האָט זיך נישט צוגעשטעלט צום דועל. אַז איינע אַ דאַמע האָט אים באַצאָלט פאַר זיין פּאָרטרעט אַ צו קליינעם האָנאָראַר, האָט ער אינגאַנצן פאַרשמירט איר פּנים אויפן בילד. איינמאָל האָט אים אַ רייכער אייגנטימער איינגעלאַדן צו דעקאָרירן זיין עס-צימער. ער האָט גענומען אַרבעטן: די ווענט און דעם סופיט האָט ער באַמאָלט מיט אַן אמתער אָרגיע פון גאָלד-בלויע פּאַוועס.

ער האָט געאַרבעט אויף דעם גאַנצע חדשים ווי אַ וואַנזיניקער. דער אייגנטימער האָט זיך געוואָלט אַריינציען אין זיין הויז, אָבער ער האָט נישט געקאָנט. ווייסטלער האָט געמאַכט פון דער שטוב אַן אמתע קונסט־גאַלעריע, און ער האָט איינגעלאַדן די קריטיקער ווי אויף אַן עפנטלעכע אויסשטעלונג. דער אייגנטימער איז מושווה געוואָרן מיט ווייסטלערן צו באַצאָלן פאַר דער אַרבעט פינף הונדערט גווינעס; נעמענדיק אין אַכט וואָס ער האָט דאָ אַריינגעלייגט מי, איז ער באַשטאַנען אויף טויזנט. ווייסטלער האָט אָבער עקשנותדיק געפאָדערט צוויי טויזנט. ער האָט געשריגן פאַר צאָרן, און מחמת דעם וואָס דער אייגנטימער האָט דורכאויס נישט געוואָלט געבן דידאָזיקע סומע, איז די מחלוקת אַרויס אין די צייטונגען. ער האָט געצייכנט עקלהאַפטע קאַריקאַטורן אויף זיין אַרבעטס־געבער און זיי אַרויסגעשטעלט.

ווייסטלער האָט זיך נישט באַגנוגנט דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער מאָלער; ער האָט אויך געהאַלטן פאַרלעזונגען, ער איז געווען שריפטשטעלער און היסטאָריקער. ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט מאַכן געשיכטע דערמיט, וואָס ער וועט עפּעס מיט אַ וויציקן אַרויסטריט אַנזייפן עמעצן אַ מאָרדע און ווען ער וועט אַזעלכע שאַרפזיניקייטן און זייערע סיבות פאַרעפנטלעכן אין אַ בוך! דידאָזיקע עצה האָט אים איינגעגעבן אַ זשורנאַליסט און ער טאַקע האָט זיי אויפגעזאַמלט · און צוזאַמענגעשטעלט. ווען דאָס בוך איז שוין געווען אָפּגעדרוקט, האָט ווייסטלער באַשלאָסן דעם כּבוד צו פאַרהאַלטן פאַר זיך אַליין; ער האָט אַוועקשיקט דעם זשורנאַליסט צען פונט און געהאַלטן דעם ענין פאַר דערליידיקט. דער אָרימער פאַרשוין אָבער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט נאָך רעכט אויף דעם און געפּרווט אַרויסצוגעבן דאָסדאָזיקע בוך אין פּאַריז און אין בערלין. ווייסטלער האָט אים גענומען פאַרפאָלגן גערייכטלעך, ער האָט אים געלאָזט אַרעסטירן און אַרויפלייגן אויף אים אַ שווערע שטראָף, בעת ער האָט זיך צוגענומען די אידעע און דעם טיטול פון בוך. ווייסטלער האָט זיך אין דעם פּרט געהאַלטן אויסערגעוויינלעך ברוטאַל; דאָס בוך גופא איז אין מיינע אויגן דאָס געמיינסטע בוך, וואָס

איז נאָר אַמאָל דערשינען. עס דריקט אויס דעם עגאָיזם פון זייער אַן אינטעליגענטן כיטרן קפּדן.

אַוודאי האָט וויסטלער געהאַט אידעען. אין זיין בוך איז פאַראַן אַ פאָרלעזונג, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַלטן אין לאָנדאָן אונטערן טיטול „צען אַ זייגער (אַ שעה נאָך פרישטיק)". אין דערדאָזיקער פאָרלעזונג האָט ער דערקלערט דעם אַנגעגעסענעם זאַטן עולם, אַז די קונסט עקזיסטירט פאַר די קינסטלער, ווייל זיי נאָר קענען זי פאַרשטיין; מיטן פאָלק האָט די קונסט נישט קיין שום שייכות; זי ווערט נאָר דערנידעריקט, ווען זי קומט מיט אים אין באַרירונג. פונקט אַזוי האָט די קונסט נישט קיין שום שייכות מיט מאָראַל, נישט מיט אינדיווידועלער און נישט מיט נאַציאָנאַלע: „אונזערער מעלות פאַרגרעסערן בשום אופן נישט זייער ווערט און אונזערע חסרונות שטערן נישט זייער טריומף".

וואָס שייך דער מאָלעריי, דערקלערט וויסטלער, אַז דאָס איז אַ זאַך פון אַ צוזאַמענשטעל פון ליניעס, פאָרמען און פאַרבן, זיי האָבן נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט אַן אַנדער אידעע, אַפילו נישט מיטן געמאָלטן קעגנשטאַנד. כדי שטאַרקער צו מאַכן זיין אָנשויונג, האָט וויסטלער אָנגערופן זיינע פאָרטרעטן: „אַ האַרמאָניע פון גרין און ראָזאַ", „אַ קאַפּריז אין בלוי און זילבער", „אַ סימפאָניע אין ווייסן", „וואַריאַציעס אין פיאָלעט און גרין". איינס פון זיינע באַרימטע בילדער, פייערווערק אין דער נאַכט, הייסט: „נאָקטורן אין שוואַרץ און גאָלד". דזשאָן ראָסקין האָט געשריבן וועגן דעם: „איך האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז אַן אידיאָט זאָל פאַרלאַנגען צוויי הונדערט גוינעס פאַר שליידערן דעם פובליקום אַ טאָפּ פאַרב אין פּנים אַריין". אַזוי־אַרום איז אַנטשטאַנען אַ פילפאַרביקער און סענסאַציאָנעלער באַליידיקונגס־פּראָצעס. מ'האָט וויסטלערן צו געמשפּט — איין פאַרטינג (אַן ערך 5 גראָשן) אַנטשעדיקונג! דידאָזיקע סומע האָט צומאָל נישט געקלעקט, צו באַצאָלן דעם אַדוואָקאַט, דער מאָלער האָט צוליב דעם דערקלערט באַנקראָט און ער האָט עטלעכע יאָר פאַרבראַכט אויפן קאָנטינענט.

וואָס איז אָבער דער זין פון דערדאָזיקער אַרויסרופנדיקער טעאָריע? זי איז נישט מער ווי אַ דערוויטערונג פון דעם קינסטלערס עגאָיזם, דער סנאָביזם פון זיין באַרוף און פון זיין קאַסטע, זי איז אין יעדער באַציונג און באַדייטונג אַן אַנטיסאָציאַלער און בלוטזויגערישער ענין. וויסטלער האָט זיך צו יענער צייט אויפגעהאַלטן אין לאָנדאָן, אינם האַרץ און געהירן פון בריטישן קעניגרייך, וואָס איז אין יענער צייט געווען די גרעסטע עקספּלואַטאַציע-מלוכה פון דער וועלט. דאָרטן איז געווען די עלעגאַנץ און דאָס עשירות, וואָס האָט פאַרקערפּערט אין זיך דאָס בלוט און דעם שווייס נישט נאָר פון די פאַרשקלאַפטע ענגלישע אַרבעטער, נאָר אויך פון די הונדערטער מיליאָנען פאַרשקלאַפטע ברוינע, געלע און שוואַרצע ראַסן. דאָרטן האָבן די האַרן געלעבט אין פּראַכט און אין גלאַנץ; טויב פאַר דעם געוויין, פאַר דער פּיין און עלנטן געשריי פון דער מענטשהייט, האָבן זיי געהייסן אויסמאָלן זייערע צימערן מיט גאָלד-בלויע פּאַווען, אָדער אויסהענגען זיי מיט זייערע אייגענע רויבערישע פּנימער און מיט די פּנימער פון זייערע בלוטזויגערישע ווייבער.

און דאָרטן זענען די מאָלער געווען אין גאַנצע מחנות, זיי האָבן קאָנקורירט איינער מיטן אַנדערן, געחנפעט זיך צו דער פוילקייט און אומוויסנקייט פון די גרויסע. אַ בייזוויליקע פליג, וואָס איז געווען אַ ביסל גיפטיקער ווי די איבעריקע, האָט פאַרשטאַנען צו רייצן איר גיריקייט דורך דער האַפנונג, אַז אירע מאָלערייען וועלן אין איינעם אַ טאָג ווערט זיין טויזנטער פונט. דערפאַר האָבן זיי זיך געהייסן מאָלן פון דעמדאָזיקן זשעני. זיי זענען געקומען צו אים אין דער אַטעליע אַריין, איבערגעטראָגן חדשים לאַנג די פּיין פון שטיין אַלס מאָדעל, און ער האָט געמאָלט, אָפּגעווישט, און אויפסניי געמאָלט, אַכטונג געגעבן דעריויף, אַז דער שטאָף און דער שניט ביי די קליידער פון די דאַמען זאָל זיין צוגעפּאַסט צו זיינע פאַרלאַנגען; וואָרים נאָר באַשטימטע שטאָפן זענען „קונסט״, אַנדערע נישט.

דאָס אַלץ ווערט אָנגערופן „שיינקייט״ און עס האָט איינגענע געזעצן, וואָס זענען, לויט וויסטלערן, פּונקט אַזוי

באַשטימט און אומענדערלעך, ווי די געזעצן פון כעמיע אָדער פון פי־זיק. שיינקייט איז אַן אייביקע און אומשטערבלעכע זאַך, אומאָפּ־הענגיק פון אַלעמען אַנדערן, פון עטיק, גערעכטיקייט, געזונט, אמת, ערלעכקייט. דאָס אַלץ איז גיפּטיקער אומזין, צוגעגרייט פאַר די רייכע דורך מענטשן, וואָס נוצן אויס זייער פוילקייט. קונסט אָן עטיק איז נישט מער ווי קונסט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון אומעטישע קינסטלער פאַר אומעטישע באַשיצער. אָבער וואָס שייך דער אומשטערבלעכקייט, איז זי תמיד אונ־טערגעוואָרפן דעם אָנגריף פון די קלוגערע דערפינדער פון די נייע פאָרמען אידיאַטיזם און פוילקייט. דער היינטיקער קליי־דערשניט קומט שוין צומאָרגנס אויס לעכערלעך, דאָסזעלבע געשעט מיט די פאַרבן און מיט דער פאָרמען־האַרמאָניע. די טערקן האָבן ליב קיילעכדיקע פאָרמען ביי זייערע פרויען, ווייל זיי פילן זיך באַקוועם אין האַרעם; די קריסטן האַלטן די מאָ־גערקייט פאַר שיין, ווייל זיי גלויבן אַז דאַדורך וועלן זיי אָנקומען אין הימל אַריין; וויסטלער, וואָס האָט זיך געוואָלט צוחנפענען צו די אַריסטאָקראַטישע איינבילדונגען פון זיינע באַ־שיצער, האָט זיי געמאָלט שלאַנק און הויך־געוויקסיק, ווייל דאָס האָט זיך געפּאַסט צו דער סנאָביסטישער אויפפאַסונג פון דער מאָדע אין יענער צייט.

וואָס שייך דער טעכניק איז וויסטלער געווען אַ גרויסער קינסטלער; דאָס הייסט, ער האָט פאַרשטאַנען צו דערוועקן דורך זיינע בילדער דעם איינדרוק נישט נאָר פון קערפּערלעכן, נאָר אויך פון געפילבאַרע און גייסטיקעווירקלעכקייט. ער האָט אַסאַך געאַרבעט, ווי עס מוז טון יעדער איינער, וואָס וויל דערפאָלג־רייך אויסהאַלטן דעם קאָנקורענץ־קאַמף פון מאָדערנעם לעבן. ער האָט זייער ערנסט גענומען זיין קונסט. און צוויי מאָל אין זיין לעבן איז געשען, וואָט ער האָט זיך אויפגעהויבן עטוואָס העכער איבער זיינע פּוסטע טעאָריעס. דאָס ערשטע מאָל האָט דאָס פּאַ־סירט, ווען ער האָט געמאָלט זיין מוטער. דאָ זעען מיר אַ צאַר־טע, ליבע, פרומע, אַלטע דאַמע, וואָס איז צונויפגעקניפּט מיט אַלע קינדהייט־ערינערונגען פונם קינסטלער. זי זיצט זיך אַזוי,

די הענט פאַרלייגט אויף די קני, אַ הייבל פון שפּיצן ליגט אויף אירע גרויע האָר. ער האָט אָנגערופן דאָס בילד: „אַ צוזאַמענ-שטעל אין שוואַרץ און גרוי"; דאָס שטימט אַזוי, וואָרים די פאַרבן זענען שוואַרץ און גרוי; אָבער ער האָט דעם בילד בע-סער געקאָנט געבן אַ מאָראַלישן טיטול: „אַ צוזאַמענשטעל אין דרך-ארץ און אויפגעלייגטקייט."

און דאַן איז געקומען קאַרלייל; דער אָרעמער צעשטרייַ-טער, קעמפּנדיקער, מאַגנליידנדער, אַלטער שאָטלענדישער נביא; ער האָט געזען דעם פּאָרטרעט פון וויסטלערס מוטער און ער האָט אים ליב געקריגן. ער גיט דעם מאָלער זיין הסכמה, צו לאָזן זיך פון אים מאָלן. דאָ האָבן מיר שוין אַ צווייטע סטודיע, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „צוזאַמענשטעל אין שוואַרץ און גרוי", הגם זי האָט געזאָלט הייסן: „אַ צוזאַמענשטעל אין מיטלייד און אין דערהויבנקייט". דידאָזיקע ביידע בילדער האָבן פאַרמאָגט אין זיך מענטשלעך געפיל און אַן עטישן זין; דערפאַר זענען זיי רעפּראָדוצירט געוואָרן און זיי זענען באַקאַנט און באַליבט ביים כּלל. דאָס איז דער ענטפער אויף וויסטלערס קונסט-טעאָריע; אַוודאי האָט וויסטלער אויסגעלאַכט דעמדאָזיקן ענטפער, ער האָט געשאַפן וועגן דעם אַ וויץ און גיך אַרויסגעגעבן אַ נייע אויסגאַבע פון זיין בוך: „די איידעלע קונסט צו שאַפן זיך שונאים".

34

דער דועל פון שאַרפזיניקייט

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען מיר דערציילט וועגן אַ באַרימטן ענגלענדער אָט אַזאַ אַנעקדאָט; דער מאַן האָט אָפּ-געשטאַמט פון פאָלק; ער איז געווען איינער פון די בעסטע קעפּ אין ענגלאַנד, דער פאַרטיידיקער פון אַלע גוטע און פריי-הייטס-זאַכן אין דער ליטעראַטור, ווי אויך אין לעבן. דעמדאָזיקן

אַנעקדאָט האָט מיר דערציילט אַ באַקאַנטע שריפטשטעלערין, וואָס שרייבט טאַקע אַ ראָמאַן, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט יענעם טייל פון דער געזעלשאַפט, פון וועלכער יענער מאַן שטאַמט אָפּ און ווו ער האָט פאַרבראַכט זיינע קינדער-און יוגנט-יאָרן. זי האָט זיך געניטיקט אין געוויסע שילדערונגען און זי האָט אים איבערגעפרעגט, וויאַזוי אַ געוויס וואָרט ווערט אַרויסגערעדט אין דידאָזיקע קרייזן. דער שריפטשטעלער האָט זיך פאַרדויטלט און האַסטיק אָפּגעענטפערט: „פון וואַנען זאָל איך וויסן?״ דערדאָזיקער קליינער אַנעקדאָט איז מיר אויסגעקומען די טרויעריקסטע זאַך, וואָס כ׳האָב נאָר ווען ס׳איז געהערט. די שריפטשטעלערין האָט זיך איבערגעשראָקן, ווען זי האָט געזען, ווי ווייט איר דערציילונג האָט מיך געטראָפן; זי האָט נישט געוואָלט רעדן קיין שלעכטס וועגן איר פריינט. זי האָט געפּרוווט שוואַכער מאַכן דעם איינדרוק און זי האָט מיר דערקלערט, אַז עס איז גאַרנישט אַזוי געפערלעך ווי עס קלינגט; אין ענגלאַנד איז דער דרוק פון דער קאַסטע-באַוווסטזיין אַזוי שטאַרק, אַז אַ מענטש ווערט אָן ווידערשטאַנד אָנגעריצט דערצו, אויסצובאַהאַלטן זיין נידעריקע אָפּשטאַמונג.

דערדאָזיקער קליינער פאַרפאַל זאָל אונז דינען פאַר אַן איינלייטונג ביי אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דזשאָרזש מערעדיט. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער דינער פון דער מוזע, אַ מייסטער פון שפּראַך, וואָס האָט זיך צווישן זיינע צייט-חברים דערוואָרבן אַן איינציקאַרטיקע שטעלונג. דאָס גרויסע פּובליקום האָט אים קוים געקענט, זיינע ביכער זענען ווייניק געקויפט געוואָרן, זיין חיונה האָט ער געמוזט פאַרדינען אין אַ פאַרלאַג אַלס זשורנאַליסט און לעקטאָר. אָבער אין די אינערלעכע קרייזן פון דער ליטעראַטור איז זיין נאָמען געוואָרן אַ לאָזונג; ער האָט געגאָלטן אַלס דיכטער פון די דיכטער, דער שריפטשטעלער פון די שריפטשטעלער; דאָס קליינע אָרט, ווו ער האָט געוווינט, איז געווען אַן אַלטאַר, וווהין מ׳האָט עולה-רגל געווען פון ענגלאַנד, אַמעריקע און קאָנטינענט.

איבער דעם לעבן פון דעם גרויסן שריפטשטעלער איז

אויסגעשפּרייט אַ טונקעלער שאָטן, אַ טראַגישער סוד פֿאַרבאָרגן פֿאַר דער וועלט, נאָר וואָס עטלעטע אינטימע פֿריינט האָבן עס געפֿילט. וויאַזוי איז צוגעגאַנגען די יוגנט פֿון דעם מייסטער? ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן דעם. ווו האָט ער פֿאַרברענגט זיין קינדהייט? קיינער האָט דאָס נישט געוווּסט. ווו איז ער געבוירן געוואָרן? די רעגירונג אָרדנט איין אַ פֿאָלקסציילונג און דערוווּסט זיך אויך ביים גרויסן שריפֿטשטעלער וועגן זיין געבורטאָרט; ער לייקנט, זוכט זיך אָפּ אַן אויסגעטראַכטע פּאָטערשטאָט. אַזוי לעבט ער זיכער פֿאַר יעדער אַנטדעקונג, און ערשט נאָך זיין טויט דערוווּסט מען זיך דעם מוראדיקן אמת: זיין זיידע איז געווען אַ מאַטראָסן-שניידער, אויך זיין פֿאָטער איז געווען אַ שניידער וועלכער האָט, נאָכדעם ווי ער האָט באַנקראָטירט אין ענגלאַנד, אויסגעוואַנדערט קיין זיד-אַפֿריקע און דאָרטן זיך אָפּגעגעבן מיט זיין מלאכה. דער זון וויל נישט וויסן פֿון פֿאָטער, רעדט קיינמאָל נישט וועגן אים.

פֿאַרוואָס אַ שניידער איז אַזאַ אָפּשייַלעכע זאַך, מוזט איר זיך דאָס דערוויסן ביי אַן ענגלענדער. איך גופֿא קאָן אייניקע שניידער, וואָס זענען אויסערגעוויינלעכע גוטע און גרויסמוטיקע מענטשן, און אויך אַזעלכע, וואָס זענען זייער געלערנט און גרויסע דענקער, אָפּפֿערווילליקע אַרבעטער אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָס אַלץ קאָן זיין אַ שניידער; משמעות שטערט עס אים אויך נישט צו זיין אַ הייליקער. אָבער צו איין זאַך קאָן ער קיינמאָל נישט דערגיין: צו זיין אַן ענגלישער דזשענטעלמאַן.

דזשאָרזש מערעדיט האָט אָבער פֿונדעסטוועגן געהאַט השק צו זיין אַן ענגלישער דזשענטעלמאַן. ער האָט געשריבן וועגן ענגלישע דזשענטעלמענער און זייערע סובטעלע באַציונגען צו אַנדערע דזשענטעלמענער, און פֿריער ווי אַלץ צו ענגלישע דאַמען. ער האָט נישט נאָר געוואָלט זיין אַ גר און באַאָבאַכטער, וואָס ווערט אויפֿגענומען צוליב דער פֿען, נאָר אַן אויטענטישער אָנגעהעריקער פֿון דער קאַסטע, אויף אַזוי וויט געזיכערט אויף זיין פּאָזיציע, אַז ער זאָל זיך קענען ווידמען דאָס טייערע פֿון

דער קאַסטנפּריווילעגיע: זיך לוסטיק צו מאַכן איבער די אַלע, וועלכע האָבן נישט אַנטשפּראָכן דעם פולקאָמענעם קאַסטע-אי-דעאַל.

איר וועט אוודאי מיינען, אַז פון דערדאָזיקער שוואַכקייט ביי מערעדיטן מאַך איך צופיל וועזן, וועל איך אייך דערויף ענטפערן: דאָס איז דער שליסל צו פאַרשטיין זיינע ווערק. גיט אַ טראַכט איבער, וואָס דאָס הייסט אַזוינס ווען אַ מענטש, פאַר וועמען די גאַנצע וויסנשאַפט פון אַלע צייטן זענען קלאָר, וועל-כער פאַרמאָגט גייסטיקע עשירות, זאָל האָבן אַזוי וויט דרך-ארץ פאַרן קאַסטנגייסט, אַז ער איז גרייט צו זאָגן ליגן, אַבי צו פאַרלייקענען זיין אָפּשטאַמונג. ביי אַזאַ שטייגער מענטש איז נישט נאָר דאָס גאַנצע לעבן פאַזע, ער וועט נישט נאָר מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער וואָלט געוועזן זייער גייסטיק און אַסקעטיש, בעת אין דערווירקלעכקייט וואָלט ער גערן געוואָלט געניסן; ער וועט נישט נאָר שטודירן די אייגענע שטריכן, אַנטדעקן, אַז ער האָט אַ פיינעם און אַשיינעם פּראָפיל, און אַזוי וועט ער זיך אַוועקזעצן אין פענצטער, אַז זיינע פאַרערער זאָלן בעת זיי וועלן אים באַזוכן זען זיין פּראָפיל; ניין, דערדאָזיקער מענטש וועט אויך האָבן אַ פון קאַסטנגייסט פאַרנומענעם אינטעלעקט, זיינע ראָמאַנען וועט ער שאַפן אויס דער פאַרפולקאָמונג פון די קאַסטנאונטערשידן, וויאַזוי דידאָזיקע זענען זיך נוהג אינדרויסן, אין פאַרהאַלטן זיך און אין דענקן, אויף דידאָזיקע נישטיקע זאַכן וועט ער קאָנצענטרירן זיין ראַפינירטן אינטעלעקט.

אין מערידיטישן וועלטאַל איז די טונקעלע נישט זעענדיקע נעמעזיס פון די גריכן פאַרשוואונדן. יהוה מיט זיין דונער איז צו-זאַמען מיט נאָך אַנדערע אַלטע זאַכן אַריינגעשליידערט געוואָרן אין קאַמער אַריין; איצט איז נאָר איינס געבליבן איבעריק, דאָס, וואָס האָט באַהערשט דאָס לעבן פון די מענטשן, צעשטערט זייערע האָפנונגען, געטריבן צו אונטערגאַנג: די געזעלשאַפטלע-כע קאָנווענץ. און דידאָזיקע גאַנצע קאָנווענץ קען פאַרקירצט ווערן אין אַ געבאָט: דו זאָלסט נישט פּרוון אַריינרייסן זיך אין אַ קאַסטע, וואָס שטייט העכער ווי יענע, צו וועלכע דו געהערסט

פון געבוירן אָן. דו מעגסט זיין רייך, אָדער זיך מאַכן רייך, עס וועט זיך דיר נישט איינגעבן. מערעדיט שילדערט אין איינעם פון זיינע מייסטערווערק אַט אַזאַ פּרווו; יאָ, ער פּרוווט אַפילו אונטערן מאַנטל פון דער ליטעראַטור צו דערציילן זיין אייגענע טראַגישע לעבנסגעשיכטע. אין „איוואַן האַרינגטאָן" שילדערט ער אַ זון פון אַ שניידער, וואָס וויל זיך אַריינקריגן אין אַ העכע־רער קאַסטע. מערעדיט באַשיט די אָרעמע שניידער־פאַמיליע און איר וואַרשטאַט מיט אַזאַ אומברחמנותדיקן חוזק, אַז זיין טאַטע, אַ שניידער אין זיד־אַפריקע, האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט און ער האָט פון דאַן אָן נישט מער פאַרטראָגן צו רעדן וועגן די ראָמאַנען פון זיין זון.

אויך די פרויען גיט זיך נישט איין, אַריינצוקריגן זיך אין דער געהייליקטער קאַסטע. מעגן זיי זיין אַזוי שיין ווי סלוג, אַלץ איז אומזיסט. דער מחבר פון „דיאַנאַ ביים קרייצוועג" באַ־מיט זיך אונז איבערצוצייגן, אַז זיין העלדין איז איינע פון די גייסטרייכסטע פרויען, וואָס האָט ווען ס'איז אַמאָל באַשיינט אַ לאָנדאָנער מיטאָג. אָבער ווען זי האָט זיך גענויטיקט אין געלט, האָט זי פאַרקויפט אַ רעגירונגס־סוד צו אַ גרויסער צײַ־טונג. דאָסדאָזיקע איז אַנטדעקט געוואָרן און זי איז פאַרשטויסן געוואָרן פון דער געזעלשאַפט. אויב מיט „דיאַנאַ" געשעט אַזוי, טאָ וואָס פאַר אַ האָפנונגען האָט שוין די אָרעמע לוציע פעווע־ראַל, וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט מער ווי שיינקייט, גוטסקייט און אומאייגננוציקייט? „רישאַרד פעווערעלס נסיון" באַשטייט אין דעם, וואָס ער, אַ זון פון אן ענגלישן דזשענטעלמאַן, וואָס איז דערצויגן געוואָרן טריי דעם קאַסטנאידעאַל, האָט זיך פאַרליבט אין אַ דאָרפס־מיידל און ער האָט זי נישט, ווי די אַלע אַנדערע קאַסטע־אַנגעהעריקע, פאַרפירט, נאָר חתונה געהאַט מיט איר. פאַרשטייט זיך. אַז דאָסדאָזיקע פאָר איז אויסגעשטעלט געווען אויף אונטערגאַנג.

מערעדיטס פאַרטיידיקער שטעלן פעסט, אַז ער האָט דעם־דאָזיקן צושטאַנד לחלוטין נישט געהאַלטן פאַר געווונטשן, נאָר ער האָט פּשוט געשילדערט די לאַגע, ווי זי איז. איך גיב אויף

דעם מיין אַלטן ענטפער: קונסט איז פּראָפּאַגאַנדע. וואָלט דזשאַרוש מערעדיט געוואָלט צעשטערן דעם קאַסטנסיסטעם אין ענגלאַנד, וואָלט ער געפינען גענוג מיטלען און וועגן וויאַזוי אונז דאָס צו דערציילן. ער האָט געקאָנט, אַנהויבנדיק פון זיין אייגן לעבן, דערציילן: „איך, וואָס בין אַ הויך אינטעלעקטועלער שריפטשטעלער, בין אַן אייניקל און אַ זון פון אַ שניידער און איר האָט אַ ברירה צו טון, וואָס איר ווילט!" וואָלט מערעדיט באמת לעבעדיק און טיף באַנומען און איינגעזען, קודם כּל, אַז דאָסדאָזיקע סיסטעם באַטייט אַ ירידה און אַ טויט פון דער קונסט, וואָלט ער אין די פיל ראָמאַנען, וואָס ער האָט געשריבן, געשאַפן כאָטש איין געשטאַלט, וועמען עס זאָל זיך איינגעבן, אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם כּח פון סנאָביזם. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז גראָד צו יענער צייט איז אַלפרעד האַרמסוואָרט, דער ווינקל-צייטונגס-זשורנאַליסט, געוואָרן אַ גראַף און קייר האַרדיע, דער גרעבער-יונג,—אַרבעטער-פירער. אָבער מערעדיטס קאַסטנגעבונדענע געשטאַלטן ווערן אָפּגעווישט, און ער ווייזט אַפילו קיין איין מאָל נישט אָן, אַז זיי האָבן געקענט אַמאָל האָבן דערפאָלג.

איך וויל נישט זיין אומגערעכט לגבי דידאָזיקע גלענצנדע, אין אַסאַך זאַכן אויסערגעוויינלעך מאָדערנע שריפטשטעלער. ער איז געווען פולשטענדיק פריי פון דער רעליגיעזיטעט, וואָס האָט אַזוי ווייט פאַרבלענדט טעניסאָנס גייסט. ער האָט אויך געהאַט אַ קלאָרן בליק וואָס שייך דער ליבע און ער האָט געוווסט, אַז זי קאָן נישט זיין נישט קיין לויטער גייסטיקער און נישט קיין פיזישער ענין, נאָרביידע צוזאַמען. ער האָט אויך פאַרטיידיקט די רעכט פון די פרויען אויף בילדונג, אויף אייגענער פערזענלעכקייט, אויף אויסבילדן זייער טאַלאַנט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן דריקט ער אויס זיין פאַרלאַנג, אַז חתונות זאָלן געשלאָסן ווערן אויף אַ באַשטימטער צייט, נאָך דערדאָזיקער צייט זאָלן די מענער מעגן נאָכאַמאָל חתונה האָבן. דערדאָזיקער פאַרנונפטיקער געדאַנק האָט נאָר דערפאַר נישט אַרויסגערופן אין ענגלאַנד קיין שטורעם פון צאָרן, ווייל מ'האָט אומעטום

געהאַלטן, אַז דער גרויסער שריפטשטעלער מאַכט חוזק.

בכלל גיט אונז מערעדיט נישט קיין סאָציאַלע קריטיק, נאָר אַ קאָנקרעטיק, די זעלבסטדיסציפּלין פון די פּריווילעגירטע שטאַנדן. מערעדיטס גרעסטער ראָמאַן „דער עגאָיסט", איז אַ וואונדערבאַרע סטודיע פון איינעם פון יענע שטייגנדיקע מענטשען וועזנס, וואָס זענען פון דער פריעסטער קינדהייט אָן דערצויגן געוואָרן אין גלויבן. דידאַזיקע טאַקע באַשטיין פון אַ קליינע גרו- פּע, פאַר וועלכע דאָס בריטישע קעניגרייך און די גאַנצע וועלט עקזיסטירט. מערעדיט אַנטפּלעקט פאַר אונז דעמדאָזיקן מענטשן אין יעדן פּרט פון זיין וועזן; מיר פאַראַכטן אים פון גאַנצן האַרצן און מיר פילן מיט מיט די פרויען, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרווילט.

מערעדיט געהערט אָן צו יענע היפּעררעאַפינירטע שריפט- שטעלער, וואָס האָבן אונז נישט געלאָזט פילן קיין אינטערעס צום אַפּלויף פון פּאַסירונגען. ביי אים האָט דער שכל אויפגעגעסן די געפילן און זיי דורכגעלייטערט. ווען מיר לייענען זיינע ווערק, האָבן מיר דאָס געפיל, אַז זיינע ביכער און געשטאַלטן קענען זיין וואונדערבאַר, ווען ער וואָלט זיי נאָר געגעבן אַ מעגלעכקייט: צו דעם האָט ער נאָך פאַרמאָגט אַ גלענצנדן סטיל, אַסאַך וויץ און צו גוטע מעטאַפערן. עס איז פונקט ווי מיט אַ פייערווערק, וואָס קען מינוטן-לאַנג אַנטציקן, מיר האַלטן איין דעם אָטעם און מיר מיינען, אַז מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין שענערס. אָבער אָן ערך אין אַ שעה אַרום זעען מיר איין, אַז דאָס פייערווערק איז איינטאָניק.

דערדאָזיקער צאַרטער, ראַפינירטער, גייסטרייכער און רייצנדער מענטש פאַרבעט אונז צו זיצן מיט אים ווי געטער אויפן אָלימפּ, אַראָפּצוקוקן אויף די טראַגישע שיקזאַלן פון די שטערבלעכע און צו שעפּן פאַרגעניגן אין דער איראָניע פון זיי- ער אומדערפאָלגרייכקייט.

פּונקט ווי ביי קאָרנעל איז דאָ אויך דער קאַמף און די צו- זאַמענשטויסן פון אַריסטאָקראַטישן עגאָיזם דער קעגנשטאַנד פון אינ- טערעסן. מען זעט אינטריגעס און דועלן מיט אויסגאַנגען פון

טויט. אָבער די צייטן האָבן זיך געביטן; וואָרים איצט ווערט שוין נישט פאַרגאָסן קיין בלוט, מתים באַדעקן שוין נישט די פעלדער; דועלן ווערן אויסגעקעמפט מיט כּלי-זין פון שאַרפזי-ניקייט, טויט-קלעפּ ווערן געגעבן מיט אַ זאָץ אָדער מיט אַ בליק. דאָס בילד פון אַזוינע קאַמפן איז אונז משפּיע, פּונקט ווי ביי קאָרנעל, צו שטעלן די פראַגע: וואָס פאַר אַ שייכות האָבן מיר מיט דידאַזיקע מאַריאָנעטן? וואָס גייען זיי אונז אָן? ווי ווייט אמת, ווי ווייט דויערהאַפט זענען די קאָנווענצן, וואָס הערשן אין זייער מאַריאָנעטן-באַוווסטזיין? צי איז די פּקחות אונטער זייער בליציקער חכמה אָן עכטע? דאָס אַלץ באַווייזט, אַז מיר געפי-נען זיך נאָך אַזוי אַלץ כּסדר אין דער וויקטאָריאַנישער עפּאָכע; וויקטאָריאַניש און לאַנגווייל אָבער זענען צוויי ווערטער פאַר איין און דערזעלביקער זאַך.

35

דער היסטאָריקער פון די געבילדעטע

ווען איך האָב קורץ פאַר דער מלחמה פאַרלאָזט דאָס שפּייז-צימער פון ניי-רעפאָרם קלוב אין לאָנדאָן, האָט מיין גאַסט-געבער, ה. ג. וועלס מיך איינגעהאַלטן און געשעפּטשעט: „אָט אָ דאָרטן זיצט דער גרויסער כּאָן!“ ער האָט אויך געקענט זאָגן „גרויסער בודדאַ“ אָדער „גרויסער יופּיטער“. אָבער וויאַזוי ס'זאָל נישט זיין האָב איך אַ קוק געגעבן און געזען ביי אַ טיש אַ גרויסן עלטערן הער מיט אַ פּליכעוואַטן, וויים-גלאַנצנדיקן קאָפּ און קינבאַקן, מיט וועלכע ער האָט באַוועגט פאַרטראַכט. איך האָב אים תּיכּף דערקענט לויט די בילדער, חוצדעם איז צו יענער צייט נאָך געווען איין גרויסער כּאָן אין דער וועלט-ליטע-ראַטור.

איך האָב נישט געבעטן, מיך פאַרצושטעלן, מחמת דעם, וואָס איך האָב געלייענט זיינע ווערק, האָב איך געוווסט, וואָס

ס'איז פּאַסנד, און דערפֿאַר האָב איך נישט געוואָלט איבעררײַסן אַ גרויסן מײַסטער אינמיטן פֿרישטיק. אויך איז שוין לאַנג נאָך מײַנע לערניאָרן, און איך בין נישט געווען אינגאַנצן זיכער, אויב איך וועל זײַן פֿעיִק צו געפֿינען גראָד די פּאַסיקע צוגע־טראַכטע באַמערקונג, וואָס זאָל געבן דעם ריכטיקן אויסדרוק וועגן מײַן באַציִונג צו אַ מענטשן, וועמען איך האָב אַמאָל פֿאַר־ערט און וועגן וואָס איך דערמאָן מיך נאָך גערן הײַנט. דער־דאָזיקער זאַץ איז אַ ביסל לענגער און דענקערישער ווי די, וואָס איך שרײַב אין אַלגעמיין — אָבער דאָס, משמעות, ווירקט אַזוי ווײַט אויף מײַן סטיל, ווען איך טראַכט נאָר וועגן העברי דזשעמס.

אין מײַן יוגנט האָב איך געוואָלט באַקענען די גרויסע וועלט און ווער האָט מיך געקאָנט בעסער לערנען אויף דער דאָזיקער טעמע, ווי העברי דזשעמס? איך האָב געלייענט אַלץ, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט געהאַט געשריבן. דאָס איז נישט גע־ווען קיין לײַכט שטיקל אַרבעט: עס זענען געווען אַן ערך פֿער־ציק בענדער, אַסאַך צווישן זיי גענוג דיקע. במשך צוויי חדשים האָב איך טאָג און נאַכט געלייענט העברי דזשעמס, דאַן האָב איך אָנגעשריבן וועגן אים אַן עסיי: „דער היסטאָריקער פֿון די לײַדיקגייער", אַן אַרבעט וואָס איז, לײַדער, נישט פֿאַרעפֿנט־לעכט געוואָרן און וואָס איז ביז צו אַ נאַכט־העמד צוזאַמען מיט מײַן גאַנצן האָב און גוטס פֿאַרברענט געוואָרן בײַ דער שׂרפֿה אין אונזער קאָלאָניע העליקאָן האָל.

הײַנט זע איך אײַן, אַז דער דאָזיקער טיטל איז געווען צו אַלגעמיין. העברי דזשעמס איז „דער היסטאָריקער פֿון די גע־בילדעטע". ער ווייסט וועגן דער עקזיסטענץ פֿון דער אומגע־בילדעטער מחנה רײַכע לײַדיקגייער (ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט), אָבער דער שטאָף צו זײַנע ראָמאַנען האָבן אים געגעבן דאָס הייפֿל רײַכע, וואָס פֿאַרמאָגן אַן עסטעטיש געפֿיל, ציִען זיך הויכ־מוטיק צוריק פֿון דעם „אָנגעפּרעסענעם, שאַמפּאַניער טרינקנדען און מיט אַרכידעען באַצירטן גביר" און פֿירן אַ שטרענג און שיין לעבן. דאָס וואָרט שיינהייט האָט העברי דזשעמס אויפֿגעפּאַסט אין ווײַטסטן זין, ער האָט עס נישט אָנגעווענדט אויף די זאַכן,

וועלכע מיר זען, נאָר אויף יענע, וואָס מיר טיען און דענקן. די דאָזיקע שיינקייט איז תמיד עלעגאַנט, פֿול מיט ווירדע און צוריקגעהאַלטן.

הענרי דזשעמס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1843 אין ניו-יאָרק; זיין פֿאָטער איז געווען אַ טעאָלאָגישער שריפֿטשטעלער. זיין עלטסטער ברודער וויליאַם איז געוואָרן פּראָפֿעסאָר פֿון פּסי-כאָלאָגיע אין האַרוואַרד; פֿונדאַנען שטאַמט דער וויץ: „ווילהעלם איז אַ פּסיכאָלאָג, וואָס שרייבט ווי אַ שריפֿטשטעלער, און הענרי איז אַ שריפֿטשטעלער און שרייבט ווי אַ פּסיכאָלאָג". הענרי איז דערצויגן געוואָרן אין ענגלאַנד, פֿראַנקרייך און אין דער שווייץ, און דער פּועל-יוצא איז געווען, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין באַשטימט פֿאָטערלאַנד. צו זעקסאונצוואָנציק יאָר איז ער אַוועק קיין ענגלאַנד, ווו ער האָט זיך באַזעצט אויף שטענדיק, אַ חוץ עטלעכע געלעגנהייטלעכע רייזעס אויפֿן קאָנטינענט.

ער איז געווען אַ געפֿילפֿולער ייִנגל, שטיל און שעמעוודיק; און מחמת ער האָט געליטן אויף אַ ווייטיק אין רוקנביין, האָט ער ליב געהאַט צו זיצן אַ שטילער אין סאַלאָן און צוצוהערן זיך צו די געשפּרעכן פֿון אַנדערע מענטשן. דאַן פֿלעגט ער זיך אויף לאַנג צוריקציען, כּדי צו פֿאַרטראַכטן זיך איבער דעם אויס-געהערטן און צו שפּינען דערפֿון געשיכטע. ער איז געווען דאַנקבאַר זיינע פֿריינד, ווען זיי האָבן אים דערציילט זייערע ליידן, ווייל דאָס האָט אים געדינט פֿאַר שטאָף צו זיי-נע דערציילונגען; ער אָבער האָט קיינמאָל קיינעם נישט דערציילט וועגן זיך אַליין, און זיינע פֿריינד זענען לסוף געווען איבערגע-צייגט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט עפּעס איבערגעלעבט. זיין אינטימער פֿריינד, עדמונד גאָסע, דערציילט, אַז דזשעמס איז אין איינעם אַן אָוונט, ווען ער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן, גייענדיק מיט אים הין און צוריק איבערן גאָרטן, האָט ער אים ענדלעך אַנטדעקט זיין האַרץ. דזשעמס האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף איינס פֿון די באַלויכטענע פֿענסטער אין הויז און ער האָט זיך דערמאַנט אַן איבערלעבעניש: מיט אַסאַך יאָרן צוריק, אין אַ רעגנדיקן אָוונט, איז ער אַזוי געשטאַנען אויף דער גאַס פֿאַר

אַ ליכטיק פּענסטער און געוואַרט אויף אַ פּנים, וואָס האָט זיך נישט באַוויזן. דאָס איז עס געווען אַלץ. אָבער גאָסע איז געוואָרן דערשיטערט, איבערגעשראָקן: דער מייסטער האָט אַמאָל, מיט אַ צייט צוריק, טאַקע עפּעס איבערגעלעבט!

עס וועט אפשר זיין נישט איידל, ווען מיר וועלן זיך נעדאָס רעכט פעסטצושטעלן, אַז דערדאָזיקער עפּעס האָט אַ שייכות מיט דער באַציונג צום אַנדערן געשלעכט. ביי הענרי דזשעמס איז אויך די דאָזיקע באַציונג פון געשלעכטער עקסקלוסיוו, צוריקגעהאַלטן און באַהערשט פון עסטעטישע געפילן. די דאָזיקע מענטשן ליבן נישט, זיי רעדן וועגן דער ליבע; און צוזאַמען מיט די יאָרן וואַקסט די דאָזיקע ליידנשאַפט און זיי רעדן וואָס אַמאָל מער וועגן דעם, אויף וואָס פאַרא אופן זיי זענען אַמאָל געליבט געוואָרן.

אין „דעסי מיללער", דער ראָמאַן, וואָס האָט דעם יונגן שריפטשטעלער געמאַכט באַרימט, קומט אַן אומשולדיק אַמעריקאַנער מיידל קיין רוים, ווו צו איר גרויסער שרעק מאַכט איר אַ יונגער איטאַליענער אומדערהערטע פאָרשלאָגן. אין אַן אַנדערן ראָמאַן: „מאַדם דע מאָווע" איז די העלדין, אַן אַמעריקאַנערין, אויסערגעוויינלעך אומגליקלעך פאַרהייראַט פאַר אַ פראַנצויז און זי ווערט געשטעלט פאַר אַ נסיון דורך דער ליבע צו אַ יונגען אַמעריקאַנער. אין זיינע שפּעטערדיקע גרויסע ראָמאַנען, האַנדלט זיך תמיד אין דעם, ווי אַמאָל, מיט אַ לאַנגער, לאַנגער צייט צוריק, האָבן אַ מאַן מיט אַ פרוי „געזינדיקט" און דאָס דאָזיקע איז צו אַלעמענס שרעק דורך עמעצן פאַמעלעך אַנטדעקט געוואָרן.

הענרי דזשעמס, דער זון פון אַן אַמעריקאַנישן טעאָלאָגישן שריפטשטעלער, האָט פונקט ווי האַוטהאָרן פאַרמאָגט אַ אינטימע קענטעניש פון פוריטאַניזם, און אין זיינע ערשטע ראָמאַנען האָט ער לגבי דער פאַרשייטקייט און טרייַלאָזיקייט אָנגענומען דעם שטאַנדפונקט פון ניי-ענגלאַנד. דעיסי מילער איז אַן אומשולדיק, אומאָפּהענגיק מיידל, דער שוואַרצהאָריקער נידערטרעכטיקער איטאַליענער פאַרשטייט שלעכט איר פרייען שטייגער און ער גלויבט, אַז זי איז דאָס, וואָס עס דאַרף זיין אַ

מיידל מיס אַזאַ האַלטונג אין איראָפּע. מאַדאַם דע מאָווע, אַ טרייע פרוי איז פאַרהייראַט צו אַן אוממאָראַלישן פראַנצויז; אָבער זייענדיק פאַרליבט אין אַן איידעלן אַמעריקאַנער, האַלט זי זיך אָפּ פון זינד, ווייל זי וויל האַנדלען אַנדערש, ווי דער פראַנצויז און ווי ער דערוואַרט פון איר. דער העלד פון ראָמאַן: „דער אַמעריקאַנער“ איז אַ רייך געוואָרענער אַמעריקאַנער, וואָס האָט אויסגעקליבן זיין פרוי פון די געבילדעטע קרייזן פון דער פראַנצויזישער אַריסטאָקראַטיע און פאַמעלעך אַנטדעקט ער, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ נעסט פון מערדער; אַלזאָ, מיר האָבן דאָ לויטער הונדערט-פּראָצענטיקע פּאַטריאָטישע אָנגעלעגנהייטן.

ביסלעכווייז אָבער פאַלט הענרי דזשעמס אַרונטער דעם כּישוף פון איראָפּע, בעת אַמעריקע הויבט אָן גיין אויף יענע וועגן, און אירע עסטעטיציזמען זענען געוואָרן ווייניקער פּוריטאַניש און מער קאָסמאָפּאָליטיש; אַזוי אַנטשטייט זיין גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער ראָמאַן: „די שליחים“.

די כאַראַקטערן פון דערדאָזיקער דערציילונג שטיין נאָך פּונקט אַזוי בולט פאַר מיינע אויגן, ווי מיט צוואָנציק יאָר צוריק, ווען איך האָב זי געלייענט צום ערשטן מאָל. איין יונגער ניי-ענגלענדער, אַ זון פון אַ הייכער פאַמיליע איז אַוועק קיין פּאַריז און דאָרטן זיך באַזעצט, ער וואַקלט זיך צוריקצוקערן אַהיים. זיין פאַמיליע שיקט אַן עלטערן פריינד אַלס שליח, כּדי צוריקצוברענגען דעם אַנטלאָפענעם. דער דאָזיקער שליח, וואָס הייסט שטרעטער, אַנטדעקט אַז דער נישט איבערגעשפּיצטער יונגער באַרבאַר איז אינם פּאַריזער לעבן געוואָרן אַ קולטיווירטער און זעלבסטשטענדיקער וועלטלעכער מענש; שטרעטערס איינדרוק פון דערדאָזיקער ענדערונג פאַלט אויס גיגאַנטיק. ער שרייבט זי צו דעם איינפלוס פון אַ פראַנצויזישער דאַמע פון די מיטעלע יאָרן, דער גוטער מלאך פון דעם יונגנמאַן.

ער דערציילט וועגן דער סיטואַציע, אָבער די פאַמיליע איז נישט צופרידן. אַן אַנדערער שליח קומט אין געשטאַלט פון דער עלטערער שוועסטער, די פאַרקערפּערונג פון דער זויערלעכע חשיבות ניי-ענגלאַנדס. איר איינדרוק וועגן דער פראַנצויזישער

דראַמע איז לחלוטין נישט קיין גינסטיקער. פאַרקערט, זי שטעלט זיך גאָר פאָר דאָס ערגסטע. שטרעטער איז איבערגעשראָקן פון אירע גראָבע געדאַנקען, און יעצט קומט דאָס וויכטיקסטע פון דער דראַמע, אַ סצענע, אין וועלכער שטרעטער דערגרייכט די זיכערקייט, אַז די זויערלעכע שוועסטער האָט רעכט. איין טייל פון פראָצעס, אין וועלכער עס גיט זיך איין דער רייצנדער פראַנצויזין צו ציוויליזירן דעם יונגן באַרבאַר, באַשטייט אין דעם, אויסצוקלויבן אים פאַר אַ ליבהאָבער. אין דעד צונויפ־שמעלצונג פון צוויי ציוויליזאַציעס אַנטפּלעקן זיך זייערע הערצער.

אין הענרי דזשעמס וועלט זענען פאַראַן אויסשליסלעך גליקלעכע מענטשן. אַזעלכע הויך־קאָמפּליצירטע און פיינע עס־טעטישע געפילן זענען נאָר מעגלעך מיט דער הילף פון גרויסע געלט־מיטלען, וואָס פליסט אַריין פריי און אָן אָנשטרענגונג פון זייער זייט אין הויז פון זיינע כאַראַקטערן. מען קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, אַז עמעצער פון זיי זאָל זיין אַזוי וווּלגאַר צו פאַר־דינען געלט, אָדער גאָר אָנצונעמען געלט; זיי גיבן דאָס אויס מיט חשובער נאָכלעסיקייט; און אויב באַגעגענען זיי זיך מיט מענטשן, וואָס טוען דאָס אויף אַ ווייניקער פאָרנעמען אופן, קערן זיי זיך אָפּ פון אים מיט עקל. נאָר אויף געציילטע ערטער לאָזט זיך דער ראָמאַן־שריפטשטעלער אַראָפּ, צו דערמאָנען די אונטערשטע קלאַסן, וואָס דורך זייער אַרבעט ברענגען זיי דאָס רייכטום, וואָס מאַכט ערשט מעגלעך די עסטעטישע עמפּינדלעכ־קייט. אַזאַ אָרט געפינט מען אין בוך „די פּרינצעסין קאַסאַמאַ־סינאַ"; דער העלד קוקט זיך צו צו די פרויען און מיידלעך פון אַרבעטנדיקן קלאַס און זיי קומען צו פאָלגנדיקן אויספיר:

„וואָס פאַראַ היילמיטל קאָן העלפן, אויסער אַ צווייטער מבול, וואָס פאַראַ אַלכעמיע אויסער דער פאַרניכטונג, פרעגט ער זיך און שפּאַנט ווייטער. ער גריבלט זיך וועגן דעם, וואָס קאָן דאָס זיין פאַר אַ פלאַנעט, וואָס איז פאַרפלייצט פון די שטייגער־ווערים; אים קאָן נאָר איין זאַך אויסלייזן: דער צוזאַמענשטויס מיט אַ ברענענדיקער פייערקויל."

דער העלד פון די געבילדעטע פרעגט זיך נישט, וואָס עס
וועט געשען מיט זיין קולטיווירטן „איך“, ווען דאָסדאָזיקע געווימל
פון אַרבעטנדיקן קלאַס וועט אויסגעראָטן ווערן. עס איז דאָך
אָבער גאַנץ קלאָר, אַז דעמדאָזיקן ווערים־געווימל וועט מען
לאָזן אַרבעטן, כדי די שיינע עלעגאַנטע וועלט פון די פּאַרשי־
דענע הויפּט־שטעט זאָל קענען אויסהאָרכן הערלעכע מוזיק,
באַזוכן קונסט־אויסשטעלונגען און לייענען די נייעסטע ביכער.
מיליאָנען פויערן מוזן זיך אַרומשלעפּן אויף די פאַרשולדיקטע
פעלדער פון אייראָפּע, מיליאָנען פאַבריק־אַרבעטער פון ניי־
ענגלאַנד און ניו־יאָרק, מיליאָנען גרובנשקלאַפן פון פּענסילוואַ־
ניע מוזן האָרעווען, כדי די שלוחים פון „קולטור“ זאָלן זיך אָנ־
נעמען מיט די אייגנשאַפטן און מיט פאַרשטענדניש פון דער אַל־
טער וועלט, שטודירן דאָס „אייראָפּעישע לעבן“ און אונז אַנדערע
אַמעריקאַנער צו קענען לערנען, ווי רוי און פּראָווינציאָנעל
מיר לעבן.

36

דער אומגעקרוינטער קעניג

אויפן צענטן יאָר נאָך דער סעצעסיע־מלחמה באַווייזט
זיך די רעליגיע פון דער אַמעריקאַנישער פּראָווינץ אויף דער
דאָגמע, אַז אַמעריקע איז דאָס פולקאָמסטע קעניגרייך ביי גאָטס־
פיס. דאָס וויסקי־טרינקנדע, טאַבאַק־קייענדע, געמיינע און פאַר
די גרויסע אַלטע פּאַרטיי שטימענדע פאָלק, האָט נישט פאַר־
טראָגן קיין שום קריטיק; נישט אַפילו יענע שטים, וואָס האָט
גערופן, אַז דער מענטש זאָל לעבן אַנדערש ווי זיי. פאַר די־
דאָזיקע מענטשן איז דער קינסטלער געווען אַ פאַרזעעניש, ווע־
מען מ'האָט באַדאַרפט שטראָפן מיט חוזק און שפּאָט. און דער־
פאַר איז פאַר דעם קינסטלער פאַרבליבן נאָר צוויי וועגן זיך
צו באַשליסן: אָדער ער איז אַוועק קיין ניו־יאָרק און זיך

אויסגעמישט מיט דער מאַסע, אָדער ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קלאָון, און ער האָט מיטגעלאַכט מיט די אַנדערע איבער זיך אַליין און איבער אַלע ערנסטע און שיינע זאַכן פון לעבן. דעם לעצטן וועג האָט זיך אויסגעקליבן אַ מאַן פון אַ באמת גרויסן טאַלאַנט, וואָס האָט געקאָנט ווערן דער מייסטער-סאַטי-ריקער פון דער וועלט, ווען ער זאָל נישט געווען אַרונטערגעפאַלן אַמעריקעס גייסט. זיין טראַגישע געשיכטע ווערט דערציילט אין אַ באַמערקונגסווערטן עסיי פון וואַן וויק „דער נסיון פון מאַרק טווען".

אַן ערך פערציק יאָר איז מאַרק טווען געווען דער אומ-געקרוינטער קעניג פון אַמעריקע; זיינע פריינט האָבן אים תּמיד גערופן „קעניג". זיין לעבן איז געגליכן געווען צו אַ קאַפּיטל פון „טויזנט און איין נאַכט". ער האָט נאָר באַדאַרפט מאַכן איין באַוועגונג, אַז אַלע צייטונגס-שפּאַלטן זאָלן שטיין פאַר אים גרייט. אין אויסלאַנד איז ער אַנגעגאַנגען פאַר אַ געזאַנדטן פון זיין לאַנד. זיין געפּעק איז געשיקט געוואָרן אומזיסט, ווי די-פּלאָמאַטיש אייגנטום; אין לאָנדאָן און אין ווין איז געענדערט געוואָרן פאַר זיינעטוועגן דער רייזע-פּלאַן. ווען ער איז געקומען קיין וואַשינגטאָן, זענען די זיצונגען אין סענאַט און אין פאַר-לאַמענט אָפּגעלייגט געוואָרן, כּדי אים אויסצוהערן. ביי איינאיינ-ציק בוך האָט ער פאַרדינט דרייהונדערט טויזנט דאָלאַר; וואָס ער זאָל נאָר נישט האָבן געשריבן, האָט עס אים אַריינגעבראַכט אַ פאַרמעגן. די גרעסטע מיליאָנערן פון לאַנד זענען געווען זיי-נע אינטימע פריינט. ער האָט זיך איינגעאָרדנט אַ גליקלעך פאַמיליען-לעבן, געווען געזונט און געהאַט אַן אומערשעפּלעכע ענערגיע; — וואָס נאָך מער קאָן אַ מענטש פאַרלאַנגען?

און פונדעסטוועגן איז מאַרק טווען נישט געווען גליקלעך, ער איז אַפילו ווייטער געוואָרן וואָסאַמאָל מער אומגליקלעכער. ביטערקייט און יאוש האָט זיך אַנגעהויבן אַריינרייסן אין זיינע אַרבעטן, זאַצן, ווי אַ שטייגער: „אויף דעם לעבעדיקן דאַרף מען האָבן מיטלייד, דעם טויטן דאַרף מען מקנא זיין". טייל האָבן אַפילו געמורמלט, אַז דער אומגעקרוינטער קעניג פון אַמעריקע

איז אַ „ראַדיקאַל״! אין צייטן פון נויט האָבן טייל פון אונז אים אויפגעזוכט, געבעטן ביי אים הילף, אַ וואָרט פון סימפּאַטיע אָדער אונטערשטיצונג. און תמיד האָבן מיר באַמערקט עפּעס מאָדנעס: ער איז געווען מיט פול פאַרשטענדניש, איינגעשטימט מיט אַלעמען, וואָס מיר האָבן געזאָגט. יאָ, ער איז געווען איינער פון אונזעריקע. אָבער ווען מיר האָבן פאַרלאַנגט פון אים אַן עפנטלעכע האַנדלונג, אָדער אַן עפנטלעכע דערקלערונג, האָט ער נישט אַרויסגעוויזן דערצו קיין גרויסן חשק.

ווען ס'איז דערשינען מיין ראָמאַן: „דער זומפּ״, האָט מאַרק טוועין צו מיר געשריבן. דער בריוו איז פאַרלוירן געגאַנגען ביי דער שׂרפה אין דער קאָלאָניע העליקאָן-האָל און איך דערמאָן מיך נאָר איינאונאיינציקע באַמערקונג, דהיינו, אַז ער האָט נישט געקאָנט לייענען דאָס בוך ביזן סוף, ווייל ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די יסורים, וואָס דאָס בוך האָט אים פאַרשאַפט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מיר וועגן דעם מיינע געדאַנקען: מיט וועלכע רעכט זאָגט זיך אַ מענטש אָפּ פון וויסן וועגן די ליידן פון אַנדערע?

דאָן איז געשען די מעשה-גאָרקי. דער גרויסער רוסישער שריפטשטעלער קומט קיין אַמעריקע, כדי זיך צו באַמיען פאַר דער באַפרייונג פון זיין לאַנד און זאַמלען געלט פאַר „דער זאַך״. די אַגענטן פון צאַר זענען אים נאָכגעפאָרן און אָנגערייצט אויף אים די הינט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פרעסע. מ'האָט איינגעאָרדנט לכּבוד אים אַ באַנקעט, און צו די איינאָרדנער האָט אויך אָנגעהערט מאַרק טוועין און וויליאַם דין האָועלס. דאַן האָט אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל (גאָרקי האָט געלעבט מיט אַן אומגעזעצלעכער פרוי!), און די ביידע פערזענלעכקייטן פון דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור האָבן געכאַפּט די פיס און אַנטלאָפן.

אַ יאָר אָדער צוויי שפּעטער איז מאַרק טוועין געקומען קיין בערלין און מיך דאָרטן באַזוכט. שוין דעמאָלט האָט ער תמיד געטראָגן אַן אויספאַלנד ווייסן אַנצוג און האָט מיט זיינע שניי-ווייסע האָר און וואָנסן געמאַכט אַ מאַלערישן איינדרוק. ער פלוידערט לויטן שטייגער פון די אַלטע מענער וועגן פאַרגאַנגענע

צייטן. איך האָב געזען, אַז ער איז גוטמוטיק, ווארעמהאַרציק און פול מיט צאָרן איבער דער קאַפּיטאַליסטישער גיריקייט און שווינדלען. ער איז אָבער געווען אַן אַלטער און קראַנקער מענטש, און איך האָב אַפילו נישט געפּרוווט צו דערגיין דעם רעטעניש פון זיין לעבן. ערשט, ווען עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיינע בריוו, האָט די עפנטלעכקייט זיך דערוווסט, וואָס ס'האָט געגאָגט זיין האַרצן. היינט ווייסן מיר וועגן דעם ווונ־דערבאַרן פאַקט, אַז מאַרק טוועין האָט געפירט אַ טאָפּל־לעבן; ער, דער אומגעקרוינטער קעניג פון אַמעריקע, איז געווען דער מיינסט אונטערגעדריקטער, נידערגעשלאָגענער און געפּייניקטער פערזענלעכקייט אין קעניגרייך פון דער ליטעראַטור.

סאַמועל קלעמענס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1835 אין אַ שטעטל ביי מיסאָורי־ריווער; זיין פאָטער איז געווען אַ טרוימער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פערפעטום מאָביל. די מאַמע איז געווען אַ קרבן פון אַ שאַרלאַטאַן. זי האָט איבער־געלעבט בעסערע טעג און יעצט האָט זי זיך מיט אירע צוויי־סענע שמאַטעס איבערגעצויגן אין אַ שמוציקער, פאַרצווייפלטער געגנט, וווּ דער קליינער סעם האָט שוין אַלס קינד איבערגעלעבט פיר מאָרדן. דער קליינער סעם איז געווען דער ליבלינג פון דער מאַמע, אַ שעמעוודיק, געפילפול־קינד; זי האָט געהאָט אַ שטאָלצן פאַרלאַנג, דערציען דעם זון לפּחות פאַר אַ רייכן און חשובן מענטשן. סעם איז געוואָרן זעצער, דאַן פּילאָט אויפן מיסיסיפּי. דאָס לעצטע איז געווען אַ ווונדערבאַרע שטעלע. דער ים־פּילאָט איז אין די מעריב־שטאַטן געווען דער אומגעקרוינ־טער קעניג. הערלעך! סעם זעט די גאַנצע וועלט!

די סעצעסיע־מלחמה צעשטערט דידאַזיקע קאַריערע. מאַרק טוועין שלעפּט זיך אַוועק אַלס גאָלד־גרעבער קיין נעוואַדאַ און ער זאָגט צו דער מאַמען, נישט אומצוקערן זיך אַהיים, איידער ער וועט נישט דערווערבן קיין פאַרמעגן. אַלס גאָלדגרעבער איז ער דורכגעפאַלן און כּדי זיך צו דערנערן, איז ער געוואָרן זשור־נאַליסט און ביסלעכווייז דער נאַר פון דער וועלט. ער האָט פיינט געהאַט זיין מלאכה, פאַראַכט זי אַזוי ווייט, אַז ער האָט

זיך איינמאָל שוין געהאַט צוגעפּלייגט דעם רעוואָלווער צו דעם שלייף. עס האָט אים אָבער געפעלט מוט אַ דריק צו טון; ער איז אויף ווייטער פאַרבליבן שריפטשטעלער. זיין דערציילונג „די שפּרינגנדיקע זשאַבע" איז געלייענט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט. מאַרק טווען איז באַלד נאָכדעם אָפּגעפאָרן אויף מעריב, שרייבט דאָרטן אָן די „אומשולדיקע אין אויסלאַנד" און פאַרדינט אויף דעמדאָזיקן ווערק דרייהונדערט טויזנט דאָלער.

אַ קורצע צייט נאָכדעם, איז ער אַוועק פון אונטער דער מאַמעס פאַרטוך. ער פאַרליבט זיך אין דער טאָכטער פון אַ רייכן קוילן-הענדלער אין דער קליינער שטאָט עלמיר. די חשובע קרייזן האָבן זיך שטאַרק געערגערט וועגן דעם, וואָרים סעמועל קלעמענס איז געווען אַ באַרדיקער מאַן פון ווילדן מעריב, וואָס האָט נישט געוווּסט, וויאַזוי זיך צו באַגיין מיט מעסער און גאָפּל. דאָקעגן די טאָכטער פון דעם קוילנהענדלער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן ביי אַן הכנסה פון פערציק טויזנט דאָלאַר. אָבער אַזויווי דער מאָדנער פרייער איז געווען „אַ גרויסע חיה", איז ער אויפגענומען געוואָרן אויס רחמנות און די פאַמיליע האָט באַשלאָסן צו מאַכן אים פעיק געזעלשאַפטלעך. דאָס יונגע פּאָר האָט געקריגן דרשה-געשאַנק אַ וואָגן מיט פערד און אויך אַ הויז, וואָס האָט געקאָסט פינפאונצוואַנציק טויזנט דאָלאַר. און מאַרק טווען האָט תּיכּף אָפּגעצאָלט פאַר דעם צוטרוי פון דער פאַמיליע דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעגעבן הונדערט טויזנט דאָלאַר יערלעך. זיין פרוי איז געווען אַ צאַרטע און אַ קרענקלעכע, מאַרק טווען האָט זי פאַרגעטערט און ער האָט דרך-ארץ געהאַט פאַר איר יחוסדיקער שטעלונג אין דער געזעלשאַפט. זי איז געווען אַן אומוויסנדע, געשטאַמט פון דער פּראָווינץ, אַ שטרענגע באַזוכערין פון דער קירך. לויט דידאָזיקע פּרינציפּן האָט זי דערצויגן איר מאַן און אים געבוירן צוויי טעכטער, וואָס זענען באַלד געווען איר צו דעם בייהילפיק. קלעמענס האָט דאָס גערופן „קאָריגירן", די טעכטער „פּאַ אָפּבערשטלען".

וואָס פֿאַראַ צרות דידאָזיקע דריי פּרויען האָבן פֿאַרשאַפֿט דעם גרעסטן הומאָריסט פֿון אַמעריקע, געהערט צו די דערשיטערנדיקסטע דאָקומענטן פֿון דער קולטור-געשיכטע. זיי האָבן געלייענט אַלע זיינע אַרבעטן און קאָריגירט לויט דעם מוסטער פֿון דער בורזשואַזיע אין עלמיר. זיי האָבן אויסגעשטראָכן אַסאַך פֿון זיינע באַדייטנדסטע אידעען און אים געשטערט צו פֿאַרענדיקן זיין וויכטיקסט ווערק. אַז ער האָט געשריבן עפּעס באַנאַלעס און קאָנווענציאָנעלס, זענען זיי אים געפֿאַלן אויפֿן האַלז און געהאָלפֿן אים דאָס דערהאַלטענע דערפֿאַר געלט אויסגעבן. האָט ער אָבער געזאָגט דעם אמת וועגן אַמעריקע, אָדער געגעבן אַן אויסדרוק זיינע אייגענע אַנשויונגען איבערן לעבן, האָבן זיי אים געצוווּנגען צו פֿאַרברענען די אַרבעט אָדער זי צו באַגראָבן אין קופֿערט. זיין איינציק מייסטערווערק „האָקלעבערי פֿין" האָט ער געשריבן אין געהיים אין געגנבעטע אויגנבליקן און עס האָט געדויערט אַסאַך יאָרן, איידער ער האָט עס פֿאַרענדיקט. איינמאָל איז פּרוי קלעמענס געקומען אַהיים אַן איבערגעשראָקענע פֿון דער קירך; זי האָט זיך דערוווּסט, אַז איר מאַן האָט זיך אין אַ דערציילונג באַנוצט מיט קללות; ער האָט געמוזט אַרויסנעמען די מאַטריצן און ענדערן די שטעלע, ווו דער אָרעמער האָק רופֿט אויס: „זיי טרייבן מיך אין גיהינום אַריין!". איצט לייענען מיר דאָרטן: „זיי טרייבן מיך אין שטורם!" מאַרק טווען האָט פֿאַרמאָגט שטריכן פֿון אַ גרויסן סאַטיריקער. ער האָט געקאָנט מיטהעלפֿן צום אויפֿבוי פֿון דער אַמעריקאַנישער ציוויליזאַציע, דערמיט וואָס ער וואָלט אויסגעלאַכט צום שטאַרבן זייער צביעות און חוצפּה, אָבער ער האָט נישט געדאַרפֿט זיין קינסטלער, נאָר ער האָט באַדאַרפֿט נאָכמאַכן זיין שווער, דעם קוילנהענדלער פֿון עלמיר. דער אומגליקלעכער דיכטער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין מסחרים, ער האָט געגרינדעט אַ גרויסן פֿאַרלאַג, ווו עס האָבן באַדאַרפֿט דערשיינען זיינע און אויך אַנדערע ווערק. ער האָט אַרויסגעגעבן די זכרונות פֿון גענעראַל גראַנט און הונדערטער טויזנטער אַנדערע ווערטלאָזע ווערק. חוצדעם איז ער געווען דער אויסדערוויילטער קרבן פֿון אַלע דערפֿינדער.

ער האָט צעטרעגצלט אַ גרויס פאַרמעגן אויף אַ זאַץ-מאַשין און אויסגעבערענגט אַסאַך צייט אויף באַרעכענען וויפל ריווח זי וועט אים אַרײַנברענגען. אַלס שלעכטער סוחר האָט ער פאַרלוירן זיין ווייבס געלט, פונקט ווי זיינס. ה. ה. ראָגערס, דער גרעסטער שווינדלער פון דער סטאַנדאַרט-נאַפט-געזעלשאַפט, האָט איבערגענומען דאָס רעגולירן זיינע פינאַנסן און דערביי האָט ער געשפילט מיט אים אין ביליאַרד ביז פיר אַזייגער אינדערפרי. אַ יונגער ראַדיקאַל האָט אָבער אַנטדעקט די אינטריגעס פון דער סטאַנדאַרט-נאַפט-געזעלשאַפט און ער האָט דערוואַרט, אַז מאַרק טווען וועט אַרויסגעבן דאָס בוך פאַרן ווייל פון כלל.

ווען מיר בלעטערן אין מאַרק טוועינס ביכער, אַנטדעקן מיר די-דאָזיקע פאַקטן צווישן די שורות און מיר זעען, ווי ער האָט זיין אונטערדריקטן און אָפגענאַרטן „איך", אָדער שטריכן פון דעם, פאַרקערפערט אין זיינע געשטאַלטן. ער האָט זיין גאַנצע נשמה איבערגעגאָסן אין „האָקלעבערי פין". ער, דער אָרעמער, פון זיין פרוי געפייניקטער זשעני, וואָס איז געצוווּנגען געווען צו ברילן אַלס ליטעראַרישער לייב, האָט געבענקט נאָך יענע טעג, בעת ער איז געווען אַ גליקלעכער אָפגעריסענער שלעפער. האָק פין און טאָם סערוויר פאַרקערפערן אין זיך דאָס אַנטלויפן פון דער בירגערלעכער וועלט, וועגן וועלכער סאַם קלעמענס האָט געטרוימט, אָבער קיינמאָל זיך נישט דערוועגט. אויך אין פעדנהיד ווילסאָן, איגם דאָרפישן אַטעאיסט, געפונען זיך שטריכן פון מאַרק טוועין, וואָס האָט געהאַסט דאָס קריסטנטום, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער יעדן זונטאָג באַגלייט זיין שטרענג-גלויביקע פרוי צו דער קירכע, כדי זי זאָל זיך אָננעמען מיט די גוטע עלמיר-זיטן.

דערדאָזיקער אומגעקרוינטער קעניג פון אַמעריקע האָט אינדעראמתן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ טאָפּעלע פערזענלעכקייט. ער האָט געשריבן צווייערליי בריוו; אין איין טייל איז געשטאַנען דאָס וואָס ער האָט באמת געוואָלט זאָגן, און אין דעם אַנדערן דאָס, וואָס זיין אָפיציעלער „איך" איז פאַרפליכטעט געווען צו זאָגן. ער האָט איבערגעלאָזט אַ דיקן באַנד „נישט אָפגעשיקטע בריוו", וואָס

געהערן צו די אייגנאַרטיקסטע, אומרויקסטע, צאַרנדיקסטע פער־זאָנען פון דער ליטעראַטור־געשיכטע. אַזוי איז ער, למשל, צאַרנדיק געווען איבער דעם סוף פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, ווייל פון דער דאָזיקער פאַרטזעצונג האָט ער דערוואַרט דאָס פאַלן פון צאַריזם. בעת אַבערסט דזשאַרזש הערווי האָט אים איינגעלאַדן צו מיטאָגן מיט די רוסישע דעלעגירטע פון דער פּאָרטסמוט־קאָנפערענץ, האָט ער אָנגעשריבן אַ שאַרפע טעלע־גראַמע אין וועלכער ער האָט זיי מיטגעטיילט, אַז ער איז אַ ווייט קלענערער הומאָריסט, ווי יענע מלוכה־מענער, וואָס האָבן „אויס דער טראַגעדיע פון אַ גרויסער מלחמה געמאַכט אַ פריילעכע און הייטערדיקע קאָמעדיע". אָבער די דאָזיקע טעלעגראַמע איז נישט געווען אָפּגעשיקט. אויף איר אָרט איז געשיקט געוואָרן אַן אַנ־דערע מיט אַזאַ באַגייסטערטן לויב פאַר די רוסישע דיפּלאָמאַטן, אַז גראַף וויטע האָט זי אפילו געוויזן דעם צאַר.

דאָס איז נאָר אַ קלייגער ביישפּיל פון אַסאַך. מאַרק טווען האָט אָנגעשריבן אַ „מלחמה־געבעט", אַן אומבאַרחמנותדיקע סאַטירע אויף די קריסטלעכע זיטן, ווי אַזוי זיי בעטן אויף דעם נצחון. „אינדעם האָב איך געזאָגט דעם גאַנצן אמת", האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ פריינט. אָבער באַלד האָט ער צוגעגע־בען די קלאָגעדיקע באַמערקונג: „אין דערדאָזיקער וועלט דאַרפן נאָר טויטע זאָגן דעם אמת. דאָס געבעט קאָן פאַרעפנטלעכט ווערן, ווען איך וועל שוין מער נישט לעבן". דער דאָזיקער פּי־נאַנסיסט, וואָס האָט געהאַט גענוג געלט, אַריינצולייגן אין דער־פינדונגען, האָט אויך אָנגעגעבן די סיבות: „איך דאַרף אויסהאַלטן אַ פאַמיליע און איך קען מיר נישט דערלויבן אויף אַזאַ לוקסוס". אַן אַנדערשט מאָל האָט ער דערקלערט: „די שווייגנדיקע, ריזיקע ליגע פון נאַציאָנאַליזם, איז דער יסוד און דער מיטהילף צו פּלערליי טיראַניזם, צו דער גאַנצער אומגלייכ־הייט און אומגערעכטיקייט, אונטער וועלכע די פעלקער ליידן, מען מוז זיי באַוואַרפן מיט שטיינער און קללות—אָבער זאָלן מיר זיין קלוג, און לאָמיר לאָזן אַנדערע אָנהויבן דערמיט".

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ שטייגער מענש מוז זיך פאַראַכטן.

דאָ חזרט זיך איבער טאָלסטאָיס טראַגעדיע, אָבער אין אַ מער שעמעוודיקער פאָרם, וואָרים טאָלסטאָי האָט לפּחות געקענט שרייבן, וואָס ס'איז געווען צום הארצן, און פאַרן טויט האָט ער לגמרי איבערגעריסן מיט זיין פאַמיליע. מאַרק טוועןדאַקעגן, האָט ביזן סוף פון זיין לעבן געלאָזט זיך שמידן אין די קייטן פון ליבע און חשיבות. זיין פאַרביטערונג האָט געקאָכט און געזידט אין אים ווי אין אַ ווולקאַן, נאָר פון צייט צו צייט האָט עס זיך אַרויסגעריסן פון אים אין אַ פייערדיקן, שוועבלדיקן ווולקאַן: „די פאַרשאָלטענע פאַרכעוואַטע מענטשנראַסע”, אַזוי איז געווען זיין שטייגער צו רעדן. איינמאָל האָט ער געשריבן: „לויט מיין אָנשוויונג איז אונזער ציוויליזאַציע אַ נבזהדיקער, נישטיקער ענין פול מיט אייטלקייט, גרויזאַמקייט, אומפאַרשעמטקייט, קליינלעכ-קייט און צביעות. שוין דעם קלאַנג פון וואָרט האָס איך, ווייל ער איז דער פאַרמיטלער פון אַ ליגן. וואָס שייך דעם ענין גופא, פאַרווינש איך אים אין גהינום אַריין, וווהין ער געהערט!”

תּמיד מיטן פאַרלאַנג צו אַנטשולדיקן זיך פאַר זיך אַליין, האָט דידאַזיקע אונטערדריקטע פערזענלעכקייט געשאַפן אַ פאַטאַליסטישע פילאָזאָפיע: „דער מענטש איז נאָר אַ מאַשין און קען נישט טון אַנדערש, ווי ער טוט”. דאָס קומט צום אויסדרוק אין דעם ווערק: „וואָס איז דער מענטש?” אָבער מאַרק טווען האָט נישט געוואָגט צו פאַרעפנטלעכן דאָסדאָזיקע בוך. „צי בין איך ערלעך?” — שרייבט ער צו אַ פריינט. „איך גיב אייך מיין ערנוואָרט (מיין פּריוואַטס), אַז איך בין דאָס נישט. שוין יאָרן ווי איך באַהאַלט אַ בוך, וואָס ווען איך וואָלט געפאָלגט מיין געוויסן, וואָלט איך עס געמוזט פאַרעפנטלעכן. עס איז מיין חוב, אַרויסצוברענגען עס פאַר דער עפנטלעכקייט. איך בין דער-וואַקסן געוואָרן צו אַסאַך שווערע אויפגאַבן, אָבער דידאָזיקע אויפגאַבע שטייגט איבער מיינע כּחות”. לסוף האָט ער אָבער דאָך פאַרעפנטלעכט דאָס בוך, אָבער אינאיינעם מיט אַ פאָר-וואָרט, אין וועלכן דער מחבר דערקלערט, אַז ער האָט נישט געהאַט דעם מוט, צו געבן דערויף זיין נאָמען.

אַמעריקעס גרעסטער הומאָריסט האָט געהאַט צו דערפילן

אַ חוב, דאָס איז פֿאַר אים געווען לחלוטין קלאָר; ווי ווייט קלאָר, קאָנען מיר עס זעען פֿון זיין דערציילונג „דער רעטעניש־פּולער פּרעמדער", אַ ווילדע סאַטירע אויפֿן מענטשלעכן געשלעכט, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן נאָך זיין טויט. אין דעמדאָזיקן ווערק פֿרעגט דער שטן: „צי וועט אַמאָל קומען דער טאָג, ווען דאָס מענטשלעכע געשלעכט וועט דערקענען דאָס זינלאָזע פֿון דידאָזיקע אַלע קינדערייען, לאַכן איבער זיי און אַזוי־אַרום זיי פֿאַרניכטן? וואָרים אייער געשלעכט פֿאַרמאָגט אין זיין גאַנצע נישטיקייט איינאונאיינציק אמתדיק געווער: דאָס לאַכן. מאַכט, געלט, צורעדונג, געבעט, פֿאַרפֿאָלגונג, — דאָס אַלץ קאָן איך פֿאַרוואַנדלען אין איין גרויסן שווינדל, כּדי אין פֿאַרלויף פֿון יאָרהונדערטער אים אַ ביסל אָפּשוואַכן, אָבער נאָר דאָס לאַכן קאָן אים פֿאַר איינמאָל צעשניידן און צעשטויבט אויפֿרייסן אין דער לופֿט... געברויכט איר, אַלס געשלעכט, דאָסדאָזיקע געווער? ניין, עס פֿעלט אייך דערצו דער שכל און מוט."

דידאָזיקע גייסטיקע טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער נשמה פֿון אַ מאַן, וואָס האָט אַרומגעשפּאַצירט אין ניו־יאָרק אָנגעטון אין ווייסן, אויפֿגענומען מיט שמייכלען און בראַוואָס, געקרוינט פֿון אַלע קריטיקער, אויפֿגענומען פֿון אַלע סטאַנדאַרט נאָפּט־מיליאָנען, געטאַנצט אומדערמידלעך ביזן גרויען באַגינען, און אין די חשובֿע קרייזן גערופֿן געוואָרן:

— דאָס שיינקייט פֿון ניו־יאָרק.

37

דאָס שמייכלענדיקע אַמעריקע

מיר קומען איצט צו אַ שריפֿטשטעלער, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פֿון זיין אייגענער פֿרוי: דאָס הייסט, אַז ער איז געווען הער און פֿרוי אָגי אין איין פּערזאָן.

ער האָט געהייסן וויליאַם דין האָוועלס און איז געבוירן

געוואָרן אין יאָר 1837 אין אַ שטאָט פון שטאַט אָהייאָ. זיין קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן אַלס זעצער אין אַ צייטונג, ווערט רעפּאָרטער און, צו פירצונצוואַנציק יאָר, קאָנסול פון די פאַרייניקטע שטאַטן אין ווענעדיג. זיין באַרוף האָט אים געלאָזט גענוג צייט פאַר קונסט, און דער יינגער האָוועלס האָט געאַרבעט פלייסיק אויפן ליטעראַרישן געביט. ער איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט „אַטלאַנטיק מאָנטלי", דער ערשטער מענטש, וואָס הגם ער האָט נישט געשטאַמט פון באָסטאָן, האָט ער דאָך פאַרנומען דידאָזיקע בכבודיקע שטעלע. יאָרן נאָכאַנאַנד איז ער געזעסן ביים קראַנקן בעט פון דער גוססדיקער ניי - ענגלישער ליטעראַטור, און ווען מ'האָט דעם פּאַציענט ענדלעך קובר געווען, איז האָוועלס געקומען קיין ניו-יאָרק און באַקומען אַ פּאָסטן אין „הערפּערס מאַגאַזין". ער האָט געשריבן זעכציק יאָר כסדר און פאַרעפנטלעכט אַריבער הונדערט בענדער: געדיכטן, קריטישע אַרבעטן און ראָמאַנען. אַלס מענטש און שריפטשטעלער האָט ער פאַרמאָגט אין זיך רייץ, באַצויבערונגס-קראַפט און די אַמאַליקע סאַלאָן-צניעות; ער איז געווען ביי אַלעמען באַליבט, און ער איז לסוף געוואָרן, לויט די ווערטער פון מאַרק טוועין, „דער העכסטער קריטישער טריבונאַל, וואָס קעגן זיינע אורטיילן קאָן מען שוין נישט אַפּעלירן".

אויף וואָס ס'האָט זיך געשטיצט האָוועלס דערפאָלג, דערוויסן מיר זיך פון זיין אויטאָ-ביאָגראַפיע. ער שילדערט, וויאַזוי ער האָט אין דער יוגנט געדאַרפט אַרבעטן אַלס פּאָליציי-רעפּאָרטער אין אַ צייטונג אין אָהייאָ, אָבער ער האָט עס נישט אויסגעהאַלטן. „איך האָב באַדאַרפט שרייבן באַריכטן וועגן קירכע-דרשות און פון מאָל צו מאָל וועגן די עקזאַמענס אין די פרויען-הויכשולן." — דאַן, יאָ, דאַן, איז ער אוודאַי געוואָרן לאָקאַל-רעדאַקטאָר. נאָכדעם ווי ער האָט איינמאָל געמוזט שילדערן אַ העסלעכע טראַגעדיע, האָט ער באַשלאָסן אָפּצווענדן די אויגן פון דער טונקעלער זייט פונם לעבן: „די קאָמישע זייטן פון לעבן זענען אסאַך מער אַמעריקאַנישער". מען זעט, אַז ער דאַרף נישט קיין פרוי אָגי פון עלמיר, אָדער פון

ערגעץ אנדערש, וואָס זאָל קאָריגירן זיין מאַנוסקריפּט.

כּדי דידאַזיקע שילדערונגען פון דער קאָמישער און במילא פון דער אַמעריקאַנישער זייט פּוגם לעבן צוגעבן מער כּבוד, האָט האָוועלס זיי אַ נאָמען געגעבן „רעאַליזם". אין משך פון זיין גאַנץ לעבן האָט ער אין צאָלרייכע קריטישע אַרטיקלען פאַרטיידיקט דעמדאָזיקן פּראָגראַם. דידאָזיקע אַרטיקלען האָט ער באַצייכנט אַלס „פּאָלעמיק" אָדער „שלאַכט". ער האָט אויך געשריבן ראָמאַנען, וואָס ער גופא האָט זיי געהאַלטן פאַר רייגע קונסט-ווערק. דערדאָזיקער גוטער בשמה איז גאָרנישט געקומען אויפן רעיון, אַז דידאָזיקע ראָמאַנען זענען אַ פּשוטע פאָרטזעצונג פון „פּאָלעמיק", אַן אַנדערע פאַזע פון „קאַמף". האָוועלס האָט זיך נישט צופרידנגעשטעלט דערמיט, וואָס ער האָט געמאָדלט די מענטשן, וואָס טון אומגערעכטיקייטן, נאָר ער האָט אויך גע-וואָלט שאַפן ביישפּילן פאַרן גוטן. מחמת דעם האָט ער אויסגע-פינען כאַראַקטערן און סיטואַציעס, אין וועלכע ער האָט גע-לויבט די צניעות און מעשים פון אַמעריקאַנישן מיטלשטאַנד, פון יענע מענטשן, וואָס האָבן תּמיד געלאַכט און במילא תּמיד געווען אַמעריקאַניש.

די אַפּאָלאָגיע פון דערדאָזיקער „רעאַליסטישער" שול קאָן פאָרמולירט ווערן אָט ווי: „איך בין אַ דזשענטלמאַן מיט אַ פריד-לעך געמיט און רויקע געפילן, קיין שום קרענקלעכע ליידנ-שאַפטן פייניקן מיך נישט, קיין שום קאָמישער אידעאַליזם פילט נישט אָן מיין נשמה. מיר איז גאַנץ גוט אין דער בירגערלעכער וועלט, תּמיד באַקומען אַ גוט געהאַלט און געקאָנט זאָרגן פאַר מיין בני-בית. לויט מיין אָנשויונג איז דאָס די פליכט פון יעדן איינציקן מענטשן; אויב טוט ער דאָס נישט, איז עס זיין אייגענע שולד. איך לייען גערן גוטע ביכער און האָב ליב אַ צאַרטע מילדע פאַנטאַזיע. איך שרייב וועגן מענטשן, וואָס זענען פון מיין שטייגער, און רוף אָן אַזעלכע ביכער: קונסט. אויב די מענטשן זענען באַשאַפן דערצו, כּדי צו האָבן ווילדע, אומבאַצוימטע ליידנ-שאַפטן און העפטיקע אומבאַזיגטע איבערצייגונגען, אויב באַוועגן זיי זיך אין עקסטרעמען — אָן אונטערשיד, צי אין געמיינע

און גרויזאַמע אָדער אין העראָישע און דערהאָבענע — ווערט, אויף אַזאַ אופן, פאַרשוועכט מיין ליטעראַרישער כּבוד; אַזוינע ווערק גרייף איך אָן, רוף זיי אָן ראַמאַנטיש, פּראָפּאַגאַנדע און פּאָזע. און אַזוי ווי איך בין דער העכסטער קריטישער טריבונאַל, קומט שוין במילא אַרויס, אַז יונגע שריפטשטעלער, וואָס עקזיס-טירן דערויף, כּדי מיר נישט צו געפעלן, זענען פאַרמשפּט צו ווינען אין בוידעם-שטיבלעך און דורך קעלט און הונגער צו ווערן אונטערטעניק."

אויפן סמך פון די אויבנדערמאַנטע גרונטזאַצן, האָט האָ-וועלס געשאַפן אַ שולע פון „לאָקאַלקאָלאָריט" אין די פּאַריי-ניקטע שטאַטן; מענער און פרויען, אויסגעוואַקסן אין פאַרשידע-נע טיילן פון לאַנד, האָבן געשריבן דערציילונגען, אין וועלכע זיי האָבן בפּרטיות געשילדערט די שפּראַך, קליידונג און זיטנ-אייגנטימלעכקייטן פון זייער סביבה. זיי האָבן זיך באַגרענעצט דערמיט, צו שילדערן די אַלטעגלעכע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע פּאַסירונגען פון פּשוטן לעבן. זיי זענען געווען צופרידן, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט בלויז באַאָבאַכטן און נישט געמוזט דענקען: דאָס אַלץ האָט זיי געזיכערט אַ חאַרציקע אויפנאַמע ביי האָוועלס און פאַרעפנטלעכונג מיט האָנאָראַר אין דער צייטשריפט און פאַרלאַג, וועלכע האָבן געפאָלגט האָוועלס עצות. און בעת זיי האָבן אַזוי אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט דורכגעפירט די-דאָזיקע פּרינציפּן אַלס אַ גילטיקע פאַרן כּלל, האָט האָוועלס מיט אַ גרופּע רעדאַקטאָרן פון זיין שיטה גורם געווען זאָרגן דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור, זאָרגן, פון וועלכע זי הויבט זיך ערשט אַצינד אָן צו באַפרייען.

איך וויל נישט זיין אומגערעכט לגבי אַ גוטן, פריינטלעכן מאַן. אויף דער עלטער איז האָוועלס אַרונטערגעפאַלן אונטער טאָלסטאָיס השפּעה און ער האָט זיך אָנגערופן סאָציאַליסט. ער האָט אָנגעשריבן אַ דערציילונג: „דער וואַנדערער פון אַלטרוריאַ", אַ מילדע און אָנציענדיקע סאַטירע אויף די דומהייטן פון קאַפּי-טאַליזם. איך וואָלט אים אַסאַך מער ליב געהאַט, ווען ער וואָלט דאָס בוך נישט נאָר אָנגעשריבן, נאָר אויך געקעמפט פאַר דעם.

ווען ער וואָלט אין זיין מאַגאַזין געגעבן אַן אָרט פאַר סאָציאַלן פּראָטעסט. אָבער פּונקט ווי מאַרק טוועין לייקנט ער אָפּ דעם אָרעמען מאַקסים גאָרקי, און ער פאַרבלייבט אויף זיין פאַרדינסטפולע שטעלע ביי דער האַרפּער געזעלשאַפט נאָך דאַן, ווען די פירמע האָט זיך צוגעקריגן צום קאָנקורס און זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראָפּאַגאַנדע-אָפּטיילונג פון דער מאָרגאַן-קאָמפּאַניע.

זיך אַליין האָב וואָס שייך דער האַרפּער-קאָמפּאַניע געמאַכט אַ זעלטענע דערפאַרונג. ווען איך האָב מיט צען יאָר צוריק צונויפגעשטעלט מאַטעריאַל פאַר מיין זאַמלווערק „דער געשריי נאָך גערעכטיקייט,“ האָב איך זיך געוואָנדן צו אומגעפער צוויי-הונדערט מחברים מיט דער ביטע, מיר צו דערלויבן צו ציטירן געוויסע שטעלן פון זייערע ווערק. נאָכדעם ווי איך האָב דערהאַלטן די דערלויבניש פון די מחברים, האָב איך זיך געוואָנדן צו די פאַרלעגער. אויף דעם דערהאַלט איך פון דער האַרפּער קאָמפּאַניע אַ בריוו, אין וועלכן זיי פאַרזאָגן מיר, צו ציטירן וועלכן ס׳איז דערשינענעם מחבר פון זייער פאַרלאַג, אפילו דאַן ווען איך האָב אַ דערלויבניש פון מחבר גופא. איך האָב אויפגעזוכט דעם הער, וואָס האָט אונטערגעשריבן דעמדאָזיקן בריוו און איך דערוויס זיך פון אים, אַז מיין שם איז אַזוי ווייט, שלעכט, אַז עס וועט די שריפטשטעלער ברענגען שאָדן, אויב זיי וועלן פון מיר ציטירט ווערן. אין קעשענע האָב איך געהאַט אַ בריוו פון האָוועלס, ווו ער שרייבט מיר, אַז עס פרייט אים זייער דורך מיר ציטירט צו ווערן; אָבער אומזיסט: איך דאַרף נישט ציטירן אים, און נישט מאַרק טוועין, און נישט טשאַרלז רען קענדי און נישט ה. ג. אועלס. צופעליק איז האָוועלס געווען אין רעדאַקציע-ביוראָ, אין דער גלייכער טונקעלער געביידע, אויפן פראַנקלין-סקווער, און איך בין מיט דעם גאַנצן ענין אַוועק צו אים. ער איז געווען העפלעך און פריינטלעך,—אָבער ער האָט נישט געזען פאַר מעגלעך אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם פאַרבאָט פון זיינע פאַרלעגער. מיין באַמערקונג, אַז ער פאַרשולדיקט זיך פאַר אַ חבר און נאָך מער פאַר דער באַוועגונג, האָט נישט געהאַט

קיין דערפאָלג. זאָל דער לעזער נישט מיינען, אַז איך האָב געוויסע פּאַראורטיילן לגבי דער פאַרלאַגס-אָפּטיילונג פון דער מארגאַן-קאָמפּאַניע, ווייל אָט וועל איך ברענגען אַ שטעלע פון אַ בריוו פון לאַפּקאַדיאָ האַרי צום רעדאַקטאָר פון „האַרפּערס מאַגאַזין": „זייער פירמע איז צוריקגעשטאַנען מיט הונדערט יאָר: אומוויסנד, ברוטאַל, געמיין, לעכערלעך און אומגעבילדעט,—זי ווייסט נישט, וואָס איז אַזוינס קונסט, ליטעראַטור און נישט וואָס עס איז אַזוינס גוטער געשמאַק. אָבער זיי מאַכן געלט ווי קאָנסערוון-פאַבריקן, שעכט-הייזער און הלוואה-בענק."

דער ווירבל-שטורם פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז שוין נאָענט און וועט זיך באַלד צעטראָגן איבער דער וועלט. און ווען דאָס וועט געשען, וועלן מיר האָבן אַ נייע גענעראַציע, קלאָרזעענדיקע יונגע אַרבעטער, וואָס וועלן מיט פאַרגאַפונג באַטראַכטן דאָס געשטאַלט פון אַזאַ ווילי‌אַם דין האָוועלס. די דאָזיקע מילדע, צאַרטע, דעם שלעכטן אַנטקעגנשטעלנדיקע זיך, גוטע כאַראַקטערן, וועלן זיי זיין אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך, די דאָזיקע חשובע געלט-פאַרדינער און געלט-אויסגעבער, וואָס פאַסן זיך אַזוי מורא׳דיק צו זייערע פינאַנסיעלע פאַרהעלטנישן. די יונגע אַרבעטער וועלן אַליין נישט קענען פילן און פאַרשטיין דידאָזיקע כאַראַקטערן; זיי וועלן זיי העכסטנס שטודירן, ווי מען שטודירט אַלטערטימער אין אַ מוזעאום, אָדער אינזעקטן אונטערן מיקראָסקאָפּ.

38

דער טיכטיקער הוליאַק

אין די לעצטע צענדליק יאָר פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, האָט אין די פאַרייניקטע שטאַטן עקזיסטירט אַ מאָדנער ליטעראַרישער פענאָמען: די אונטערערדישע רעפּוטאַציע פון שריפטשטעלער אַמבראָזאַ בירקע. דאָס ראָמאַן-לייענענדיקע פּובליקום קען

נישט דעמדאָזיקן מאַן ; די לייענער פון דער געלער פרעסע ווייסן, אַז ער איז אַ הירסט-שריפטשטעלער, טאַלענטירטער און צינישער ווי דער געוויינלעכער שרייבער. דאָך טיילמאָל טרעפט מען אַ ליטעראַרישן פאַכמאַן, וואָס דערקלערט, אַז אַמבראָזאַ בירקע איז דער בעסטער נאָוועליסט און סאַטיריקער אין אַמעריקע, איז בכלל דער גרעסטער ליטעראַרישער זשעני, וואָס איז נאָר אַמאָל געווען אין אַמעריקע. מחמת דעם וויל מען לייענען איינס פון זיינע ווערק, אָבער אומזיסט זוכט מען זיינע ביכער אין די בוכהאַנדלונגען אָדער אין די ליי-ביבליאָטעקן. לסוף וועט אפשר עמעצער קריגן געבאָרגט זיינס אַ בוך, און דאַן וועט ער זיך אָנשליסן צו די באַגייסטערטע.

היינט איז שוין בירקע גוט באַקאַנט דעם פּובליקום. פאַר אונז האָט ער אַ גאַנץ באַזונדערן אינטערעס, ווייל ער האָט מיט גרויס ענערגיע און פאַרביטערונג אָנגעגריפן די טעזע פון דעמדאָזיקן בוך, בעת גלייכצייטיק האָט זיין לעבן ווי אויך זיינע ווערק ביז צום לעצטן אות באַוויזן דידאָזיקע טעזע און זי באַשטעטיקט.

אַמבראָזע בירקע איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1842 אַלס זון פון אַן אַמעריקאַנער פאַרמער פון אָהייאָ. צו ניינצן יאָר קעמפט ער אין דער בירגער-מלחמה, ווערט צוויי מאָל פאַרוווּנדעט און שפּעטער באַשאַנקען מיטן טיטול מאַיאָר. דאַן איז ער געוואָרן זשורנאַליסט, צוערשט אין סאַן-פראַנציסקאָ, דערנאָך אין לאָנדאָן, שפּעטער אין וואַשינגטאָן און אין ניו-יאָרק.

ער איז געווען איינער פון די עטישסטע מענטשן, וואָס האָבן ווען ס'איז געלעבט, דער געבוירענער פּריידיקער, פּונקט אַזוי שטאַרק און עקשנותדיק ווי קאַרלייל. ער איז נישט געווען אָפּהענגיק אין קיינעם, געקעמפט פאַר זיינע איבערצייגונגען און נישט מורא געהאַט צו ברענגען פאַר זיי קרבנות. ער האָט אָפן אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען, ווי ביטער און אומברחמנות-דיק זיי זאָלן נאָכנישט האָבן געווען. דער פּועל-יוצא דערפון איז געווען, אַז ער האָט זיך איינגעשאַפן אַסאַך פיינט און אין משך פון גאַנצן לעבן געמוזט קעמפן

אויב אזא שטייגער מענטש ווי ער, האָט פּאַרטיידיקט דעם „קונסט לשם קונסט"-פּרינציפּ, איז עס באמת אַ זעלטענע זאַך. אָבער דאָך איז עס געווען אַזוי. ער האָט זיך גוט צוגעקוקט צו אַמעריקע, געזען ווי די שווינדלער בליִען און דערהאַלטן זיך ביים לעבן, ווי די קאָרופּציע זיצט אויפן טראָן אַלס אַ פּאָליטי-שער סיסטעם, און אַ פאַרצווייפלטער האָט ער זיך אָפּגערעכנט מיט דער גאַנצער מענטשהייט: „אַ וועלט פון נאַראָנים און פוי-לענצער, פאַרבלענדעטע פון אָבערגלויבן, עגאָיסטיש, פאַלש, גרויזאַם, געשטראָפט מיט אילוזיעס, צאָרנדיק". דערדאָזיקער זאַץ געפינט זיך אין זיין עסיי „די טרענירונג פון אַ שריפטשטעלער"; מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ שטייגער שריפטשטעלער עס זענען דערמיט אַריינגעצויגן געוואָרן! אַ שריפטשטעלער, וואָס האַלט גאָרנישט פון סאָלידאַריטעט, זוכט אַ באַהעלטעניש אין זיין אייגענעם טאַלאַנט, אַלס דאָס איינציקע אָרט, ווו דער מענטש קאָן זיין הער און שאַפן שיינקייט, אָרדענונג און ווירדע. מחמת דעם לאָזט אונז איינגאַנצן לעבן אין דער וועלט פון קונסט, מקריב זיין זיך אינגאַנצן צו איר דינסט און נישט שענקען קיין ליבע יענער „אומפאַרבעסערלעכער, ברוטאַלער מאַסע, וואָס טראָגט דעם נאָמען מענטשהייט."

בירקע קלאָמערט זיך אָן דידאָזיקע איבערצייגונגען מיטן פלאַם פון אַ רעליגיעזן פאַנאַטיקער. ער ווייס, אַז די וועלט איז מסופק אין זיין „גלויבן" און מחמת דעם פריידיקט ער אים אַלץ מער ליידנשאַפטלעכער און ער באַקומט אָנפאַלן פון שגעון, אויב עמעצער וואַגט זיך אים אַנטקעגנצושטעלן. זיינע בריוו זע-נען פאַרעפנטלעכט געוואָרן; אין איינעם פון זיי, וואָס איז גע-שיקט געוואָרן צו אַ יינג מיידל, וועלכע האָט גערן געוואָלט ווערן שריפטשטעלערין, פאַלט ער אָן אויף דער פאַרדאָרבנקייט פון יענע, וואָס ווילן באַנוצן די קונסט פון שרייבן אויף דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן פאַרשריט: „אַזא שטייגער ציל באַ-טייט די פּראָסטיטוציע פון דער קונסט!" אין אַ שפּעטערדיקן בריוו פאַ־ראַט דערדאָזיקער קונסט לשם קונסט-מאַן דעם געהיי-מען פחד, וואָס נאָגט זיין נשמה: „צי זעען די דיכטער די

זאַכן, ווי זיי זענען אין דערווירקלעכקייט, — זיי שרייבן שוין נישט מער קיין געדיכטן".

אַמבראָזאַ בירקע האָט געהאַסט אַסאַך זאַכן, אָבער אַם־שטאַרקסטן און מיט האַס, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט וואַנזין, האָט ער פאַרפאָלגט דעם סאָציאַליזם. ער האָט געהערט צו יענע געשיקטע, גפּעפּערלעכע קעגנער, וואָס טענהן, אַז זיי האָבן געווי־סע סימפּאַטיעס פאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל, נאָר וואָלטן די פירער פון דערדאָזיקער אידעע נישט געווען אַזוי אָפּשטויסנדיק און אומדערטרעגלעך. יאָ, ער איז געווען גרייט צו זען די מענטשהייט אויסגעלייזט פון אָרימקייט, פון פאַרברעכן, פּראָסטי־טוציע, נאָר אַלץ, ווען אין דער באַוועגונג וואָלטן נישט געווען די שוטים, וואָס לויפן אַרום מיט די לאַנגע האָר און טראָגן אָנ־שטאָט אַ געוויינלעכן קראַוואַט די שוואַרצע שלייף!

בירקעס אָנגרייפן דעם סאָציאַליזם האָט געהאַט אין זיך עפּעס פּאַטאָלאָגישעס, און עס ווירקט מחמת דעם נישט שטוי־נענדיק, ווען מיר דערוויסן זיך, אַז אין זיין יוגנט האָט אַ באַ־קאַנטער סאָציאַליסטישער שריפטשטעלער, לאָרענץ גרענלאַנד, צוגענומען אים אַ מיידל. בירקע האָט זיך איינציקווייז איינגע־ריסן מיט זיינע אַלע באַקאַנטע, וואָס האָבן נאָר געהאַט עפּעס סימפּאַטיע פאַרן סאָציאַליזם.

זיינע פאַרעפנטלעכטע בריוו זענען פול מיט ליטעראַרישע קריטיק, וואָס זענען אָפט ענלעך צו זיך, און אינדעראמתן זענען זיי שטענדיק דער היפּוך פון דעם אַרויסגעזאָגטן אין דעמדאָזיקן בוך. איבסען און שאָו זענען פאַר בירקן „גאַנץ קליינע מענטשן, די ליבלינגען פון דער שעה און פון סאַלאָן", טאָלסטאָי „איז נישט קיין קינסטלער", באַרנס „איז אַ פלוידערער", גאָרקי איז „נישט נאָר אַ פויער, נאָר אויך אַן אַנאַרכיסט, אַ פאַרטיידיקער פון מאָרד". ווען גאָרקי איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ביר־קע געאַרבעט אין וואַשינגטאָן פאַר דער הירסט־פּרעסע. ער האָט זיך מיט גאָרקין קיינמאָל נישט צונויפגעטראָפן; האָט בכלל וועגן אים נישט געוווסט. ער האָט נאָר גיריק געשלונגען די ליגנס, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן וועגן אים דורך דער רוסישער

באַטשאַפט אין וואַשינגטאָן. צו זיין פריינט שטערלינג האָט ער געשריבן געהיימניספולע אָנמערקונגען: „עס האַנדלט זיך דאָ נישט נאָר אין דער ווייבער-געשיכטע. איר וועט אַלץ בעסער פאַרשטיין, ווען איר וועט דאָ זיין“.

דאָס אַלץ איז דערוויייל אונז דערציילט געוואָרן: דאָס איז דער שווינדל פון הונדערט-פּראָצענטיקן אַמעריקאַנערטום. דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם שאַפט קאָלאָסאַלע ליגנט-פאַבריקן, שטעלט אָן געהיימ-אַגענטן, פעלשער; אַ גאַנצע טייוואָלאַנישע באַנדע. דאָס פאָלק האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך קיין ברעקל השגה נישט געהאַט וועגן דעמדאָזיקן אַפּאַראַט, און עס ווירקט נאָך צרהדיקער, ווען מען זעט, ווי דער היכמוטיקער אינטע-לעקטואַליסט איז פונקט אַזוי לייכטגלויביק, ווי דער אומוויסנדער דאָרפסמאַן. דאָס איז פונדאַסניי אַ באַווייז, אַז דער מאָדערנער מענטש, וואָס פאַרשטייט זיך גאָרנישט אויף דער מאָדערנער רעוואָלוציאָנערער ווירטשאַפטס-לערע, איז געגליכן צו אַ קינד, וואָס בלאָנדזשעט אינמיטן נאַכט אין וואַלד.

בירקע האָט פאַרמאָגט נאָך אַנדערע סיבות צו רייצבאַר-קייט. ער האָט זיך אָנגערופן „טיכטיקער הולטאַי“, און אין סאַן-פראַנציסקאָ האָט ער געפונען גענוג מענטשן, וואָס האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט דער קונסט לשם קונסט.

וואָס האָט בירקע צו געבן דער וועלט? די ליבע פון אמת און האַס קעגן קאָרופּציע און צביעות. בירקע האָט געשריבן וועגן יענע אַלע זאַכן, וועגן וועלכע מאַרק טוועין האָט געוווסט, אָבער ער האָט זיי פאַרשוויגן. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט מיטגעקעמפט אין דעם בירגערקריג און שפּעטער גע-שריבן וועגן איר דעם אמת. אין דעם באַשטייט זיין באַדייטונג און מאַכט אַלס שריפטשטעלער. ער, דער ריינער קונסט לשם קונסט-מענטש, האָט געשריבן דערציילונגען, וואָס לערנען אונז האַסן דעם מאַסנמאָרד. די טענדענץ פון דידאָזיקע דערציילונגען קענען מיר שוין פון מאָפּאַסאַן: די מענטשן שטאַרבן, אָבער דער שיקזאַל שטעלט זיך זיי אין וועג. בעת מיר לייענען ביי בירקען, ווי דער זון דערהרגעט דעם פאָטער אויף דער מלחמה, קענען מיר

מספים זיין מיטן שריפטשטעלער און דערקלערן, אַז ס'לעבן איז זיגלאָז; מיר קענען אָבער אויך אַרויסציען אַן אַנדערן מוסר־השכל און ווערן קעגנער פון מלחמה.

אין זיינע געדיכטן האָט בירקע אויף אַ מוראדיקן אופן פאַרפאָלגט די סאָציאַלע רויב־פייגל און שאַקאַלן פון זיין צייט. ער איז אויף זיי אָנגעפאַלן מיט אַ פערזענלעכער ווילדקייט און שנאה, וואָס מען זעט זעלטן אין דער וועלט־ליטעראַטור. דאָ, ווי אין אַסאַך זיינע ווערק, דערשרייבט נישט בירקע, ווייל ער ווייסט גאָרנישט וועגן די סאָציאַלע כחות. ער שרייבט וועגן איינצלנע זשוליקעס, אָבער ער פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס דידאַזיקע מענטשן זענען אַזוי; ווייסט נישט, ווי אַזוי אַרויסצוהעלפן דעם שלעכטן. דערפאַר ברענגען זיינע ווערק קיין שום נוצן, נישט אונז און נישט די קרבנות און נישט אים אַליין.

אַמבראָזאַ בירקע איז איינמאָל געשלאָפן אַ נאַכט אויף אַ בית־הקברות לעבן אַ מצבה. די פאָלגן דערפון זענען געווען, אַז רעוומאַטיזם, אַסטמע האָט אים געפלאָגט דאָס גאַנצע לעבן און פאַרביטערט זיין עלטער. עס איז אים נאָר פאַרבליבן אַ קנאַפּע טרייסט, צו שאַפן מייסטערווערק פאַר אַ ספקות'דיק קומנדיק דור. ער האָט אויסגעוואַנדערט פון מעקסיקע און פאַרשוווּנדן אָן אַ שפור.

39

דער דיכטער פון עלנט

אָט זענען מיר שוין ווידער צוגעקומען צו איינעם פון יענע אומגליקלעכע רעוואָלוציאָנערע יונגע טאַלאַנטן, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָדער נישט געקענט איינלעבן זיך אין דער בורזשואַזער וועלט. סטעפאַן קרען איז געווען דאָס פערצנטע קינד פון אַ מעטאָדיסטן־פריידיקער און פון אַן עוואַנגעלישער מוטער. ער איז געבוירן געוואָרן אין נעוואַרק אין שטאַט נוי־יערסי, —

אַ באַווייז דערויף, אַז דער זשעני איז אומעטום אָנגענומען געוואָרן. עס איז שוין אַזוי אָנגענומען, אַז אַ זון פון אַ פריידיקער מוז זיין אַ לייכטזיניקער טויגעניכטס; צי מ׳קען דאָס באַווייזן סטאַטיסטיש ווייס איך נישט; פסיכאָלאָגיש איז עס אפילו צו דערוואַרטן: געוויינלעכע קינדער ווערן נאָר איינמאָל אין וואָך געפּאַשעט מיט רעליגיע, קינדער פון פריידיקער אָבער כסדר. די טראַגעדיע פון אָרעמען סטעווע קרען באַווייזט, ווי געפערלעך עס איז צו פאַרבינדן עטישע כללים מיט אומגלויבלעכע מעשיות. ווען אַ קינד ווערט גרעסער און הערט אויף גלויבן אין יענע מעשיות, איז גאַנץ מעגלעך, אַז עס זאָל קומען צום אויספיר, אַז זייער מאָראַלישער זין איז פאַלש און איבריק. דער קליינער סטעווע איז געווען אַ צאַרט עמפּינדלעך קינד. ווען דער פאָטער איז אים געשטאָרבן איז ער נאָך געווען זייער קליין; אויך די עוואַנגעלישע מוטער האָט זיך שוין לאַנג נישט געהאַלטן און דאָס יינגל איז געבליבן אויפן אייגענעם גורל. שפּעטער געפינט ער זיך אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע, וווּ ער האָט אַ גוטן נאָמען אַלס בייסבאָל-שפּילער, חוצדעם אויף זעקס פּייפלעך: זעקס, צופיל פאַר אַ יונגנמאַן, וואָס שטאַרבט צו ניינאונצוואָנציק יאָר אויף טובערקולאָז. אויף ברויט פאַרדינט ער מיט געלעגנהייטלעכע אַרבעטן אין צייטונגען, שפּעטער שטודירט ער אין אוניווערזיטעט פון סיראַקוז. ס׳איז אַ מאָדנער צופאַל פון דער געשיכטע, אַז דזשעמס ראָסקע דעי, דער רעקטאָר פון „הימלשן אוניווערזיטעט“, טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע דערציונג פון מחבר פון „מאגיע, אַ מיידל פון גאַס“. דאָס יינגל האָט פון דער ערשטער מינוט אָן געהאַט אַ באַאָבאַכטונגס-ווירדיקן מוט און אַבסאָלוט אייגענע אידעען. זיין יוגנטלעכער אורטייל וועגן טעניסאָן איז געווען: „מיסט“ און וועגן אָסקאַר אוואיילד: „אַ פאַרשימעלטער“. דאָס אַלץ איז אָן ספק נאָר געווען צונעמענישן; חוצדעם האָט ער געהאַט אַן אויסגעשפּראָכענעם זין פאַר הומאָר. וועגן זיין מוטער האָט ער געזאָגט: מ׳האָט זיך פונקט אַזוי געקאָנט פאַרשטענדיקן מיט אַ כוואַליע, ווי מיט איר.

נאָכדעם, ווי ער האָט צו צוואָנציק יאָר פאַרענדיקט זיין

שטודיום, איז ער אַוועק קיין ניו־יאָרק, ווו ער האָט געלעבט אין אַ דאַכקאַמער און ער האָט געהונגערט, כדי צו דערהאַלטן זיין אומאָפּהענגיקייט. זיין קונסט - אַקאַדעמיע איז געווען די באָוועריי; דאָס איז געווען אין יענער אַלטער ווילדער צייט, בעת דידאָזיקע גאַס איז נאָך געווען פול מיט פאַרברעכער, איידער זי איז איבערגענומען געוואָרן פון די חשובע פּלייסיקע יידן; יענע צייט, בעת ניו־יאָרק איז נאָך שטאָלץ געווען אויף איר „שטאַרקייט", און דאָ און דאָרט האָט מען אין די ענגע שמוציקע געסלעך פון אונטער די שטינקנדיקע קופּעס אַפּערגעצויגן אַ מת. דאָ האָט דער יונגערמאַן אָנגעשריבן זיין ערשטן ראָמאַן: „מאַגיע", די געשיכטע פון אַ מיידל, וואָס ווערט שלעכט באַהאַנדלט פון אירע שטענדיק שכורע עלטערן און פאַרטריבן אויף דער גאַס. מיט דעמדאָזיקן בוך האָט ער אַריינגעבראַכט אַ פולשטענדיק נייעם טאָן אין דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור, וואָרים ער האָט אָט איבער די שטייגער זאַכן געזאָגט דעם אמת, גאַנץ שלעכט און פשוט, אָן אַנטשולדיקונג און אָן סענטימענטן.

דער יונגער שריפטשטעלער האָט אַוועקגעטראָגן זיין ראָמאַן צו רישאַרד ווילטסאָן גילדער, דעם רעדאַקטאָר פון „צענטרי־מאַגאַזין", וואָס איז דאַמאָלס געווען איינע פון די פיר גרויסע צייטשריפטן אין אַמעריקע און האָט באַשלאָסן דעם גורל פון דעם אַמעריקאַנער שריפטשטעלער. ביים אָננעמען דעם באַשלוס, האָט ער גענומען אין אַכט, וואָס אַ העלפט פון דעם שטייגער מאַמעס געהערן צו זיינע אַבאָנענטן. גילדער האָט דערקלערט, אַז ער קאָן „מאַגיע" נישט אָננעמען. סטעפאַן האָט איבערגעריסן די צעצויגענע דערקלערונגען פון רעדאַקטאָר מיט דער פראַגע: „ווילט איר, הייסט עס, זאָגן, אַז דאָס בוך איז צו ערלעך?" און גילדער אַליין איז געווען צו ערלעך, צו ענטפערן מיט אַ „יאָ".

סטעפאַן קרעין האָט אין זיין לעבן לאַנג געהערט מלחמה־געשיכטעס פון אַלטע זעלנער, נישט אַזעלכע, ווי עס שטיין אין די געשיכטלעכע לערנביכער, נאָר געשיכטעס איבער די ווירקלעכע טאַטן און געפילן איבער די זעלנער. אָט דידאָזיקע האָט

ער זיך אויסגעוויילט פאַר אַ טעמע, און אין משך פון צען נעכט נאָכאַנאַנד האָט ער אָנגעשריבן: „דער רויטער אָפּצייכן פון העלדישקייט". און איצט האָט ער ענדלעך געקריגן דערפאָלג. אַ צייטונגס-סינדיקאַט האָט אים געצאָלט הונדערט דאָלאַר פאַר די רעכט צום דרוקן און מיט צוויי יאָר שפּעטער איז דער ראָמאַן דערשינען אין בוך-פאָרם. אָבער דאַן האָבן אים אַנטדעקט די ענגלישע קריטיקער און ניו-יאָרק האָט זיך פּלוצלינג דערוווסט, אַז זי פאַרמאָגט אַ זשעני.

ביז צו יענע צייטן זענען די רעאַליסטן געווען ביים רודער, זיי זענען איינגעגאַנגען דערויף, מען זאָל שילדערן דאָס לעבן אין זייגע אויסערלעכע דעטיילן. אָבער קרען איז געווען ביי אַן אַנדער אָנשויונג, אים האָבן אינטערעסירט די געפילן פון די מענטשן, דאַקעגן די אויסערלעכע דעטיילן האָט ער באַטראַכט אַלס אַ דערשיינענדיקן סימן פון אינערלעכע געפילן. ער האָט געהאַט דעם מוט פעסטצושטעלן, אַז באַשטימטע געפילן לאָזן זיך אָנצייכענען דורך באַשטימטע פאַרבן. מחמת דעם האָט ער געשאַפן אַ נייעם שטייגער בעלעטריסטיק, דעם אימפּרעסיאָניזם, און די רעאַליסטן זענען אויף אַ צייט-לאַנג געווען פאַרשטויסן.

סטעווע האָט זיך דערוואָרבן אַ קליין פאַרמעגן. דאַן האָט ער שוין מער נישט געטרונקען אין די שענקן פון דער באָוועדי, נאָר אין די עלעגאַנטע קאַפעען אויפן בראָדוויי. ער האָט געשריבן נאָוועלן און סקיצן, ווי אויך געדיכטן אָן גראַם און אָן ריטם, וואָס האָבן צעטומלט די קריטיקער. אַסאַך איז וועגן אים געטריבן געוואָרן רכילות. און די כלערליי מעשיות וועגן זיין פאַראַכטונג פון געזעלשאַפטלעכע איינגעשאַפטן זענען געווען איבערגעטריבן. זיין ביאָגראַף טאָמאַש ביר האָט אים שפּעטער ענערגיש גענומען אין זיין שוץ. ער האָט דערקלערט, דער שריפטשטעלער איז לחלוטין נישט געווען קיין אָפּיום-רויכערער אָדער מאָרפיניסט, און וואָס שייך דעם טרינקען, קאָן מען נאָר איבערחזרן דאָסזעלבע, וואָס מ'האָט שוין געזאָגט וועגן די פּייפּלען: יעדעס גלאָז אַלקאָהאָל איז געווען צופיל פאַר איין מענטשן.

וואָס האָט אַ ליאַדע טאָג געדאַרפט שטאַרבן אויף שווינדזוכט. די געשיכטן וועגן די ווייבער דאַקעגן זענען טייל געווען גע- צוווּנגענע, טייל זענען אַנטשטאַנען פון קרענס אומפאַרזיכטיק איבערגעטריבענער ריטערלעכקייט. איינמאָל האָט ער אין אַ שענק געראַנגלט מיט אַ גאַסנפּרוי, די פּאָליציי האָט אַרעסטירט דאָס מיידל, קרען איז צוגעצויגן געוואָרן אַלס עדות, און דערדאָזיקער פּאָר- פאַל האָט גורם געווען אַסאַך רכילות. דער יוגגערמאַן האָט אַפילו זיך געדאַרפט אָפּלערנען פון מארק טוועו און ווילי‏אַם דין האָועלס, וויאַזוי מען דאַרף אויסמיידן דעם שאָטן פון אַ סקאַנדאַל.

דאָס שיקזאַלפונם דאָזיקן קאַפּריזנעם עגאָיסטישן זשעני באַ- ווייזט פונדאַסניי דעם אומאַנגענעמען אויסוואַל, פאַר וועלכן דאָס לעבן שטעלט אונז: מיר קענען זיך באַהערשן, דערביי טיילמאָל אַביסל צביעותדיק, לאַנג און דערפאָלגרייך לעבן, אָדער פולקאָם זיין ערלעך און טון אַלץ, וואָס מיר ווילן, דערביי אַ תל מאַכן פון אונזער געזונט און צו נייַנאונצוואָנציק יאָר שטאַרבן. סטעפאַן קרענס גייסט איז געגליכן געווען צו אַ זויער-שטאָף, וואָס צע- שטערט די צביעות און די הויכמוטיקייט פון דער ציוויליזאַציע, אָבער ער ווייסט גאָרנישט וואָס צו געבן אויף זייער אָרט. דער העלד פון ראָמאַן „דער רויטער אָפּצייכן פון העלדישקייט“ איז פאַרבלענדט געווען פון פחד און אין קרענס אַלע נאָוועלן און שפּעטערדיקע ראָמאַנען געפינען מיר דיזעלבע טעמע: דאָס לעבן הענגט אינגאַנצן אָפּ פון אַ צופאַל, דער וועלטאַל איז אָן אַן ע- טישן זין אָדער עטישער באַדייטונג. קרען האָט אינגאַנצן גע- לעבט לויט דערדאָזיקער איבערצייגונג; ער האָט נישט געוווּסט, וואָס אָנצוהויבן מיט זיין לעבן, ער האָט נאָר געהאַט דעם איינציקן קינדישן ווונטש: איינמאָל איבערצולעבן אַ מלחמה. ער האָט געמאַכט אַ פּרווו אָנצוקומען קיין קובאַ, אָבער אינמיטן וועג איז די שיף צעבראָכן געוואָרן. דעמדאָזיקן פּאַרפאַל האָט ער איבערגעאַרבעט אויף אַ גוטער דערציילונג: „די אָפענע שיף“. ער האָט אָבער באַצאָלט דערפאַר מיט אַ טייל פון זיין שוין זייער שוואַכן לעבנס-כח. דאַן האָט ער אָפּגערייזט קיין גריכנלאַנד,

אָבער ער האָט נישט פאַרטראָגן די דאַרטיקע קיך. לסוף האָט ער אַנטיילגענומען אין אונזער מלחמה קעגן קובאַ און באַשטע-טיקט דערמיט אַזאַ שטייגער טויטן-פאַראַכטונג, אַז די רכילות-ניקעס האָבן נאָך ערגער גערעדט, ווי ווען ס'איז פאַר דעם: דער-דאַזיקער מענטש האָט זיכער מחמת דעם געזוכט דעם טויט, ווייל איבער זיין קאָפּ האָט געשוועבט אַ טונקעלער סקאַנדאַל!

ער איז ווייט אַריבערגעשטיגן די ניינציקער יאָרן, פונדעסט-וועגן איז איצט אַריינגעוואַקסן אַ נייע גענעראַציע, און אַלע אונזערע יונגע אינטעלעקטועלן זענען קאַלט, אָביעקטיוו און ציניש; זיי גלויבן, אַז מיטלייד איז אַ שוואַכקייט און דאָס גאַנ-צע לעבן האָט נישט קיין באַזונדערע באַדייטונג. זיי לאָזן מיר איבער די אומאָנגענעמע אויפגאַבע, אומבאַרופן צו שרייבן זכרו-נות אויף דעם אומגליקלעכן פייערדיקן גייסט.

איך וויל מיך קורץ צונויפנעמען: אין איינעם אַ טאָג וועט אויפוואַקסן אַן אַנדערע גענעראַציע און וועט איינזען, אַז קיין שום מענטש, און אַמווייניקסטן דער שעפערישער קינסטלער, קאָן נישט אויסקומען אָן אַ וועלכע ס'איז רעליגיע. ער דאַרף נישט גראַד די מעטאַדיסטישע רעליגיע, אָבער עפּעס אַ גלויבן, וואָס רעגט אָן יונגע באַגאַבטע מענטשן צו היטן זיך אַליין און זייער באַגאַבטקייט.

עס איז פאַראַן אַ רעליגיע, וואָס סטעפאַן קרען האָט אַק-צעפּטירט אויף פערצן טעג. ער האָט געשריבן, אַז איינמאָל איז ער אַזאַ לאַנגע צייט געווען סאָציאַליסט. אָבער דאַן האָט ער זיך באַגעגנט מיט צוויי אַנדערע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן, אים דערקלערט, אַז זיין טעאָריע איז פאַלש און זיי האָבן אָנגעהויבן דיסקוסירן, ווער ס'איז דעה גערעכטער. איך אָבער זאָג: אָ, איר סטעפאַן קרענס פון דער צוקונפט, משפּט די לערע לויט איר מהות צום אמת, אָבער נישט לויט אונזערע פּערזענלעכע שוואַכקייטן און נאַרישקייטן.

40

דער קאַליפאָרנישער אָקטאָפּוס

סוף פון נײַנצנטן און אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז אַמעריקעס גײַסט באַהערשט געוואָרן פון אַלטמיידלדיקע מומעס און געדונגענע קנעכט פון די פּריווילעגירטע קרײַזן. ס׳האָט אויסגעזען ווי ערגעץ-ווו אונטער די קוליסן זאָרגט אַ בייזער גײַסט דערפאַר, אַז מיר זאָלן נישט אַראָפּוואַרפן פון זיך די דאָזיקע קייטן. פינף אומאָפּהענגיקע, אָריגינעלע שריפטשטעלער זענען אויפגעקומען און געהאַט פאַלגנדע שיקזאַלן: סטעפאַן קרען איז געשטאָרבן צו נײַנאונצוואַנציק יאָר אויף שווינדזוכט, פראַנק נאָריס האָט צו צווייאונדרײַסיק יאָר באַקומען אַן אָנצינדונג אויף דער בלינדער קישקע, דוד גראַהאַם פיליפּוס איז צו פירונצוואַנציק יאָר געהרגעט געוואָרן דורך אַ משוגענעם, א. הענרי איז געשטאָרבן צו אַכטאונפערציק יאָר פון צופיל שיכרות, און דזשעק לאָנדאָן איז צו פערציק יאָר באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

פראַנק נאָריס איז געבוירן געוואָרן אין קאַליפאָרניע אין יאָר 1870. ער איז געווען אַ זון פון פאַרמעגלעכע עלטערן. שוין אַלס קינד האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן געשיכטעס און צו צייכנען, אָבער ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער טוט ליבער. עטלעכע יאָר האָט ער שטודירט אין פּאַריז מאַלערײַ און צו צוואַנציק יאָר פאַרעפנטלעכט ער אַ לאַנג דערציילנדיק געדיכט. דאַן קערט ער זיך אום אַהיים און פּרוּווט צו לערנען זיך שריפטשטעלערײַ אויף דער קאַליפאָרנישער אוניווערזיטעט, אָן זעיפּאָלג. דערנאָך שטודירט ער אין האַרוואַרד און שרײַבט דאָרטן אָן זײַן ערשטן דערפאָלגרייכן ראָמאַן „מעק טיגו“.

ער האָט זיך פאַרטיפט אין די ווערק פון זאָלאַ און ער האָט געוואָלט דידאָזיקע מעטאָדע אָנווענדן אויך אויף אַמעריקע: שילדערן די ברוטאַלעווירקלעכקייט פון לעבן, שטאַרקע, חיהשע מענער מיט געוואַלדיקע מוסקולן און קינבאַקן, פול-בוזימדיקע פרויען מיט געלאָקטע האָר. די טעמע פון ראָמאַן „מעק טיגו“

איז די גירי׳קייט. מיר זעען אַ קאַבינעט פון אַ ציין־דאָקטאָר מיט אַ גרויסן גאָלדענעם צאָן אַלס סימבאָל, און דורך דער גאַנצער טראַגישער דערציילונג שפינט זיך אַדורך דער מאָטיוו פון גאָלד.

נאָך „מעק טיגו״ קומט דער ראָמאַן „דער אָקטאָפוס״; דאָ געפינען מיר זיך שוין אין קאַליפאָרניע, אינמיטן דער ווילדער נאַטור און פרימיטיווע מענטשן. דער „אָקטאָפוס״ האָט צוויי טע־מעס: די ערשטע — דער עפּאָס פון ווייץ; מיר זעען די גע־וואַלדיקע שטחים, אויף וועלכע דער ווייץ ווערט צייטיק, די גאָלדענע קערנער אויף זייער וועג, די מיליאָנען מענטשן אין די שטעט צו דערנערן; אַזאַ אומגעהויערער שטראָם, וואָס קאָן, סימבאָליש, אונטער זיך באַגראָבן און דערשטיקן אַ מענטש. די אַנדערע טעמע — די אייזנבאַן, דער אָקטאָפוס, וואָס האָט צו־געריבט פאַר זיך דאָס ווייצנלאַנד און פאַרשלינגען די פאַרמער. איך האָב געלייענט דעמדאָזיקן ראָמאַן, איידער נאָך איך האָב געקאָנט זאָלאַן; ער איז געווען פאַר מיר אַ דערשיטערנדיקע, גרויסע אַנטפּלעקונג, ווי צווישן אַסאַך אונז יונגע. דאָס איז גע־ווען כּוח, אויפגעוגומען די ווירקלעכקייט; אַזוי מוז מען שרייבן ראָמאַנען!

אָבער אויך איך בין געווען איבערגענומען און איבערגע־שראָקן: צי קאָן ווירקלעך עפּעס אַזוינס פּאַסירן אין אַמעריקע? צי איז עס מעגלעך, אַז די אייזנבאַנען זאָלן אינדעראמתן פאַר־שטעלן די הערשנדיקע מאַכט, אַנטקעגנשטעלן זיך די געזעצן, באַרויבן די מענטשן זייערע היימען און טרייבן זיי אויף נע־ונד און צו פאַרברעכן? מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז צו יע־נער צייט בין איך געווען דער נאַיווער און אומשולדיקער פּראָ־דוקט פון די אַמעריקאַנער שולן און פון אוניווערזיטעט פון הער י. פּ. מאָרגאַן. איך האָב מיט דער גאַנצער ערנסטקייט געגלויבט, אַז מיר לעבן אין אַן אמתער דעמאָקראַטיע אונטערן שוץ פון אַ קאָנסטיטוציע.

איך האָב געפּרווט זאַמלען באַווייזן וועגן דעם אייזנ־באַן־אָקטאָפּוס, אָבער עס איז געווען אוממעגלעך. דאָ האַנדלט

עס זיך אין איינעם פון די טונקעלע, אונטערערדיש ווירקנדע גע-היימנישן פון אַמעריקע.

פראַנק נאָריס, פון וועמען איך האָב אַזויפיל געלערנט וועגן מיין לאַנד, האָט פּאַקטיש צוגעזאָגט צו דערציילן נייעס וועגן אַמעריקע. זיינע צילן האָט ער דערקלערט אין א בוך „די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די ראָמאַן-שרייבער", אין וועלכן עס געפינען זיך צווישן אַנדערע פאָלגנדע שטעלן: „קיין שום קונסט, וואָס איז נישט פאַרשטאַנען געוואָרן פון פאָלק, האָט נאָך נישט ווען ס'איז איבערגעלעבט אַ דור און וועט נישט איבערלעבן". און: „דאָס געשריי קעגן די טענדענץ-ראָמאַנען איז דאָס באַקלאָגן זיך פון פחדן". „דער אמת אין דער ליטעראַטור איז פונקט אַזוי ווירקלעך און באַדייטנדיק, ווי אומעטום."

נאָריס ווייסט נאָך מער וועגן דעם, אַז דאָס וואָרט פון אַלטאַר דערגרייכט צו אונזערע אויערן נאָר זונטיק, די צייטונגס-ידיעות ווערן באַלד פאַרגעסן, דאַקעגן דער ראָמאַן ווירקט דויערנדיקער. און נישט געקוקט אויף דערדאָזיקער פאַראַנט-וואָרטלעכקייט זענען פאַראַן שריפטשטעלער, וואָס שרייבן ראָ-מאַנען צוליב געלט, און „קיין שום מענטש קומט נישט מיט זיי אין באַרירונג!" ער גייט איין אויף זיין פאַרהעלטעניש פון אייגע-נער אַרבעט: „איך האָב מיך קיינמאָל נישט אונטערגעוואָרפן, קיינמאָל נישט אַראָפּגענומען דעם הוט פאַר דער מאָדע אויסגעשטרעקט אים אַרום, כדי צו זאַמלען פעניעס. גאָט מיין איינציקער, איך האָב געזאָגט די מענטשן דעם אמת. צי עס גע-פעלט זיי יאָ, צי נישט — וואָס גייט דאָס מיך אָן? איך זאָג דעם אמת!"

נאַטירלעך, שטרייכט ער אונטער, אַז דער שריפטשטעלער דאַרף זיך נישט לאָזן אָוועקרייסן פון זיין טענדענץ. משמעות, אַז ס'האָט זיך איינגעגעבן זיינע קריטיקער און פאַרלעגער אים איינצורעדן. דאָסדאָזיקע איז אויך מיט אים געשען ביים אָקטאָפּוס, וואָרים דער פאָלגנדער ראָמאַן, דער צווייטער פון דער געפּלאַנטער טרילאָגיע „דער גרובן", איז אַסאַך מילדער און קאָנווענציאָ-נעלער. נאָריס פּרוווט אונז צו פאַראינטערעסירן מיט'ן שיקזאַל

פון אַ תבואה־מעקלער און זיין פרוי, אָבער עס גיט זיך אים נישט איין, וואָרים פּאַראַזיטן דערוועקן נישט קיין מיטגעפיל; דאָס בוך איז געווען אַ סאַטירע ווי אַ שטייגער „בעבּיט“. דעם „גרובּן“ האָט געפעלט דער עפּישער שוואונג און די קראַפט פון אַקסטאַפּוס, און דער פאַקט, וואָס דאָס בוך איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין נאָכאַמאָל אַזויפיל עקזעמפּלאַרן, איז פאַר אונז אַ א קנאַפּע טרייסט.

די באַציונג צווישן דער טענדענץ און דער האַנדלונג פון אַ דערציילונג איז גאַנץ פּשוט: ביידע מוזן זיי זיין איינס, זיין גלייך וויכטיק, און דער שריפטשטעלער דאַרף ביי ביידע נישט פאַרנאַכלעסיקן קיין איין אויגנבליק. ווי נאָר דער מחבר לאָזט זיך אַרויסשטופּן דורכן שטאָף און דורך די געשטאַלטן פון זיין דערציילונג, שרייבט ער נישט מער ווי אַ טראַקטאַט אָדער אַ דרשה; איך ווייס דאָס, ווייל איך אַליין האָב עס שוין מיטגעמאַכט. אָבער עס איז פּונקט אַזוי צרה'דיק, ווען מיר לאָזן אַרויסשטויסן די טענדענץ, וואָרים דעמאָלט ווערט דאָס גאַנצע זינלאָזע רעפּאָרטאַזש, מיר טוען גאָרנישט קיין שעפערישע אַרבעט, נאָר מיר פילן אויס בלויז די פונקציע פון אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט.

איך בין גרייט דערויף, אז מען וועט אַסאַך מאָל טענה'ן: דער מחבר פונם דאָזיקן בוך באַגרייפט נישט דעם אונטערשיד צווישן אַ קונסטווערק און אַן אָפּהאַנדלונג אָדער דרשה. אָבער ווער עס וועט נישט לייענען דאָס דאָזיקע בוך מיטן מיין, צו ווייזן זיך דערביי, וועט איינזען, אַז אין דעמדאָזיקן בוך רים איך נאָר קינסטלער, וואָס זענען געווען גענוג גרויס און שטאַרק צו קאָנטראָלירן גלייכצייטיק זייער פאַנטאַזיע און זייער אינטעלעקט. איך האָב דאָ נישט דערמאָנט אַ גרויסע צאָל העלדישע קינסטלער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט, אָבער זיי געהערן נישט צו די גרעסטע, ווייל זייער פאַנטאַזיע איז אַריבערגעשטיגן זייערע פאַרלאַנגען צו לערנען און צו פריידיקן. מחמת דעם פעלן דאָ אַזעלכע נעמען ווי פלאַטאָ, סיר טאָמאַס מור, פערדינאַנד לאַסאַל, בערטאַ פאָן זוטנער, דזשאָן

ראַסקין, וואַלטער בעזאַן, טשאַרלז קינגסלי, טשאַרלז ריד, עדוואַרד בעלאַמי, העריעט ביטשער סטאָו און נאָך אַסאַך מער.

41

דער דיכטער פון די פיר מיליאָן

דער נאָוועליסט, וועלכער האָט געשריבן אונטער דעם נאָמען אָ. הענרי, האָט אויפגעפלאַמט ווי אַ מעטעאָר אין דער מאַגאַזין-וועלט פון ניו יאָרק. זיינע ערשטע דערציילונגען זענען דערשינען אין יאָר 1902, ווען ער האָט נאָך געהאַט אַכט יאָר צום לעבן. בעת דעמדאָזיקן קורצן שפאַן צייט, איז ער געוואָרן דער אַנערקענטער מייסטער פון דער אַמעריקאַנישער נאָוועלע. אַלע האָבן אים געלייענט, די גרויסע און די קליינע, די שריפטשטעלער פונקט ווי די שלעכטע מענטשן, וואָס זייער לעבן האָט ער טאַקע געשילדערט. ער האָט געשריבן אַן ערך צוויי נאָוועלן אַ וואָך, און ווען ער האָט אפילו נישט געקריגן די גרויסע האָנאָראַרן, האָט עס אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך נישט געזאָרגט וועגן געלט און אים נישט נאָכגעלאָפן.

ער איז געווען אַ זעלטענער, צוריקגעהאַלטענער מענטש, וואָס איז פון דער קליינער צאָל פריינט זיינע האַרציק געליבט געוואָרן. אָבער עס איז שווער אָנגעקומען זיך צו דערנעענטערן צו אים. און ער האָט געהאַסט די צודרינגלעכקייט פון יענע מענטשן, וועלכע רייסן זיך אַרום איין „גרויסע חיה". ער האָט פאַרמאָגט אין זיך דאָס צערטלעכקייט און די סענטימענטאַליטעט פון די דרום-מענטשן, צונויפגעפּאָרט מיט אַ פאַרשלאָסנקייט, וואָס האָט צעטומלט. זיינע בעסטע פריינט האָבן נאָר געוווּסט וועגן אים דאָס, אַז ער האָט געוווינט אין טעקסאַס אויף אַ פאַרם, שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין אַן אַפּטייק, געשריבן פאַר צייטונגען אין ניו-אָרלעאַנס, אַרומגערייזט צענטראַל אַמעריקע, און אַז ער איז געווען אַן אַלמן און אַ פאָטער פון אַ קליין טעכטערל.

זיין לעבן האָט געטראָגן אין זיך אַן אָפענע ווונד, און קיינער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו פרעגן אים וועגן דעם. עטלעכע יאָר נאָך זיין טויט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיין ביאָגראַפיע און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באַוועלן-מייסטער פון אַמעריקע איז פאַרשפאַרט געווען דריי יאָר מיט דריי חדשים אין אויסבעסערונגס-הויז אין אָהייאָ. דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן שרייבן; אין געפענגעניש האָט ער ביי די צאַרטע שווינדלער און גרויסמוטיקע רויבער דערוואָרבן זיין טיפן וויסן, דאָרטן האָט ער זיך דערוואָרבן דעם פאַטאָס און דאָס פאַרשטענדלעכע פון זיין קונסט.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַמעריקע, אַז דידאַזיקע אַנטפּלעקונג האָט אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג. זיין טאָכטער, פונקט ווי זיין צווייט ווייב, ווילן נאָך איצט נישט אַנטדעקן דאָס געהיימניש. זיין פאַרלעגער וויל עס אויך נישט. אַ מענטש, וועמענס ווערק עס זענען אָנגענומען געוואָרן פאַר אומשטערבלעך, איז געווען דער העלד פון אַ געשיכטע, וואָס איז רירנדער און אינטערעסאַנטער ווי דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, אָבער זי האָט געדאַרפט באַגראָבן ווערן מיט אים צוזאַמען; — משמעות, ווייל אַמעריקע איז דאָס לאַנד פון חשיבות, ווו די טיפסטע טראַגעדיע פון אַ מענשלעכע נשמה גייט ווייניקער אָן, ווי דער ווונש פון צוויי דאַמען, וואָס ווילן זיך פאַרשפּאָרן עגמת-נפש דורך אַ זאַך, צוליב וועלכער עס וועט זיי קיינער אפילו נישט קאָנען מאַכן אַ וועלכן ס'איז פאָרוואורף.

אָ. העגרי האָט, משמעות, אין טעקסאַס געאַרבעט אין אַ באַנק, אין וועלכער עס איז צוגעגאַנגען שטאַרקע אומפינקטלעכקייטן, מער ווי טויזנט דאָלאַר זענען פאַרשוונדן געוואָרן. עמעצער האָט דאָס געלט אַראָפּגעשלונגען און א. העגרי האָט דערפאַר געמוזט ליידן. דער געדאַנק וועגן דעם פאָרשטייענדיקן פראָצעס האָט אים שרעקלעך געמאַטערט. ער איז שיר אַראָפּ פון זינען און ער איז אַנטלאָפן קיין האָנדוראַס. אָבער באַלד דערוווסט ער זיך, אַז זיין פרוי האַלט ביים שטאַרבן אויף שווינדזוכט, ער קאָן דאָס נישט איבערטראָגן און קומט צוריק אַ היים.

זיין פרוי שטאַרבט אָפּ, האַלב פּאַרטויבט פון חרפה לעבט ער איבער דעם פּראָצעס, ווערט פּאַראורטיילט און אין תפיסה דער-ווּסט ער זיך ערשט, ווי מוראדיק אַמעריקע באַגייט זיך מיט יענע, וואָס באַדראָען איר האָב און גוטס.

אין האָנדוראַס האָט ביל פּאָרטער — אַזוי איז געווען זיין אמתער נאָמען — געשלאָסן אַן אייגנאַרטיקע באַקאַנטשאַפט מיט אַל יאָנינגס, אַ רויבער אויף די אייזנבאַנען, וואָס איז געזוכט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. די ביידע מענטשן האָבן זיך דערנאָך צוריק אומגעקערט קיין אַמעריקע און דער צופאַל האָט זיי ווידער צונויפגעפירט אין תפיסה. יאָנינגס האָט פון דעמאָלט אָן תשובה געטון און אונז געשענקט זיינע און די געשיכטע פון זיין ליטעראַרישן פריינט אין אַ בוך מיטן נאָמען: „דורך די שאָטנס מיט אָ. הענרי."

ביל פּאָרטער איז באַשעפטיקט געוואָרן אַלס תפיסה-אַפּ-טייקער. אין די פרייע שעהן האָט ער געשריבן אומאויפהערלעך, כדי אַזויאַרום צו פאַרגעסן די מענטשלעכע עלנט אַרום. פאַר אַ טעמע האָט ער באַנוצט די דערציילונגען פון אייזנבאַן-רויבער אַל יאָנינגס און פון אַסאַך אַנדערע פאַרברעכער, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקאַנט אין תפיסה. אינדרויסן אויף דער פרייהייט האָט געלעבט זיין קליינע טאָכטער, וועלכע האָט נישט געדאַרפט וויסן, ווו דער פאָטער געפינט זיך; כדי איר צו קענען שיקן אַ מתנה אויף ווייגאַכט, שיקט ער אָן אויפהער מאַנוסקריפּטן צו די צייט-שריפטן.

אויך דאָ, ווי ביי מאַרק טווען, זעען מיר ווי דער גייסט פון בורזשואַזן אַמעריקע, פאַרקערפּערט אין דער פּערזענלעכקייט פון אַ פרוי, אַנדערשט איבער די נשמה פון זשעני; אַ ליבלעכער, הומאָריסטישער, אומגעשיקטער מאַן פון דרום, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין ברעקל השגה פון סאָציאַלע כוחות און נישט רעכט געוווּסט, וואָס אייגנטלעך עס געהערט אים, סענטימענטאַליזירט און פאַרווייבלעכט דאָס רייכלעכע מאַטעריאַל.

אָט איז אַ ביישפּיל: „דזשים וואַלאַנטיין", דאָס פּאָפּולערסטע

געשטאַלט ביי אַ. העגרי. דידאַזיקע דערציילונג, איז גע־וואָרן דראַמאַטיזירט און האָט אַלס טעאַטער־שטיק געהאַט אַן אומגעהויערן דערפאָלג אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד, איז אין שפּאַניען און אין פראַנקרייך מערערע מאָל געגנבעט געוואָרן און געווען דער אורשפּרונג פאַר אַ נייעם שטייגער בינע־שלאַגער: די פאַרברעכער־דראַמע. דער אינהאַלט פון דער דראַמע איז פאָלגנדיקער: אַ קליין קינד ווערט דורך אַן אומגליקלעכן צופאַל פאַרשלאָסן אין אַ פייער־פאַרזיכערטער קאַסע; אין עטלעכע שעה אַרום מוז עס דערשטיקט ווערן. אַ באַרימטער קאַסע־ברע־כער דערוויסט זיך פון דעם אומגליקלעכן פאַל, ער עפנט די קאַסע און ער פאַרראַט זיך אַזוי־אַרום פאַר אַ דעטעקטיוו, וואָס שפּירט אים שוין נאָך אַ לאַנגע צייט. דער דעטעקטיוו אָבער איז אַן אמתער מאַגאַזין־דעטעקטיוו, גוטהאַרציק און רירנד. ער זאָגט זיך אָפּ פון כבוד דעם באַרימטן פאַרברעכער צו אַרעס־טירן, און דער פאַרברעכער אַנטלויפט מיטן קינד, כדי פון איצט אָן צו ווערן גוט און פרום. אַזוי זעט אויס, לויט דער אַמערי־קאַנישער מאַגאַזין־מיטאָלאָגיע, די וועלט פון פאַרברעכער.

וואָס איז אָבער געווען די אמתע געשיכטע פון דזשים וואַלענטיין? אין שטאַט אָהייאָ איז פאַרגעקומען אַ גרויסער סקאַנדאַל: עטלעכע אַנגעזעענע גנבים, פון יענעם סאָרט, וואָס ווערן קיינמאָל נישט געכאַפּט, האָבן צוגעגנבעט מיליאָנען דאָ־לאַר, די באַלאַסטנדע פּאַפּירן האָבן זיי פאַרשלאָסן אינעווייניק אין אַ קאַסע און זענען אַנטלאָפן. די פּאַפּירן האָט מען פאַר יע־דער פּרייז געמוזט אַרויסבאַקומען, אָבער די קאַסע איז אוממעג־לעך געווען צו עפענען אָן דער הילף פון דינאַמיט, און דאַן וואָלטן די פּאַפּירן פאַרניכטעט געוואָרן. דער גובערנאַטאָר האָט אַרויסגעפּאָדערט פון תפיסה אַ „גוטן קאַסע־ברעכער". אַ מאַן האָט זיך געמאָלדן דאָס צו טון. ער איז געווען, פּונקט ווי אַל יאַנינגס, וואָס האָט דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע, אַ הונגע־ריק קינד פון דער גאַס. צו עלף יאָר איז ער אַלס שמאַטע־קלויבנדיקער קליינער גנב, איינגעזעצט געוואָרן אין אַן אויס־בעסערונגס־הויז פאַר גנבענען פאַר צען סענט קאָנפיטורן. צו

אַכצן יאָר איז ער געקרוינט געוואָרן אַלס דער קעניג פון די פאַרברעכער, און אין אַ יאָר אַרום ווערט ער אַלס „געוווינהייטס-פאַרברעכער" פאַרמשפט צו אייביקער תפיסה. איצט שטאַרבט ער שוין ביסלעכווייז אָפּ אויף שווינדזוכט, בעת זיין אַלטע מאַמע איז געלעגן און געקורטשעט זיך אין אַ שטערבלעכן ווייטיק, ווייל זי האָט שוין זעכצן יאָר נישט געזען איר זון. דערדאַזי-קער פאַרשוין האָט געהאַט אַן אייגענע מעטאָדע וויאַזוי צו עפע-נען קאָמפּליצירטע שלעסער. ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעפּיילט די נעגל, כדי ער זאָל מיט דעם עמפּינדלעכן צעקאַלעטשעטן פלייש קענען פילן, ווען די רעדעלעך פון שלאָס שטייען ריכטיק. מען האָט אים צוגעזאָגט די פרייהייט, אויב עס וועט זיך אים איינגעבן צו עפענען אין שטאַט אָהייאָ, די קאַסע. אין צען מינוט אַרום האָט ער שוין זיין דערפילט זיין אויפגאַבע. דער צוזאָג איז אָבער נישט געהאַלטן געוואָרן, און ער איז געשטאָרבן אין תפיסה. בעת מ'האָט אַרויסגעטראָגן זיין טויטן קערפּער, האָט זיך פון אונטן, אין שניי און בלאָטע, נאָכגעשלעפּט די אַלטע מוטער און אויסגעשטרעקט נאָך אים די הענט.

דאָס איז געווען די אמתע געשיכטע: אַ. הענרי האָט זיך געפינען אין תפיסה, ווען זי איז באַקאַנט געוואָרן. ער האָט געפילט דעם צאָרן און די אויפרעגונג, וואָס האָט דורכגענומען אַלע הערצער, בעת די באַגנעדיקונג איז אָפּגעזאָגט געוואָרן. וואָלט ער אָבער דידאָזיקע געשיכטע באַשריבן, וואָלט ער נישט גע-קאָנט שיקן זיין קליין טעכטערל אַ מתנה אויף דער וויינאַכט-פייערונג, און ער וואָלט אויך נישט אַריינגערעכנט געוואָרן צו די מייסטער-נאָוועליסטן. ער האָט אַזוי ווייט נישט געקאָנט די ווירקלעכקייט, אַז ער האָט נישט איינמאָל געלאָזט זיין דזשים וואַלענטיין זיך אָפּפיילן די נעגל. דער שווינדלער פון דער נאָוועלע האָט געעפנט די קאַסע מיט באַזונדערס ראַפינירטע איינברעכער-מכשירים.

אַ. הענרי האָט נישט געקאָנט ברענגען אויף זיך צו שטיין פנים אל פנים די ליידן פון לעבן. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס דערפון אָנצוהויבן, און מחמת דעם האָט ער זיי אויסגעווייכט,

פונקט ווי די מאַגאַזין-שריפטשטעלער און לייענער פון זיין צייט. ער האָט אפילו נישט געקאָנט איבערטראָגן די אייגענע שאַנדע, און דער געדאַנק וועגן פרייהייט איז געווען פאַר אים אַ פּיין, ווייל ער האָט געמוזט טראָגן מיט זיך דעם מוראדיקן סוד. יאַנינגס ציטירט אַ זאָץ פון אים: „דער שטעמפּל פון דער תפיסה איז ערגער ווי קינ׳ס שאַנדצייכן. ווען די וועלט דערזעט אים, אַזוי ווערט מען אומגעברענגט. זי זאָל אים נאָר נישט זען ביי מיר. איך וויל נישט זיין קיין פאַרשטויסענער". גוט פאַרשטאַנען: ער האָט געוווסט, אַז ער איז אומשולדיק און פונדעסטוועגן האָט ער זיך אויפגעפירט ווי אַ פאַרברעכער: געציטערט און באַהאַלטן זיך. עס זענען נאָך פאַראַן אַנדערע מענטשן, וואָס זענען אומשולדיק אַריינגעשליידערט געוואָרן אין תפיסה, למשל, יוזשין דעבס; אָבער דער איז ווי אַ קעמפער און הייליקער ווידער אַרויסגעקומען. פאַר אָ. הענרי אָבער איז דאָס סאָציאַלע סיסטעם געווען עפּעס אייביקס, מיט דערזעלבער באַדייטונג, וואָס דער שיקזאַל.

ער איז אָפטמאָל פאַרגליכן געוואָרן מיט מאָפּאַסאַן, פון וואָס ער האָט זיך תמיד געפילט געקרענקט, ווארים ער האָט געטענהט, אַז ער האָט נאָך אין זיין לעבן נישט אָנגעשריבן קיין איין שמוציקע שורה. אין דעם קאָנט איר זען די באַגרענעצט-קייט פון זיין פאַרשטענדעניש: פאַר אים איז דאָס געשלעכט-לעכע פאַר זיך אַליין אוממאָראַליש. פאַרביטערטע אָפנקייט שאַקירט אים, ער איז פון אַ סענטימענטאַלער דרומדיקער צוריק-געהאַלטנקייט. פונדעסטוועגן איז ער אין גרונט נאָענט צו מאָ-פּאַסאַן: פאַר ביידע שריפטשטעלער ווערט גאָט, אַלס באַהערשער פון אוניווערסום, באַלוינט דורך דער קלאַסנגיריקייט. דער פראַנצויז שפּעט און האַסט, דער אַמעריקאַנער לאַכט און וויינט, ביידע אָבער געפינען דעם ציל פון זייערע נאָוועלן אין די אומ-וואַרשיינלעכע און לעכערלעכע ליידן, וואָס דאָס קינסטלעכע ווירטשאַפטלעכע שיקזאַל לייגט אַרויף אויף זיינע אָרעמע אומ-פּילנדע קרבנות.

וואָס שטעקט אונטער דעם פּאַטאָס און דער טראַגעדיע

בײַ א. הענרי ז תּמיד און אומעטום דאָסזעלבע: דאָס גרויס-געשעפט-סיסטעם פון אַמעריקע. דאָ זעען מיר אַ קלענערין אין אַ רעסטאָראַן מיט ווײַסע פּאָרצעלײַענע װענט און מיט גלאָז-פּלאַטן באַדעקטע טישן און צווישן אַלעמען אַן אומאויפהערלעך געקלינגערײַ פון די כּלים. אמת טאַקע, אַז ס'איז שווער פּאַר אַ מיידל צו טראָגן אַ גאַנצן טאָג שטויסן טעלער און צו בלײַבן צניעותדיק בײַ איר הונגער-לוין. און איצט פאַרמאַכט אַ. הענריס בוך און בלעטערט אין אַדרעס-בוך פון די קערפּערשאַפטן: איר וועט זען, אַז אַלע רעסטאָראַנען זענען אָפּגעקויפט געוואָרן דורך דער שטאַנדאַרט-אײל-געזעלשאַפט. אַמעריקעס דיווידענדן-גיריקער טרעסט האָט פאַרטאָפּלט דעם פּרײַז פון נאַרונגס-מיטל; די לוי-נען זענען אָבער נישט נאָכגעקומען דערדאָזיקער שטײַגערונג.

אָדער קוקט אײַך צו צו דזשעמס טאָרנער, וועלכער שטייט אַ גאַנצן טאָג אויף די קראַנקע פיס, פּרעסט היטן; ער זוכט אַ גײַסטיקן אָפּרו בײַ די ים-ראָמאַנען פון קלערק ראַסעל. מיט אַזאַ שטײַגער בוך איז ער אַפילו אין תּפיסה גליקלעך און ער לאַכט אויס יענע אַלע, וואָס ווילן אים אויפקלערן.

די טונקעלע אומבאַקאַנטע מאַסע פון ניו-יאָרק, די קעל-נערינס, היטן-פּרעסערס, שאָפער און פּאָליצײַ, — אָ. הענריס פיר מיליאָן, — האָבן אים אויסגעווײַלט פאַר זייער ליבלינגס-שריפט-שטעלער, ווײַל ער האָט געקאָנט זייער לעבן און אין זײַן לאַכן האָבן זיי געפילט ליבע. און עס איז באמת אָנגענעם אין אונזער זאָרג צו געפינען אַ מיטפילנדיק האַרץ; נאָך מער וויכטיקער איז צו געפינען אַ דענקנדיקן קאָפּ, וואָס זאָל האָבן דערקענט די סיבות פון אונזערע זאָרגן און לײַדן און אונז צוגעהאָלפן זיי צו באַקעמפן. דידאָזיקע הילף דאַרפן די פיר מיליאָן אָן ספק פון אָ. הענרי נישט דערוואַרטן.

42

דער פֿולבלוטיקער מענטש

דזשעק לאָנדאָן איז דער ערשטער שריפֿטשטעלער פֿון מאָדערנעם אַמעריקע, וועלכער איז געבוירן פֿון אַרבעטער־קלאַס און וועלכער האָט פֿאַרבינדן זײַן ליטעראַרישן גורל מיט זײַן קלאַסן־באַוווסטזײַן. ער איז דער קעניג פֿון אונזערע דערציילער, דער העלסטער שטערן, וואָס האָט ווען ס׳איז באַלויכטן אונזער האָריזאָנט. ער האָט אונדז געבראַכט דעם שענסטן אוצר פֿון גאונות און אינטעליגענץ, און עס טוט וויי, ווען מען גיט אַ טראַכט, וואָס אַמעריקע האָט אים פֿאַרשאַפֿן.

דזשעק לאָנדאָן איז געבוירן געוואָרן אין סאַן פֿראַנציסקאָ אין יאָר 1876, בכן איז ער עלטער פֿון מיר מיט צוויי יאָר. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן טוישן מיט אונזערע ערשטע ביכער און באַלד האָט זיך אײַנגעשטעלט צווישן אונדז אַ חלוקי דעות, וואָס האָט זיך אַזוי געהאַלטן ביזן סוף פֿון זײַן לעבן. אין זײַן לעצטן בריוו צו מיר, האָט ער מיך אײַנגעלאַדן צו זיך אין דער וווינונג כּדי מינדלעך פֿאָרטצוזעצן דעם שטרייט. איך האָב אים צוגעזאָגט צו קומען, ווי נאָר מײַן אָנגעהויבענע אַרבעט וועט זײַן פֿאַרענדיקט. נישט לאַנג נאָכדעם דאָב איך באַקומען די ידיעה, אַז ער איז טויט.

אין אונזער דעבאַטע האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן דער שוין אַסאַך מאָל אַרויסגערוקטער פֿראַגע: זעלבסט - דיסציפּלין אָדער פּערזענלעכער נאָכגיביקייט? אָדער ווי דזשעק וואָלט געזאָגט, אַסקעטיזם אָדער אויסלעבן זיך? אויף וואָס פֿאַרא אופֿן קאָן דער מענש אַממערסטן געניסן פֿון לעבן? צי ווען ער גלויבט אין זײַן אייגענער נאַטור, לאָזט זי פֿולקאָם פֿריי, לעבט אינטענסיוו און בחפֿזונדיק; אָדער, להיפּוך, ווען ער טרויט נישט אָן זײַן אייגענער נאַטור, לאָזט זיך אַראָפּ ביז מורא און פֿאָרזיכטיקייט, באַצוווגט די אינסטינקטן מיט אַ כּלל און איזאָלירט

זיך אַזוי אַרום פֿון פֿריילעכע חבֿרה און שטעלט זיך אויס אויף זייער שפּאַט?

איך זע אים נאָך איצט, פּונקט ווי איך האָב אים געזען בעת אונזער ערשטער באַגעגעניש אין ניו-יאָרק אין יאָר 1904 אָדער 1905. צו יענער צייט איז ער געווען אין פֿולן גלאַנץ פֿון זיין באַרימטקייט, וועלכן ער האָט נאָר-וואָס געהאַט דעראָבערט, און מיר, יונגע סאָציאַליסטן, האָבן פֿאַר אים איינגעאָרדנט אַ גרויסן מיטינג אין גרויסן צענטראַל פּאַלאַץ. אונזער העלד איז אָנגעקומען פֿון פֿלאָרידע מיט אַ פֿאַרשפּעטיקונג. ווען דאָס האַרץ האָט געצאַפּלט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, אַז מיר וועלן אים שוין נישט זען, איז ער פּלוצלינג אָנגעקומען; שטראַלנדיק, פֿול מיט לעבן, נישט געקוקט אויף זיין אַנגינע-אַנפֿאַל, איז ער, אונטער די פֿלאַטערנדיקע רויטע טאַשנטיכלעך, אַרויף אויף דער רעדנער-טריבונע און אָנגעהויבן לייענען פֿאַר דער שטאָט ניו-יאָרק זיין עסיי „רעוואָלוציע". ס'איז קלאָר, אַז דער עסיי האָט ביי דער שטאָט ניו-יאָרק נישט אויסגענומען; מיר אָבער איז ער געפֿעלן געוואָרן אַזוי ווייט, אַז איך בין גרייט געווען אַרויסצווייזן פֿאַר אים באַוווּנדערונג פֿון אַ שקלאַף. אויף מאָרגן האָבן מיר פֿאַרבראַכט צוזאַמען, שמועסנדיק איבער פֿראַגן, וועלכע האָבן אונדז ביידע גוט געעגבערט. דעם גאַנצן טאָג דאַן האָט דזשעק לאָנדאָן געראַכערט פּאַפּיראָסן און געטרונקען — איך געדענק נישט, וואָס דאָס איז געווען, ווייל די אַלע מינים ליקערן, רויטע, ברוינע, געלע און גאָלדענע זענען פֿאַר מיר אַלצאיינס עקלהאַפֿט און ווי נאָר איך דערזע זיי, פֿאַרליר איך די שליטה איבער מיינע געזיכטס-מוסקולן. דזשעק האָט דאָס תּיכּף באַמערקט; ער איז געווען אַ פֿאַרשוין מיט רויט בלוט אין די אָדערן און איך אַ נאַסע הון, און ער האָט געוואָלט זיך פֿאַרווײַלן מיט מיר, מיט זיין שטימונג פֿון אַ פּיראַט און פֿון אַ פּאָרט-טרעגער, געשיכטעס וועגן אומגלויביקער אויסגעלאַסנקייט, וועגן אָפּיום און האַשיש אָדער אַזעלכע אַנדערע מטעמים. משונהדיקע געשיכטעס וועגן אָרגיעס פֿון וו״סקי אין פֿאַרלויף פֿון וואָכן! איך דערמאָן זיך אַ בילד פֿון צוויי יונגע מאַטראָסן אויפֿן ים אויף אַ קליין שיפֿל.

זיי האָבן זיך פיינט געהאַט תכלית שינאה און נישט געקענט אַנטלויפן איינער פון צווייטן, און ווען זיי זענען אָנגעקומען אויף דער יבשה, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן שלאָגן, אויסבאַהאַלטנדיק זיך אונטער די זאַמד-בערג. זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז זיי האָבן נישט געקענט מער אַרומגיין, קוים זיך דערשלעפּט אין שטאָט אַריין, כּדי מיטן טרונק פאַרהיילן זייערע ווונדן.

און עס זענען אַוועק זעקס אָדער אַכט יאָר, איידער מיר האָבן זיך ווידער געזען. דאַן איז שוין אונזער שמועס געווען ערנ־סטער, וואָרים דזשעק האָט שוין געהאַט געלייענט מיין ראָמאַן „די ליבע פּילגער-רייזע" און ער איז געווען פאַרצווייפלט פון דער, ווי אים האָט זיך געדאַכט, נאָך ווייניקער פאַרציילעכער פאָרם פון אַסקעטיזם, פון סעקסועלן. ער האָט געהאַלטן מיין אָרעמען העלד פאַר אַן אָפּשיילעכן פאַרשוין, וואָס מיט זיינע נזירותדיקע אידעען דערפירט ער זיין פרוי צו יאוש. איך בין נישט אינגאַנצן זיכער וועגן אופן אויף וועלכן איך האָב פאַר־טיידיקט מיין אָרעמען העלד טירסיס; איך בין נישט זיכער צי איך אַליין האָב אין יענער צייט קלאָר אויפגעפאַסט דעם גע־שלעכטלעכן אידעאַליזם, וועלכער קומט צום אויסדרוק אין דעם ראָמאַן.

דער וויכוח צווישן דזשעקן און מיר איז באַשווערט געוואָרן צוליב דעם, וואָס זיין שטימע איז פולקאָם איבערגעבראָכן גע־וואָרן. ער האָט געפּרוווט זיך קורירן מיט אַלקאָהאָל, מיט אַ פלעשל דזשין, מיט אַ גוזמא פּאַפּיראָסן. און מחמת ער גופא האָט דרייסט און אויפריכטיק דערציילט וועגן זיינע רייזעס אי־בערן קעניגרייך פון אַלקאָהאָל, וועל איך זיך שעמען צו רעדן וועגן אָט דער זייט פון זיין לעבן.

אַזוי האָבן מיר זיך ביידע צעשיידט, ער מער ווי אַלע מאָל פעסט אין זיין מיינונג, אַז איך בין אַ האָפנונגסלאָזע נאַסע הון.

דזשעק לאָנדאָן איז אָבער געווען אַ מענטש מיט אַ וווּנ־דערבאַרן אינטעלעקט און מיט אַ ווילן פון אַ ריז. ער האָט אונ־טערגענומען מוראדיקע קאַמפן מיט זיין אייגענעם באַוווּסטזיין,

בעת זיינס א רייזע איבער קאפ-הארן, וועלכע האט געדויערט איינציקע חדשים, האט ער גענומען אויף זיך קיין איין מאל נישט צו טרינקען. דאמאלס האט ער אנגעשריבן „דזשאן בארלעיקארן", איינס פון די וויילנדסטע און ווערטפולסטע ביכער, וואס ס'איז ווען אמאל דערשינען.

מיר האבן זיך גוהג געווען צו שיקן איינער דעם אנדערן אונזערע נייע ביכער און אויסטוישן זיך איבער זיי מיט אונזערע מיינונגען. אז איך האב איבערגעלייענט „דזשאן בארלעיקארן", האב איך אים געשריבן, אז דאס בוך האט פאר מיר אויפגעדעקט א נייעם צוגאנג צו דער פראגע פון טרינקען: די אומרעכט, וואס עס ווערט באגאנגען לגבי די נישט-טרינקער דערמיט, וואס זיי קענען נישט נעמען קיין אנטייל אין די הייטערע געשפרעכן פון זייערע חברים. דאס געמיינזאמע טרינקען גיט דעם פארקער פון די מענטשן איינער צום אנדערן א גאנץ באזונדערע האלטונג. וואס שייך מיר, למשל, האב איך געפילט, אז מיין פריינטשאפט מיט דזשעק לאנדאן איז געווען באגרענעצט צוליב אט דעמדאזיקן אונטערשיד.

אין זיין תשובה צו מיר האט ער געשריבן, אז איך בין זיך טועה; דער עיקר איז ער נישט מסכים געווען צו מיין שטעלונג צו דער געשלעכטס-פראגע. מיר האבן וועגן דעם ענין געשריבן נאך איינציקע בריוו און אזויארום גייסטיק זיך צוגעגרייט צום דועל, וועלכער ווען שוין קיינמאל נישט פארקומען. דערביי וויל איך נאך דערמאנען, אז דזשעק לאנדאן האט עטלעכע טעג פאר זיין טויט געשטימט פאר א „טרוקענער" קאליפארניע, ער האט דערקלערט, אז נישט געקוקט אויף דעם, וואס ער האט פארגעניגן פון טרינקען, וויל ער זיך פונדעסטוועגן אפזאגן פונם דאזיקן פארגעניגן לטובת דעם יונגן דור און מער קאן שוין אפילו א נזיר אדוק אויך נישט פארלאנגען פון א מענטשן.

וואס שייך די געשלעכט-פראגע — דעם פרוביר-שטיין פון דער פילאזאפיע פון א מענטשן — האט ער נאך צו פערציק יאר געהאט דעמזעלביקן גלויבן אין דער פרוי און דער פרייד און באפרידיקונג, וואס אן אמתע ליבע קאן געבן. ווי ווייט די

פילאָזאָפיע פון אויסדרוק פון אייגענעם „איך” האָט דזשעק לאָנדאָנען דערפירט, איז באַוווסט יעדן איינעם, ווער ס'האָט אים געהערט רעדן וועגן בוך, וואָס ער האָט געהאַט בדעה אָנצושרייבן, אויסדערציילנדיק אין אים די גאַנצע געשיכטע פון זיין דערפאַרונג מיט פרויען. ער האָט געהאַט בדעה צו שרייבן דעם בוך מיט דערזעלביקער אומ-ברחמנותדיקייט, וואָס „דזשאָן באַלעיקאָרן”, אַרויסווייזנדיק זיין טראַגישע אַנטוישונג און זיין פאַראַכטונג צו דער פרוי, וויוויים זי איז פאַראַזיט, פוסט באַשעפעניש און מאָראַליש געפאַלן. די דערפאָלגן און די דעראָבערונגען זיינע זענען געווען צאָלרייך און צו גרינג, דאַכט זיך; ווי דער רוב קעמפער, פלעגט ער פאַראַכטן אַ מינדערווערטיקן קעגנער. די פרויען, וועלכע האָבן זיך אים געוואָרפן אויפן האַלז, האָבן געשטאַמט פון אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. זיי האָבן זיך געצויגן צו אים, ווי די שמעטערלינגען צום פייער. נאָר ס'איז קלאָר, אַז דאָס, וואָס צווישן אַלע האָבן זיך געפינען אַזוי ווייניק, וועלכע ער האָט געקענט שעצן, איז שולדיק זיין פילאָזאָפיע.

עס איז בכלל נישט אָנגענעם צו רעדן אָפן וועגן אַזוינע ענינים, נאָר אין פאַל דזשעק לאָנדאָן וואָלט געווען זינלאָז זיך אָפּצוהיטן, ווייל ער אַליין האָט זיך פריי אויסגעדריקט און ער וואָלט געשריבן אויפן זעלביקן אופן. זיין שטעלונג איז געווען אַ רוף צו פרייקייט ביז ברוטאַליטעט. דאָס בוך, וואָס ער האָט בדעה געהאַט אָנצושרייבן, האָט באַדאַרפט פאַרעפנטלעכט ווערן אונטערן נאָמען „דזשעק ליווערפּול”. איינער פון זיינע בעסטע פריינט האָט פאַר מיר דערציילט, אַז ער איז גליקלעך, וואָס דזשעק האָט דאָסדאָזיקע נישט באַוויזן אָנצושרייבן.

וואָס שייך מיר, וואָס איך גלויב, אַז די גאולה פון דער מענטשהייט הענגט אָפּ פון דער אויפריכטיקייט, וועלכע דעמאַס-קירט די פאַלשקייט פון אונזער קלאַסנמאָראַל — די אינסטיטוציע, וועלכע הייסט ביי מיר: „חתונה פּלוס פּראָסטיטוציע” — קען איך באַדויערן, וואָס דאָסדאָזיקע ווערק איז נישט אָנגעשריבן געוואָרן. וואָס פאַר אַ דערוואַכונג וואָלט זי גורם געווען ביי די מוטערס פון אונזערע אַזויגערופענע „געשעצטע קלאַסן”, ווען

דזשעק לאָנדאָן וואָלט פאַרעפנטלעכט די אמתע געשיכטע פון זיין דערפאַרונג מיט זייערע טעכטער! אַלס שילער אין אָאַק-לאַנד, למשל, מיט די יונגע באַלעבאַטישע טעכטער פון שטאָט! ער און זיינע חברים, קינדער פון אַרבעטער און אומפאַרמעגלעכע, אויפהויבנדיק זייערע נייגעריקע אויגן צו דער אימפּאָזאַנטער „אויבערוועלט", האָבן געמאַכט משונהדיקע אַנטדעקונגען מיט די גלענצנדע ליבהאָבערינס פון לוקסוס, וועלכע האָבן זיך נישט געקווענקלט צו קומען אויף די געהיימע ערטלעך צווישן די ווערבעס פון טייך מערעדיט און דאָרטן זיך פאַרוואַנדלט אין נימפן פאַר די שיינע און געזונטע פאַונען, וועלכע האָבן אָפּגע-שטאַמט פון די נידריקסטע שיכטן.

און אַז מען קען דידאָזיקע געשיכטע, פאַרשטייט מען שוין גוט דעם געוואַלדיקן זין, וואָס דזשעק לאָנדאָן האָט אַריינגעלייגט אין זיין עסיי „דער זין, וואָס ס'האָט פאַר מיר דאָס לעבן", דערציילנדיק, ווי ביטער עס איז אים געוואָרן דאָס לעבן, זינט ער, דער פּיראַט, דער פאַרט-טרעגער, איז אַרויפגעטראָטן אויף דעם גלאַנצנדיקן פאַרקעט פון דער געזעלשאַפט:

„דאָ, וווּ זיי זענען נישט געווען די צאַפּלדיקע אויס-געלאַסנקייט, באַגייסטערט פון אַן אומריין לעבן, זענען זיי ממש נישט געווען מער ווי באַהאַלטענע מתים... די פרויען האָבן געטראָגן שיינע קליידער, אמת טאַקע: אָבער צו מיין גרויס איבעראַשונג, האָב איך אַנטדעקט, אַז זיי זענען פונם זעלביקן ליים, וואָס די איבריקע פרויען, וועלכע איך האָב געקענט אונטן אין די קעלערס... אמת, דידאָזיקע וואונדערבאַרע געקליידעטע שיינע פרויען האָבן געפּלאַפּלט וועגן צאַרטע אידעאַלן און וועגן באַצויבערנדי-קער צניעות, אָבער דאָס דאָמינירנדע אין זייער לעבן איז געווען מאַטעריאַליסטיש. און זיי זענען געווען אַזוי סענ-טימענטאַל-עגאָאיסטיש! זיי האָבן טאַקע מיטגעהאָלפן ביי יעדן קליינעם צדקה-פושקעלע און זיי האָבן שוין גע-זאָרגט דערפאַר, אַז מען זאָל רעדן וועגן דעם, אָבער אין דערזעלביקער צייט האָבן זיי געפרעסן און אָנגעטון זיך

הערלעכע קליידער פאַר די דיווידענדן פונם בלוט פון קינדער-אַרבעט, שוויס און פּראָסטיטוציע".

דזשעק לאָנדאָן האָט געטרוימט פון אַן אַנדער מין ליבע. אַ טרוים וועגן אַ שטאַרקער, פרייער און שטאָלצער פרוי, די פריינדין פון אַ שטאַרקן, פרייען און שטאָלצן מאַן. אָט דער טרוים האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דעם דריטן ראָמאַן „אַ טאָכטער פון שניי". דאָסדאָזיקע בוך, וואָס איז דערשינען אין צווייטן יאָר פון לויפנדיקן יאָרהונדערט איז געווען פרימיטיוו און נאַיוו, נאָר עס האָט שוין פּאַרויסגעזאָגט זיין קינפטיקע גרויסקייט. ער איז גורם, אַז איך זאָל שרייבן צו אים מיין ערשטן בריוו און דעם אָנהויב פון אונזער פריינטשאַפט. שפּע-טער האָט ער נאָך מערערע מאָל באַהאַנדלט דעם טרוים פון פולקאָמענער ליבע און פריינטשאַפט, אַפילו נאָך דעמאָלט, ווען ער האָט שוין פונלאַנג געהאַט פאַרלוירן דעם גלויבן אין אים.

אָט דער מוז צו שרייבן וועגן דער געשלעכט-פראַגע אויף אַ זייער נישט אויפריכטיקן אופן, איז, משמעות, געווען די הויפּט-סיבה פון זיין פאַראַכטונג צו זיינע אייגענע ראָמאַנען, וואָס לאָנדאָן איז געווען אַזוי אייפערדיק גריים עס אַרויסצוווייזן. דידאָזיקע פאַראַכטונג איז געווען דאָס אַממערסטן איבעררא‌שנדע אין אים פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר געשאַצט זיינע ווערק און וואָס לאָנדאָן האָט אַזוי אויסגעדריקט:

„איך האָב פיינט מיין אַרבעט, ווען איך פאַרענדיק זי. איך שרייב דערפאַר, ווייל איך דאַרף געלט און דאָס איז פאַר מיר די גרינגסטע פרנסה. ווען איך וואָלט זיך געקאָנט אויס-קלויבן, וואָלט איך זיך נישט צוגערירט צו קיין טינט און פעדער, סיידן אויף אָנשרייבן אַ סאָציאַליסטישן עסיי, אָדער צו זאָגן דער בורזשואַזער וועלט ווי־ווייט איך האָס זי."

איך האָב מיט אים איינגעטענהט, אַז ער האָט באַדאַרפט האָבן פאַרגעניגן, בעתן שרייבן זיינע בעסטע דערציילונגען, ווי „דער ים-וואָלף" און „שטים פון בלוט", ער האָט עס אָבער נישט געוואָלט מודה זיין. ער איז געווען אַ מענטש פון טאַט, ליב געהאַט צו שווימען מיט אַ זעגל, אָרגאַניזירן, קעמפן פאַרן סאָציאַליזם

זיין אמתע שטעלונג צו דער פרוי האָט זיך אויסגעדריקט אין „מאַרטין עדען", זיין אַממייִנסט אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן, אין וועלכן דער העלד טראָגט אַרויס זיין אַנטשיידענעם אויספיר איבערן לעבן, אַרויסוואַרפנדיק זיך ביינאַכט פון פענסטער פון אַן אָקעאַנישער שיף.

דער העלד פון דעמדאָזיקן ראָמאַן איז אַ יונגער אַרבעטער, וועלכער פירט אַ האַרבן קאַמף, כדי זיך אַרויסצורייסן פון זיין אָרעמקייט; אָבער דאָס יונגע מיידל פון דער קולטורעלער וועלט, וועלכע ער אידעאַליזירט און פאַרגעטערט, ווייזט אַרויס איר פּחדנות און נאַרט אים בעת זיין נויט. דאָס איז אַן אומדעכט, וואָס אַ פרוי באַגייט לגבי אַ מאַן, וועלכן זי פאַרשטייט נישט, עס געשעט אָבער אַנדערש: ווען די פרוי פאַרשטייט גוט זיינע שוואַכקייטן. דזשעקס פרייַנט האָבן מיר דערציילט, ווי ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים פון קלאָנדיק, פול נאָך מיטן טרוים צו דער פרימיטיווער פרוי, וואָס איז די אמתע פריינדין פונם שטאַרקן מאַן. אַ קלוג, יונג מיידל האָט דערשפירט די מעגלעכקייט, וואָס זי האָט און זי האָט אָנגעהויבן שפילן די ראָלע פון אַ „פרימיטיווע" פרוי דערמיט, וואָס זי איז געשפרונגען איבער טישן און שטולן און אַזויאַרום אַרויסגעוויזן איר ברויזנדן כּוח און ענערגיע. אַז זי האָט שוין געהאַט דערגרייכט איר ציל, האָט זי אויפגעהערט שפרינגען און איז געוואָרן געזעצט. דער סוף איז געווען, אַז זיי זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

„מאַרטין עדען" איז אָן ספק איינס פון די גרעסטע ווערק פון דזשעק לאָנדאָן. ער האָט אין בוך אַריינגעלייגט זיין אמתע נשמה, און דער פאַקט, וואָס גראָד דאָס ווערק האָט מען אַזוי ווייניק געלייענט, האָט פאַר אים געהאַט אַ באַזונדערס פאַראומערגדיקע באַדייטונג; ער האָט דערפון געלערנט, אַז אַן אַמעריקאַנער שרייבער וויל פאַרדינען אויף לעבן מיט דער פעדער — בפרט אויף אַ ברייט לעבן — באַדאַרף ער אויסמיידן צו באַהאַנדלען די געשלעכט-טעמע אויף אַן אמתדיקן אופן. אָדער ער דאַרף שרייבן, אומדערמידלעך איבערחזרנדיק דעם טרוים פון אַ פרימיטיוו און פולקאָם קינד, וואָס איז קוים וואַרשיינלעך און

קנאָפּ איבערצייגנד פאַר די, וועלכע זענען נישט פּרימיטיוו און באַנוצן אַ גוף און אינטעליגענץ אַלס „נדן״; אָדער, אויב ער באַהאַנדלט דאָס מאָדערנע לעבן, באַדאַרף ער געגנוי אָרויסשרייבן די פּאַרניכטונגס-ליידנשאַפטן פון די רייכע — אַזאַ מין פּאַרפּומירטער סם, וואָס מאַכט אַלץ חרוב ביים היינטיקן טאָג. דער אָנהויב פון דער דאָזיקער טענדענץ באַמערקט זיך שוין אין בוך „די קליינע מאַדאַם פונם גרויסן הויז.״ פאַר מיר איז דאָס בוך דער אומגליקלעכסטער אָנזאָג אין לאָנדאָנס לעבן. עס איז ממש אוממעגלעך פאַר אַ מענטשן אַרויסצוציען פון דעם הירסט-מאַגאַזין זעקס און דרייסיק טויזנט דאָלאַר אַ יאָר און די נשמה זאָל אים נאָך בלייבן גאַנץ.

פּול מיט טרויער בין איך שוין גרייט געווען צו זאָגן, אַז אַמעריקע האָט צעבראָכן דזשעק לאָנדאָן, ווי זי האָט צעבראָכן מאַרק טווען. אָבער דאָן איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיר באַוויזן, אַז כ׳האָב צו פרי פאַרלוירן די האָפנונג. דזשעקס גייסט האָט געאַרבעט אָן אויפהער און אים געשטויסן מיט אַ געוואַלדיקן כח. די ליבע צום אמת איז געווען ביי אים אַ ליידנשאַפט און די שנאה צו אומגערעכטיקייט האָט געפלאַמט אין אים ווי ווולקאַן-פייערן. ער איז געווען אַ טיף-פאַרטרוימטער, וואָס האָט שרעקלעך און פאַרביטערט געליטן. קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרויסזען, וואָסער ליד ער איז געווען ביכולת אויסצושמידן אין פייער פון זיין גאונות. אויב איך שרייב דאָ אַזוי שטרענג וועגן אים, איז עס דערפאַר, ווייל איך גלויב אין דעם אומברחמנותדיקן אמת, וועלכן ער אַליין האָט געפּריידיקט. איך וואָלט אָבער ביי קיינעם נישט געוואָלט שאַפן די מיינונג, אַז איך דערשאַץ נישט זיין גרויסקייט אַלס שריפטשטעלער און מענטש.

אַסאַך צווישן מיינע און זיינע חברים האָבן זיך אין אים מיאש געווען. ער איז געפאָרן אויף די „האַוואַנער אינזלען״ און געוואָרן דער ליבלינג פון דער „פאַרנעמער געזעלשאַפט״. ער האָט זיך אפילו אַראָפּגעלאָזט, געבנדיק זיין הסכמה צו זייערע פיינע „צדקה-פּושקעלעך״ לטובת די ראַסעס, וואָס זענען דורך

זיי מוראדיק עקספּלואַטירט געוואָרן. דאַן איז ער אַוועקגעפאָרן קיין מעקסיקע, ווו ער איז באַצויבערט געוואָרן פון דער פליגקייט פון די נאַפט-אינזשעניערן און האָט אָנגעשריבן אַ ריי אַרטיקלען, וועלכע האָבן אַרויסגערופן גרויסן צאָרן צווישן אונז רעוואָלוציאָנערן. דזשעק לאָנדאָן איז פאַרבליבן אַ קינד ביזן סוף פון זיין לעבן. ער האָט זיך תמיד געגוויטיקט אין נייע אַנטדעקונגען און אין נייעם ענטוזיאַזם. איינמאָל האָט אַ ים-אָפיציר אים געפירט אין אַ קריגס-שיף, ער האָט איינגעפונען, אַז דאָס איז אַ וווּנדערבאַרע און איינדרוקספולע מאַשין. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָבן זיך געשטעלט פאַר זיינע אויגן די רחמנותדיקע בלייכע פנימער פון די קעסל-הייצער, פאַר וועלכע מ׳האָט אים נישט פאָרגעשטעלט, ווייל ער איז געווען אַ גאַסט פון אָפיציר.

יאָ, ער אַליין האָט אַמאָל געאַרבעט אַלס קעסל-הייצער, און דאָס, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט, האָט זיך איינגעקריצט ביי אים טיף אין דער נשמה. טיילמאָל האָט ער זיך געקאָנט באַזעצן אין אַ דאָרף, ווי אַן אַדעלמאַן און ווערן אויסגעבראַכט איבער דער טפשות און אומפעיקייט פון די אַרבעטער. און ווען איר טוט אים דעמאָלט אַ פרעג: און „דער קלאַסן-קאַמף?" דאַן וואָלט ער תיכף אַרויסגעוויזן זיין גייסט: „יאָ, זיכער, איך ווייס, וואָס זיי פילן; איך אויף זייער אָרט וואָלט נישט געווען בעסער" ס׳איז פיינלעך צו פאַרמאָגן אַ רייכע פאַנטאַזיע און זען דאָס לעבן איינזייטיק פון פאַרשידענע זייטן.

דזשעק האָט אַ געטלעך רחמנות׳דיק האַרץ, ער האָט געוויינט איבער די לאָנדאָנער קוואַרטאַלן פון „איסט ענד", ווי ישו איבער ירושלים. אַסאַך יאָרן האָט ער זיך נישט באַפרייט פון דעם איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אויף אים די דאָזיקע פאַרפינסטערטע און דערשלאָגענע באַפעלקערונג. די בילדער, וועלכע ער האָט פון דאָרטן געשילדערט, וועלן די קינפטיקע דורות לייענען מיט אימה און נישט וועלן גלויבן. זיי וועלן אָנערקענט ווערן פאַר די שטאַרקסטע שאַפונגען, וועלכע זענען אַרויס פון זיין פעדער. אָט די דאָזיקע צוזאַמען מיט זיינע סאָציאַליסטישע

עסייען—לעבעדיקע און שטאַרק אַדורכגעפילטע—מאַכן אים פאַר איינע פון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערע פיגורן פון אונזער געשיכטע. איך ווייס, אַז אַ פונק פון אָט דעם הייליקן פייער האָט נאָך אין אים געברענט ביזן סוף, ווייל עפעט מער פון אַ יאָר פאַר זיין טויט האָב איך עס דערוויזן מיטן פיר-בענדיקן מאַנוסקריפט פון מיין אַנטאָלאָגיע: „דער געשריי נאָך גערעכטיקייט". די הקדמה, וועלכע ער האָט צו איר צוגעגעבן, איז איינס פון די שענסטע זאַכן, וועלכע ער האָט ווען ס'איז אָנגעשריבן און פון איר וועט מען קענען שעפן, בכדי אויסצוקריצן אויף זיין מאָנומענט:

דאָס מיטל איז דאָך אַזאַ פשוטס: קעגנזייטיק זיך מקריב צו זיין! מען פאַרלאַנגט קיין שום שלעכטן געדאַנק, קיין שום נידערטרעכטיקן טאַט — סיי פון מאַן סיי פון דער פרוי—, כדי צו שאַפן אַ יושרדיקע וועלט. מען פאַרלאַנגט נאָר: איידל טראַכטן, איידעלע טאַטן, קעגנזייטיק מקריב זיין זיך. אָט אינדעם באַשטייט די געזונטע שלימות, אַז דער, וואָס איז זיך מקריב פאַר אַלעמען, איז זיך מקריב פאַר זיך אַליין".

אָט וואָס דאָס לעבן האָט אים סוף-כל-סוף געלערנט. ס'איז אים אָבער שווער אָנגעקומען אַזוי צו לעבן, ווייל ער האָט פאַרמאָגט אַ באַפעלערישע, ווילד אין אירע פאָדערונגען און אומגעצוימטע נאַטור. דער קאַמף צווישן אינדיווידואַליזם און סאָציאַליזם האָט אין אים נישט אויפגעהערט די גאַנצע צייט. אויף דעם מיר געשענקטן עקזעמפלאַר פון „מאַרטין עדען" האָט ער אָנגעשריבן: „אין דעמדאַזיקן בוך האָב איך געוואָלט אָנגרייפן דעם אינדיווידואַליזם (אין דער פערזאָן פון העלד). אַפנים, אַז כ'האָב דאָס שלעכט געמאַכט, ווייל ביז היינט האָט נאָך די קריטיק אויף דעם נישט אָנגעוויזן." אַז כ'האָב איבערגעלייענט דאָס בוך, האָב איך אים געענטפערט, אַז ס'איז לייכט צו פאַרשטיין די פאַרבלענדקייט פון די קריטיקער. דערפאַר, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אַזויפיל סימפאַטיע פאַר דער נישט-אויסגעהאַלטנקייט פון זיין

אינדיווידואַליסטישן העלד, האָט קיינעם נישט געקאָנט איינפאַלן אָנצונעמען אים ווי אַ התראה און פאָרוורף.

דאָסזעלביקע פילט מען אין אַלע זיינע ווערק. חוץ-מזה קומט עס בולטער צום אויסדרוק אין זיין בוך „דער ים-וואָלף" און אין בוך: „דער אויפשטאַנד אין עלזינאָר". דער דעראָבערער פון דער ניטשע-וועלט האָט אויך דעראָבערט לאָנדאָנס פאָרשטעלונגס-קראַפט קעגן זיין שכל און באַוווסטזיין. אויב איך רעד דאָ מיט אַן אומגעצוימטער אָפנהאַרציקייט וועגן דער טראַגעדיע פון דזשעקס לעבן, איז עס דערפאַר, ווייל איך וויל נישט, אַז די קומענדיקע דורות זאָלן האָבן וועגן אים דעמזעלבן טעות, אויף וועלכן ער האָט זיך באַקלאָגט אין פאַל מיט מאַרטין עדען. ניין, מען דאַרף נישט זען זיין לעבן און זיין באַדייטונג אין דעררדאָ-זיקער ליכט. עס איז לחלוטין נישט די פאַרהערלעכונג פונם אויבערמענטש מיטן הייסן בלוט, וועלכער טרעט אַלץ מיט די פיס, נאָכגעבנדיק זיינע הערשערישע פאַרלאַנגען; ס'איז גיכער אַ באַווייז, אַז דער אויבערמענטש, דעראָבערנדיק די וועלט, טרעטנדיק אַלץ מיט די פיס און פאַרווירקלעכנדיק זיינע אַלע פאַרלאַנגען, האָט פאַרענדיקט מיט זעלבסטמאָרד, אויסטרינקענדיק אין עלטער פון פערציק יאָר לאַודאַנוס, ווייל דאָס פאַרגעניגן, רייכטום און רום האָט זיך פאַרוואַנדלט אויף זיינע ליפן אין אַש. לאָנדאָנס חברים שטעלן פעסט, אַז די סיבה פון זעלבסטמאָרד איז דאָס, וואָס ער האָט איינצייטיק געהערט צו צוויי פרויען. איך אָבער גלויב נישט, אַז אַן אינטעלעקטועלער מענטש אין רייפן עלטער זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד צוליב אַן ענלעכע סיבה, סיידן די יאָרן פון אָפּגעלאָזנקייט האָבן אונטערגעגראָבן זיין מאָראַלישע ענערגיע.

דער סוף פון מאַרטין עדען האָט לאָנדאָנען פאַרפאָלגט זיין גאַנץ לעבן, און לסוף האָט ער אים אַליין פאַרווירקלעכט. וואָס פאַר אַ שאָד, וואָס פאַראַ פאַטאַלער פאַרלוסט פאַר אונזער ליטעראַטור, וואָס דאָס קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקע מיט איר פילאָזאָפיע פון עגאָאיזם און אינדיווידואַליסטישער גיריקייט האָט אָוועקגערויבט די נשמה פון דעם מענטשן מיט אַלע זיינע דערהויבענע און נישט דערשאָצטע פעיקייטן.

ער איז צוזאַמען מיט אונז קלאָר געווען אַדורכגעדרינגען מיט דער שטימונג צו אַ צוקונפט פון סאָציאַלן יושר און אייניקייט,—וויוויית קלאָר, זאָגן שוין זיינע אייגענע ווערטער, וואָס ער האָט געשריבן איבער פראַגן פון עטיק:

„דער יעניקער, וועלכער האָט מיט זיין אייגענעם שכל זיך באַהאַפטן מיט'ן עוואַנגעליום פון אַפפערוויליקייט, וועט דינען דעם אמת אַזוי לאַנג, ביז ער וועט פאַרטויבן די ליגנער און מאַכן פון זיי פריינד פון אמת; ער וועט דינען דעם גוטן אַזוי לאַנג, ביז די ברוטאַליטעט וועט אונטערגיין; ער וועט דינען דער שיינקייט, ביז אַלץ וואָס איז מיאוס וועט אָפּגעווישט ווערן; און דער וואָס איז שטאַרק, וועט דינען די שוואַכע, כדי זיי זאָלן קאָנען שטאַרק ווערן. ער וועט ווידמען זיינע כחות נישט אויף דערנידעריקן זיינע אַרומיקע—די שוואַכערע פון אים, נאָר כדי צו שאַפן פאַר זיי די מעגלעכקייט צו ווערן אַליין מענטשן, אַנשטאַט צו פאַרוואַנדלן זיך אין שקלאַפן אָדער חיות״.

דער דאָזיקער אויסצוג איז גענומען פון'ם „הייליקן בוך פון דער מענטשהייט״, ווי לאַנדאַן האָט עס אָנגערופן. אַזוינע ווערטער צוזאַמען מיט די ציטאַטן, פאַר וועמען זיי האָבן געדינט אַלס באַזיס, מאַכן טייער זייער אָנדענק און וועלן אים אָפּהיטן, כל-זמן עס וועט נאָך עפּעס אָפּגעהיטן ווערן פון דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור.

דאָס בעסטע, וואָס איך קאָן צוגעבן צום דאָזיקן קאַפּיטל, איז אפשר דער פאַל פון מיין פערזענלעכן חוב בנוגע אים—דאָס גרעסטע, וואָס אַ שרייבער קען שולדיק זיין אַ צווייטן. דאַן ווען ער איז געווען ביים שפיץ פון זיין רום און איך אומבאַקאַנט, האָב איך אים צוגעשיקט די קאָרעקטן פון מיין בוך ״זומפּ״ מיט דער דערקלערונג, אַז כ'האָב נישט געקאָנט קריגן קיין פאַרלעגער און כ'וואָלט געוואָלט האָבן געלט, כדי דאָס בוך צו פאַרעפנטלעכן, עס פעלט נישט קיין קינאה אין דער ליטעראַרישער וועלט; צווישן די, וועלכע דערגרייכן זייערע לאָרבער-קרענץ

פאַר'ן פרייז פון פאַרביסענעם קאַמף געפינען זיך אַזוינע, וועלכע זענען לחלוטין נישט אויפגעלייגט צו שאַפן זיך קאַנקורענטן. אָבער לאַנדאַן האָט צו דידאַזיקע נישט געהערט. ער האָט מיר געשריבן אַ בריוו וועגן מיין בוך, אָנגערופן עס „דאָס הייזל פון פעטער טאָם פון לוין-שקלאַפעריי" און ער האָט געפּרוווט אָנרעגן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, זי זאָל מיך אונטערשטיצן. אויב דאָס בוך איז געלייענט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט, איז עס אַ דאַנק דזשעק לאַנדאָנען, וועלכער האָט געגעבן דעם ערשטן שטויס; און איך בין נאָר איינער צווישן פערציק שרייבער, וועלכע דערציילן דעמזעלבן פאַל פון ברייטהאַרציקער און באַלדיקער הילף.

43

די אומברחמנותדיקע נעמעזיס

בעת איך האָב געשריבן דאָסדאָזיקע בוך, האָט דער טויט געפּאַכעט מיט זיין שווערד, און צוויי באַקאַנטע שריפטשטעלער זענען אַריינגעטרעטן אין היכל פון רום.

דער ערשטער איז געווען דזשאָזעף קאָנראַד. פאַר אַ לאַנגער צייט האָט עמעצער פון לאָנדאָן צוגעשיקט מיר זיין ערשטן ראָמאַן: „אַלמערס טפשות". זינט דעמאָלט קוק איך אויס זיינע ביכער און איך האָב מיר שוין איינגעשאַפן: „דאָס האַרץ פון דער פינסטערניש", „לאָרד דזשים" און „יוגנט". איך האָב אים געלויבט פאַר אַלע מיינע באַקאַנטע. אָבער ווען קאָנראַד איז לסוף באַרימט געוואָרן, האָב איך דערפילט אַ שטילן כעס — מיר האָט ער נאָר אָנגעהערט אַזוי לאַנג, כל-זמן איך האָב נישט ווילנדיק אים איבערגעענטפערט יענע, וואָס האָבן אים נישט פאַרשטאַנען. אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק איז ער שוין געוואָרן אַסאַך שוואַכער, ווי דער שטייגער איז מיט אַסאַך אַלטע מענטשן. און איך האָב דערוואַרט אַז די קריטיקער האָבן די

שלעכטע ביכער גראָד געלויבט, וואָס עס איז געקומען זיינע ערשטע ווערק.

קאָנראַדס טויט האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן וכּוח וועגן „ראָמאַנטיזם“ פון זיינע ווערק. ער דערוועקט אַ ראָמאַנטישן איינדרוק, ווייל סיי די כאַראַקטערן און סיי דאָס אָרט פון דער האַנדלונג אין זיינע ראָמאַנען קומען אונז אויס פרעמד און ווייט. דאַקעגן פאַר קאָנראַדן זענען זיי דורכאויס נישט געווען אַזוי. ער האָט אַרומגערייזט יענע מעריב-ימען און געקענט דיזאָזיקע מענטשן; זייער טראַגישער שיקזאַל איז געווען פאַר אים פונקט אַזוי אַלטעגלעך, ווי עס איז פאַר אונז דער פאַרקער פון דער גאַסן-באַן.

אַלע קריטיקער האָבן וועגן דעם איין מיינונג, אַז קאָנראַד איז געווען דער פולקאָמסטער טיפּ פון אַ ריינעם קינסטלער, וואָס האָט אונז געשאָנקען אומשטערבלעכע ראָמאַנען אָן דעם מינדעסטן שפּור פון טענדענץ. מיר קומט דאָסדאָזיקע אויס ווי אַן אומשטערבלעכער וויץ, ווארים קיין שום קינסטלער האָט נישט אָנטשלאָסענער באַנוצט דאָס ווערקצייג פון ליטעראַטור פאַר פּראָפּאַגאַנדע צוועקן, ווי דזשאָזעף קאָנראַד. געוויס האָט ער דיראַזיקע פּראָפּאַגאַנדע געפירט מיט דער אָלימפּישער רויקייט פון אַ מענטשן, וואָס איז זיכער מיט זיין זאַך און האָט נישט קיין מורא פאַר דעבאַטן. אָבער טיילמאָל האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פּערזענלעכקייט אָדער אַ געדאַנק, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אין סתירה צו זיינע אָנשויונגען און דאַן האָט ער צוזאַמענגעצויגן די וויעס. זיינע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פייער, און דער גרויסער אָלימפּ באַווייזט זיך פאַר אונז אָנגעצינדן מיט אַ גיפטיקן צאָרן.

מאָדנע, דערדאָזיקער מייסטער פון דער ענגלישער פּראָזע שטאַמט פון פוילן און זיין קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן אַלס מאַטראָס אויף אַ פראַנצויזיש שיף אויפן מיטללענדישן ים. געבוירן אין יאָר 1875, [illegible] ער צו 21 יאָר קיין ענגלאַנד, [illegible] דער בריטישער [illegible]נדלס-מאַנ[illegible]אַפט, ווערט קאַפּיטאַן

און ווען ס'איז דערשינען זיין ערשטער ראָמאַן, איז ער שוין אַלט געווען כמעט פערציק יאָר.

אין די לאַנגע נעכט, אויף איינזאַמע שטילע ימען, שפּאַנט דערדאָזיקער מאַן הין און צוריק אויפן דעק, האַלטנדיק וואַך. ער פאַרטראַכט זיך איבערן לעבן און קומט צו אַן אויספיר, אָבער נישט צו דעם רעזולטאַט, ווי עס האָבן אים אָנגעוויזן זיינע לאַנדסלייט. דערדאָזיקער קאַפּיטאַן פון דער האַנדלס-מאַנשאַפט האָט נישט געבעטן פאַר דער יונגפרוי מאַריאַ שוץ פאַר זיין שיף און פאַר די נפשות ביי זיין ברעג, ער האָט אויך נישט דערקענט די אָפיציעלע פאָרמול פון זיין אַדאָפּטירטע היים, וואָס אין אירע קירכעס האָט די געמיינדע תפילה געטון.

אין דזשאָזעף קאָנראַדס ווערק זענען די געטער און געטינס איינגעשרומפּן, אייגעפאַלענע און פאַרווייט ווי שטויב. איבער דעם וועלטאַל טראָגט זיך אַ טונקל, רעטעניש־פול שיקזאַל. קאָנראַד גופא האָט עס פאָרמולירט אָט ווי: „אַן אומבאַרמנותדיקער נעמעזיס שטייט אויף דער וואַך". ער באַנוצט זיך מיט דעם קלאַסישן סימבאָל און ברענגט דערמיט צום אויסדרוק דעם שרעק פון פיר פאַרשידענע נאַציעס: פון די גריכן, פאַליאַקן, ענגלענדער און מאַלאַיען. דידאָזיקע „אומבאַרמנותדיקע נעמעזיס", איז די פריינדין פון די מענטשן, קעגן וועלכע זי קעמפט; אָבער כמעט תמיד זענען זיי צו איר פאַרשקלאַפטע און ווערן פאַרניכטעט, גוטע, איידעלע און פעיקע, ווי פחדנים און שוואַכלינגען.

דאָס זענען פאַקטן פון מענטשלעכע לעבנס. מחמת דעם אַנשטייט די פראַגע: וואָס זאָל דער מענטש טון? קודם־כל קומט אויס צו באַקעמפן דעם קאָסמאָס; דערפאַר האָט דערדאָזיקער גרויסער שריפטשטעלער געאַרבעט אָן אויפהער מיט רעליגיעזן אייפער צו פאַרקערפערלעכן זיין וועלט־אָנשויונג אין געשטאַלטן און עפּיזאָדן. מען דאַרף זיך נישט לאָזן אַריינפירן אין קיין טעות: זיינע חשובע און דערהויבענע קונסט־ווערק זענען טענדענץ־ראָמאַנען, געשריבן מיטן מיין צו לערנען, פּונקט ווי דאָס זענען די זונטאָג־שול־דערציילונגען, וואָס דערציילן אונז וועגן קליינע קינדער, וועלכע פאַלן אַריין אין טייך, ווייל זיי

האָבן נישט די מאַמע און גיין זונטאָג כאַפּן פיש. אַ טיפע מאָראַל ווערט נישט צופעליק אַרייַנגעפלאָכטן אין אַ קונסטווערק, פונקט ווי עס ווערט נישט צופעליק צעבראָכן אַ ווערק פון אַ מייסטער. ווען מען זעטיקט זיך אָן מיט דעם ראַפינירטן פעסימיזם פון דזשאָזעף קאָנראַד, קאָן מען האָבן דעם איינדרוק, אַז מען האָט באַזוכט אַן אַגנאָסטישע זונטאָג-שול.

אָבער די מענטשן מוזן דאָך נישט בלויז אַנערקענען, נאָר אויך האַנדלען. דערפאַר ווערט געגעבן די שול-קינדער מאָראַל-פאָרשריפטן. אַלע דאַרפן זיי זיך פאַרייניקן קעגן דער אומברחמנותדיקער נעמעזיס, וואָס וויל זיי אומברענגען. אָט דידאָזיקע לעבנס-כללים מוזן אַרייַנוואַקסן טיף אין זייער פלייש און בלוט, אַז זיי זאָלן אינסטינקטיוו זיי פאָלגן — וואָרים קיינער ווייסט נישט אויף וואָס פאַראַ אופן די נעמעזיס שלאָגט אים, צי ווי אַ שרפה אויפן ווייטן ים, צי ווי אַ שטורם, צי ווי אַ צוזאַמענשטויס, אָדער ווי אַ לאַנגזאַם כמעט אומבאַמערקבאַרער גייסטיקער און פיזישער קריפּל.

אין וועלכע פאָרשריפטן האַנדלט עס זיך? ענטפער: אין די פאָרשריפטן פון דער בריטישער האַנדלס-מאַנשאַפט. זייער הויפט-אויפגאַבע איז צו היטן די שיף, וואָס איז אַ ווערטפולע זאַך. אויפן אָרט פון אַן איינגעבילדעטן גאָט און אַ צוגעטראַכטן הימל, האָבן מיר דערפאַר אַן אומקלאָר פאָרגעשטעלטן אייגנטימער איבערן לאַנד. דערדאָזיקער אייגנטימער איז די קראַפט, וואָס דער ים-פלאָט האָט געשאַפן און האַלט זי אין גאַנג. אים קומט די טרייקייט פון דער מאַנשאַפט ווי אויך פון די אָפיצירן. אָבער ווען מיר זאָלן אַזוי גענויער באַטראַכטן קאָנראַדס אַגנאָסטיציזם, ווייזט זיך אַרויס, אַז אין תוך גענומען, איז ער קאַפּיטאַליזם.

די שיף איז שוין זינט אַ יאָרהונדערט דער קוואַל פון אַ נאַטירלעכער און גוטווילליקער אויטאָקראַטיע, וואָס ווייזט זיך אַרויס פון דער שטענדיק דראָענדער געפאַר. דערום איז דער מאַנשאַפט-אָפיציר דער פולשטענדיקסטער און אינסטינקטיווסטער סנאָב פון דער וועלט און דער אָפיציר פון דער מאַנשאַפט

דער פּולקאָמענסטער אַנטרייבער. ווען אָבער דער דאָזיקער סעלפמעד*)-מאַנשאַפט-אָפיציר קומט אין לאַנד אַריין און מוז זיך פאַרנעמען מיט לאַנד-פּראָבלעמען, איז טאַקע נישט קיין וווּנדער, וואָס ער ווייזט זיך אַרויס אַלס ליאַרמענדיקער און אײַפעריקער קאָנסערוואַטיסט. אין דעם בוך „צופאַל" געפינען מיר — וואָס אַן אמת נישט דורך קיין צופאַל — אַ פרוי-פעמיניסטין און בײַ דער געלעגנהייט דערוויסן מיר זיך, וואָס קאָנראַד מיינט וועגן דעם שטייגער פרויען. ער דערוועקט בײַ אונז דעם אײַנדרוק פון אַ שעלטנדיקן אַלטן בריטישן קלובמאַן, וואָס וויל זען די קעפּ פון אַלע דענקנדע פרויען פאַרייניקט אויף איין האַלז, כּדי דאַן דעמדאָזיקן אײנעם האַלז אַראָפּצודרייען.

אין דעם ראָמאַן „אונטער-מעריב-אויגן" באַקאַנען מיר זיך מיט קאָנראַדס פּאָליטישע אַנשויונגען. ער נעמט זיך דעם מוט אין אַ בוך, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין די צייטן פון צאַריזם, צו שילדערן די סיבירער פאַרשיקטע, וואָס האָבן אײַנגעשטעלט זייער לעבן, כּדי אַראָפּצוּוואַרפן דעם אָפּשײַלעכן טיראַניזם, אַלס אַ מיאוס, אַנטיפּאַטיש באַשעפעניש. די רײַכע פרוי, וואָס העלפט אים, איז אַ נול, אין פאַרגלײַך צו די וועגן וועלכע מען דערוויסט זיך אַ גאַנצע זאַמלונג סקאַנדאַליעזע געשיכטן. קאָנראַד גיט אַ בילד פון רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, ווי מען טרעפט זיי בײַם „טיי-טיש" פון דער גוטער געזעלשאַפט, ווו דיפּלאָמאַטן-ווײַבער באַוועגן מיט די נאַקעטע שולטערן און פּלוידערן סנאָביסטיש. דאָס בוך פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1911 איז אַן אָנזאָג אויף ווייסן טעראָר.

כּדי ריכטיק צו פאַרשטיין קאָנראַדן, דאַרף מען דורכשטודירן זײַנע ים-געשיכטן, און דערבײַ וועט מען אַנטדעקן, אַז פּונקט ווי מערעדיט האָט דאָס בריטישע קאָסטנסיסטעם און אָ. הענרי די סטאַנדאַרט-נאַפט-קאָמפּאַניע אויסגעביטן מיט גאָט, אַזוי האָט קאָנראַד דערזען גאָט בײַ די קאַפּיטאַליסטישע באַזיצער פון די שיפן. ווען מיר אַנאַליזירן זײַנע ווערק פון שטאַנדפּונקט

*) סעלפמעד — אַליין מאַכן.

פֿון דער עקאנאמישער וויסנשאפט, זעען מיר, אז די אומבארחמנות-
דיקע נעמעזיס איז נישט מער, ווי די ארגאניזירטע ביטערקייט,
וואס בייט אויס די אומארגאניזירטע אומוויסנהייט.
מען לייענט, צום ביישפיל, די באַצויבערנסטע פֿון זיינע
ים-געשיכטן: „יוגנט”. דער העלד שטייגט איין אין דער שיף
אין אן אלטן פאס פֿון א שיף, וואס צעפאלט אונטער זיינע פֿיס.
איין אומגליק קומט נאכן אנדערן, אבער דער העלד איז יונג,
וואס גייען אים אן געפארן און אומגליקן? לסוף גייט די שיף
אונטער, אבער דאס אלץ איז נאר פאר דער יוגנט הערלעכע
איבערלעבענישן. זי לאכט פֿון דער נעמעזיס און לעבט ווייטער,
כדי נאכאמאל אויפצונעמען דעם קאמף מיט איר.
זענען מיר אליין יונג, קלאפט ביי אונז דאס הארץ ביים
לייענען דידאזיקע דערציילונגען, און מיר פֿילן זיך אלס געטער.
וואס אבער געפֿינען מיר אין איר, ווען מיר שוין רייפֿערע, נעמען
זי נאכאמאל לייענען? די גרויזאמע קראפֿט, וועלכע מיר האלטן
פֿאר די נאטור, פֿאר די געפֿארן פֿון טיפֿעניש, ווייזט זיך גאר-
נישט ארויס אלס אזא ראמאנטישע פּראקטיק פֿון ים-פֿארזיכערונ-
גען. פֿארמאגט מען א שיף און זי ווערט אלט און ים-אומפעיק,
וועט מען איר קוים אנטרויען ווערטפֿולע פֿראכט און מענטש-
לעכע לעבנס. אנטדעקט מען אבער, אז מען קאן די שיף מיט
סחורה פֿארזיכערן און מער געלט פֿארדינען, ווען די שיף זאל
אונטערגיין, לאזט מען זי אזוי לאנג שטיין אין ים, ביז זי צע-
פֿאלט זיך. און יוגנט, ספעציעל די, וואס ווערן דורך די קאפּי-
טאליסטישע באאיינפֿלוסונג פֿון די שולן און הויכשולן געהאלטן
אין אומוויסנהייט, האלטן פֿאר בארימט ארויסצוזעגלען אויפֿן ים,
און אויפצונעמען א האפֿנונגסלאזן קאמף קעגן דער נאטור.
עס ווערט דערציילט, אז דזשאזעף קאנראד, ווען ער איז
געווען קאפּיטאן, האט ער דערשפּירט א העפטיקן פֿארלאנג צו
פֿארן דורך די שמאלע ים-דורכגענג, וואס זענען באזונדערס גע-
פֿערלעך. ער האט געוואלט דורכפֿארן דורך די ענגסטע דורכ-
גענג, ווייל ער האט אסאך וועגן זיי געלייענט. די שיף-אייגנ-
טימער האבן אפּגעזאגט זיין פֿארלאנג און די קריטיקער זענען

ממש אַנטציקט און באַגייסטערט געווען פון דער „ראָמאַנטיק" פון דידאָזיקע שיף-אייגנטימער. קריטיקער זענען געגליכן צו קינדישע אומשולדיקע נשמות און נאָר אַ בייזן „שמוץ-אויפרודערער" איז געקומען אויפן געדאַנק, צו דערוויסן זיך די עלטער פון דער שיף און די סומע אויף וויפל זי איז פאַרזיכערט.

דער קאַפּיטאַליסטישער פּלאָט איז פול מיט אַזוינע פאַקטן. מיר נעמען, למשל, דעם „פּלימסאָל-שטריך". עס איז געווען אַמאָל אַן ענגלישער אַרבעטער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ רייכער פאַבריקאַנט, אָבער נישט געקוקט דערויף האָט ער נישט פאַרגעסן זיין קלאַס, נאָר ער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן צו ראַטעווען די, וואָס זענען געשיקט געוואָרן אין די „שווימענדיקע טויטנקאַסטנס" אויפן ים. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין פאַרלאַמענט און ער האָט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג, אין וועלכן ער האָט געפאָדערט, אַז שיפן דאַרפן אָנגעלאָדן ווערן ביז אַ באַשטימטן צייכן, ביז צום „פּלימסאָל-שטריך". אַז זיין פאָרשלאַג איז דורכן פאַרלאַמענט אָפּגעוואָרפן געוואָרן, האָט ער געדראָט די דעפּוטאַטן מיט דער פויסט און גערופן זיי שורקעס. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען געווען שאָקירט און זיי האָבן געוואָלט אים אויסשליסן; דאָך האָבן זיי דאַן נישט געהאַט דעם מוט דאָס צו טאָן, נאָר זיי האָבן אים געגעבן צען טעג צייט זיך צו פאַרטראַכטן. ער האָט זיך אַנטשולדיקט און זיין פאָרשלאַג איז געוואָרן אָנגענומען: אַ קאָמפּראָמיס צום באַוואונדערן פאַר אַ רעפאָרמיסט.

די טרוקענע סטאַטיסטיק באַווייזט, אַז נאָכ'ן איינפירן דאָס-דאָזיקע געזעץ, האָט אַ גאַנץ דור בריטישע מאַטראָסן אויסגעמיטן די „גרויזאַמקייט פון דער נאַטור", די „אומברחמנותדיקע נעמעזיס" פון דזשאָזעף קאָנראַד. אַסאַך יאָרן איז דערדאָזיקער „פּלימסאָל-שטריך" געווען פאַר טויזנטער ים-מענטשן דאָס הייליקע דריילינג, פאָטער, זון און הייליקער גייסט, דער צאַרטער יעזוס מילד און זיס, די הייליקע מאַריאַ, גאָטס מאַמע, פאַרטרעט אַלע הייליקע פון קאַלענדאַר, דעם ווילן בונד פון די אַפּאָסטאָלן, די איידעלע מחנה מאַרטירער, די פרידן אָנזאָגנדיקע נביאים, דעם הימלישן כאָר פון מלאכים און דער שר פון די מלאכים, יאָ, די

גאַנצע וועלט פּאַרייניקטע הייליקע קירך. אָבער די ראָזיקע געט-
לעכע שוץ האָט אָפּגעקאָסט די בריטישע שיף-אייגנטימער עטלע-
כע מיליאָן פונט יערלעך און דערום האָבן זיי באַצאָלט די טאָריעס
און די ליבעראַלן די וואַל-קאָמפּאַניע און זיי האָבן געגעבן זייער
באַפולמעכטיקטן דוד לאָיד דזשאָרזש רעגירונגס-אויטאָריטעט און
דערקלערט דאָס געזעץ פאַר אומגילטיק. און ווידער האָבן טויזנ-
טער מאַטראָסן אָנגעהויבן פאַלן קרבנות צו דער אומברחמנותדיקער
געמעזיס.

און וואָס זאָגט דערצו דזשאָזעף קאָנראַדז אַלס מענש פון
ים האָט ער געקענט דיווירקלעכקייט. אין זיין בוך: „דער נעגער
פון נאַרציזוס", באַשיט ער די יעניקע אַלע, וואָס פּרוּוון צו ראַ-
טעווען דאָס לעבן פון די מאַטראָסן, מיט בייסנדיקן שפּאָט. מען
מוז אַליין לייענען דידאָזיקע שטעלע, כּדי צו באַגרייפן זייער
פאַרביטערטן צאָרן.—אַ מאַטראָס זאָגט:

„אין קערדיף האָב איך איינמאָל געזען די מאַנשאַפט
פון אַן איבערגעלאָדענע שיף. דאָס הייסט, זי איז גאָרנישט
געווען איבערגעלאָדן, אָבער אַ פאָטערלעכער אַלטער הער
מיט אַ ווייסער באָרד און אַ שירם אין דער האַנט איז גע-
קומען אויפן פּאָרט און איבערגערעדט מיט די מאַטראָסן.
ער האָט געזאָגט, עס איז שרעקלעך דערטרונקען צו
ווערן אין ווינטער, כּדי די שיף - אייגנטימער
זאָלן אַזוי־אַרום פאַרדינען נאָך עטלעכע פונט, אַזוי האָט
ער געזאָגט און האָט זיך שיר נישט פאַנאַנדערגעוויינט
צוליב דעם, און צו דעם איז ער געווען גאַנץ אַנשטענדיק
אָנגעטון. אויף דעם האָבן אים אָפּגעענטפערט די מאַטראָסן,
אַז זיי ווילן נישט דערטרונקען ווערן אין ווינטער, וואָרים
זיי רעכענען אויס דערויף, אַז דער פּלימסאָל-פּאַרשוין זאָל
איבערנעמען זייער פאַרטיידיקונג פאַרן געריכט. זיי האָבן
גאָרנישט קעגן דריי טעג הוליען און זויפן. און דאַן זענען
זיי פאַרמשפט געוואָרן צו זעקס וואָכן, ווייל די שיף איז
לגמרי נישט געווען איבערגעלאָדן. אין גאַנצן פערנאַט-האַפן

האָט זיך נישט געפונען קיין איינאוניינציקער איבערגע-לאָדענע שיף. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַלטער נאַר איז באַצאָלט געוואָרן דורך עטלעכע גוטע מענטשן, ער זאָל נאָכזוכן איבערגעלאָדענע שיפן. דערביי האָט ער נישט געקאָנט ווייטער זען, ביז צום שפּיץ פון זיין רעגנ-שירם. טייל פון אונז האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז דער אַלטער קלאָג-ברודער זאָל געשטעלט ווערן פאַר אַ געריכט. אַז ער האָט זיך ווידער באַוויזן, האָבן מיר שוין געהאַט אויף אים אַן אויג, אָבער ער איז אונז אַנטרינען געוואָרן...
יאָ, די ייִנגען האָבן געקריגן צו זעקס וואָכן שטראָף-דינסט יעדער איינער..."

די קאַליפאָרנישע ברעגן, ווו איך ווין, זענען אַ באַליבט יאַגד-געביט פאַר דער לויערנדיקער נעמעזיס. דאָ זענען לענגאויס דעם גאַנצן ברעג פאַראַן שאַרפע פעלזן און ווייניק האַפנס, שיפן לויפן כסדר אויף די פעלזן און צעקלאַפן זיך. טיילמאָל קומט דאָס פאָר מיט גרויסע פּאַסאַזשיר-דאַמפּער, הונדערטער מענטשן שווען אין לעבנסגעפאַר און ווערן מיט דער הילף פון וואַסער-ציער געראַטעוועט; די צייטונגען גיבן יעדער שעה עקסטרע-אויס-גאַבן וועגן דעם פאָרפאַל, די רעפּאָרטערן באַווייזן העלדישקייטן, כדי דער ערשטער צו פאַרעפנטלעכן די פאָטאָגראַפיע פון דער זינקענדיקער שיף. דער עולם לייענט די באַריכטן און שוידערט אויף פאַר דער שוי-שפּיל פון דער אומזיסט-קעמפנדיקער מענטש-הייט קעגן דער אומבארחמנותדיקער נעמעזיס.

וועלכעס איז אָבער די אמתע סיבה פון דידאָזיקע אַלע זאַכן? אַ גאַנץ פּשוטע זאַך: די נעמעזיס איז גאָרנישט מער ווי דער פאַקט, וואָס דער פּאַציפישער ברעג פון סיטל ביז סאַן דיעגאָ באַשטייט פון קרומע ליניעס, דעריבער מוזן די גרויס האַלץ-דאַמפּער, די קליינע פישער-שיפלעך און די גרויסע פּאַסאַזשיר-שיפן מאַכן אַן אומוועג פון עטלעכע מייל אין ים, כדי אויסצומיידן די געפאַרן. אָבער דידאָזיקע מיילן באַדייטן אַזוי און אַזויפיל מיליאָנען דאָלאַר שאָדן פאַר די שיף-אייגנטימער. נישט נאָר דאָס, וואָס מען דאַרף פאַרנוצן מער הייץ-מאַטעריאַל, נאָר מען

דאַרף אויסהאַלטן לענגער אָפּיצירן און אַ מאַנשאַפט, און אין די גרויסע פּאַסאַזשיר-דאַמפּער מוזן עטלעכע הונדערט פּאַסאַזשירן באַקומען מער מאַלצייטן.

אַזוי־אַרום איז שוין גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז די שיף-אייגנטימער, געדעקט דורך הויכע פאַרזיכערונגען, פאָדערן פון זייערע קאַפּיטאַנען די ווייטמעגלעכסטע שפּאָרזאַמקייטן פון צייט און שטרעקע, און אַז די שיפּאָפיצירן שטרענגען אָן זייערע אַלע כוחות, דעמדאַזיקן פאַרלאַנג נאָכצוקומען. לענגאויס דעם גאַנצן ברעג מיידן די שיפן גאַנץ ווייניק אויס די פעלזן, און ווי אָפט געשעט עס, אַז זיי קריגן זיך אַריין צוליב דער טונקלקייט, נעפּל אָדער שטורעם צווישן די פעלזן! מיר קומט דאָס אויס צו זיין אַן אויסערגעוויינלעך „ראָמאַנטישע" סיטואַציע, איך קאָן מיר פאָרשטעלן ווי אַ גרויסער קינסטלער שאַפט פון דעם אַן אומגעהויערן סימבאָל פון מענטשלעכער שולד. אָבער דערדאָזיקער קינסטלער וועט טאַקע גאָר באַלד אַנטדעקן, אַז כמעט אַלע צייטשריפטן, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן ביים ברעג, געהערן צו די אייזנבאַן-געזעלשאַפטן, וואָס זענען גלייכצייטיק די אייגנטימער פון דער שיף-קאָמוניקאַציע!

יעדע שעה וואַקסט די קאָנטראָל פון דער וויסנשאַפט איבער דער נאַטור און הויבט אויף אַזוי־אַרום די זיכערקייט פון דער ים-באַוועגונג. וואָלט נישט געווען קיין פּריוואַט-אייגנטום, קיין בלינד געיעג נאָך רווחים, וואָלטן די געפאַרן פון ים געווען כמעט נאָר אַן ערינערונג פון פאַרגאַנגענע צייטן, און קאָנראַדס אומבּרהמנותדיקער נעמעזיס וועט, פונקט ווי די געטער פון קאַטוילישער און אַנגליקאַנישער קירך, צעפאַלן אויף שטויב און צעווייעט ווערן אויף אַלע ווינטן. צי איז קאָנראַד דערמיט צופרידן? אָדער צי פילט ער דעם צאָרן פון אַ זקן, וואָס האָט מיט זיין גוטן נאָמען פאַרטיידיקט אַ פאַלשע השערה? ער גופא גיט דערויף אַן ענטפער אין דעם „נעגער פון נאַרציזוס", אַ ראָמאַן, געשריבן, כדי אָפּצוזוכן פון אַלטרויסטישע געפילן און זיי אַוועקצושטעלן אַלס צעשטערער פון דיסציפּלין און כאַראַקטער. זיין „אַגיטאַטאָר" פון ים איז אַן אָפּשײַלעכער קליינער לאַנדראַט.

און ווען עס געלינגט דעמדאָזיקן עקלהאַפטן באַשעפעניש, צו פאַרפירן די אָרעמע מאַנשאַפט צו אַן אויפשטאַנד, איז ווי מאַכט זיך דאָס דעמאָלט קאָנראַד איבער זיי לוסטיק, וואָס פאַר אַ דערהויבענער סאַרקאַזם איז דאָס:

„אונזער קליינע וועלט באַוועגט זיך אין אַן אָנגעצייכנטער ליניע. זי טראָגט אין זיך אַן אומצופרידענע, גיריקע באַפעלקערונג. די מענטשן טרייסטן זיך אויף אַן אומעטיקן אופן, דערמיט וואָס זיי אַנאַליזירן ענדלאָז און געוויסנהאַפט דעם אייגענעם אומדערשאַצטן ווערט. באַגייסטערט פון דאַנקינס האָפנונגספולער לערע, טרוימען זיי גליקזעליקע פון אַ צייט, ווען יעדע שיף וועט שווימען איבער אַ שטילן ים, פאַרזען מיט רייכע, גוט דערנערטע, צופרידענע קאַפּיטאַנען".

קאָנראַד איז איינער פון די גרעסטע טרויערנדע, אַ קנאי פון פעסימיזם. ווי צו יענע, וואָס נעמען זיך דעם מוט צו רעדן אין זיינע אַגנאָסטישע זונטאָגשולן פון האָפנונג פאַר דער מענטשהייט. ווי צו יענע, וועלכע באַגייען דאָס ערגסטע פאַרברעך כּלפּי דער קונסט: אויסצולאָזן דעם ראָמאַן מיט אַ גליקלעכן סוף. ווי צו זיי, ים-נויט זאָל אויף זיי קומען, וועלכע שטייגן איבער די נויטן אויף דער יבשה, וואָרים זיי געפינען זיך אין געפּטונס*) קעניגרייך, וווּ עס איז נישט פאַראַן קיין רעדע, פרעסע אָדער פאַרזאַמלונגס-פרייהייט. די יעניקע, וועלכע מורמלען אַן אָפּטימיסטישן געדאַנק, הערן דאָס מוראדיקע וואָרט אויפשטאַנד און זיי ווערן פאַרמשפט צו זעקס חדשים שטראָפדינסט.

*) געפּטון — דער גאָט פון ים בײַ די אַלטע רוימער. מ. פ.

44

דער אומשטערבלעכער אַלס רעוואָלוציאָנער

הענרי דזשעמס באַמערקט ערגעץ, אַז אַן אַמעריקאַנער מוז פופציק יאָר שטודירן, כדי קולטורעל געערדט, אָנצוהויבן דאָרטן, ווו דער אייראָפּעער שטייט שוין ביי זיין געבוירן. וואָס איז, גענוי גענומען, דער זין פון דעמדאָזיקן אומפּאַטריאָטישן געדאַנק? און ווען איך קום דערצו, מוז איך מיך דערמאָנען אָן אַנאַטאָל פראַנס און אין זיין כאַראַקטעריסטישן שפּריכוואָרט, ווי אָט דער:

„דאָס דענקען איז אַ גרויסע שוואַכקייט. גאָט זאָל דיך דערפון אָפּהיטן, מיין זון, ווי ער האָט דערפון אָפּגעהיטן זיינע גרויסע הייליקע, און אויך יענע נשמות, וועלכע ער האָט ליב געהאַט מיט אַ באַזונדערע צערטלעכקייט און באַשטימט צו אייביקער זעליקייט“.

ס'איז ווארשיינלעך, אַז קאַטוילישע בישאָפן, מעטאָדיסטישע מיסיאָנערן אָדער פירער פון קו־קלוק־קלען זענען צו נאַריש אַז זיי זאָלן קאָנען פאַרשטיין די דאָזיקע באַמערקונג. פאַרשטייט זיי זי אָבער יאָ, וועלן זיי קיין שמייכל באַשטימט נישט קאָנען אונטערדריקן. אין דידאָזיקע עטלעכע זאַצן האָט אַ מייסטער פון וואָרט דיסטילירט דעם זין פון אַ ציוויליזאַציע, דעם אויסגעצייכענטן געשמאַק פון אַ יאָרהונדערטס אַלטע קולטור. דער מענטש, וואָס האָט געקאָנט אָנשרייבן עפּעס אַזוינס, האָט זיין גייסט באַפרייט פון דער צביעות און אילוזיע פון זיין צייט. ער איז אַזוי סקעפּטיש, רעאַליסטיש און גייסטרייך, ווי נאָר אַ מענטש קאָן זיין. ער איז אָבער אויך ליבנסווירדיק. ער כאַפּט נישט קיינעם אָן ביי די אַקסלן און טרייסט קיינעם נישט, ווייל ער האָט געלערנט, אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַן כלערליי מערקווירדיקע מענטשן, און ער באַפרידיקט זיך דערמיט, אַז מען שמייכלט מיט אים צוזאַמען.

ווי אַזוי אַנטשטייט אַזאַ גייסט? אַנאַטאָל פראַנס פאָטער איז געווען אַ בוכהענדלער, אַזוי אַז דאָס יונגעל האָט שוין פון

קינדווייז אָן איינגעטעמט אין זיך קולטור. ער האָט געלייענט ווערק אין אַלע שפּראַכן, פריער פאַר אַלץ יענע, וואָס זייערע מחברים זענען שוין לאַנג געווען טויט, באַקענט זיך מיט יענע זאַכן, אין וועלכע די שיינקייט איז אויסגעמישט געווען מיט טרויעריקייט, יענע טרויעריקייט, וואָס איז אַ פועל-יוצא פון דער צייט. אַנאַטאָל פראַנס האָט זיך געלערנט פילן היימיש אין פרעמדע קולטורן, ער האָט אָבער אויך שטודירט די מייסטער פון זיין אייגן לאַנד, וואָס זייער מעלה איז די קלאָרקייט און די שיינקייט פון דער שפּראַך. צו זיבנאונצוואַנציק יאָר פאַרעפנטלעכט ער דעם ראָמאַן „דאָס פאַרברעכן פון סילוועסטער באָנאַר", אַ שפּאָרע סענטימענטאַלע דערציילונג פון אַן אַלטן, גוטהאַרציקן אַנטיקוואַר, וואָס ראַטעוועט אַ קליין מיידל פון גרויזאַמער געפאַלנקייט און דאַן אַנטדעקט ער, אַז ער האָט זיך, לויט דעם פראַנצויזישן געזעץ, פאַרשולדיקט פאַר פאַרפירונג. דידאַקטיקע געשיכטע האָט געקאָנט אָנשרייבן יעדער אונזערער מאַגאַזין-שריפטשטעלער, בפרט, ווען ער זאָל פונקט ווי פראַנס האָבן אַריינגעזאַפּט אין זיך אַ טויזנטיעריקע קולטור. דאָס זענען געווען די ווערק, וועלכע די רישל-אַקאַדעמיע האָט ליב געהאַט. דאָס בוך איז דורך איר געקרוינט געוואָרן. דער יונגער שריפטשטעלער איז נושא חן ביי אַן אַנטציקנדער, גייסטרייכער פראַנצויזין, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן זיין געליבטע. זי שאַפט פאַר אים אַ סאַלאָן און מאַכט אים באַקאַנטשאַפט צווישן פאַרלעגער און קריטיקער; — אויפן דאָזיקן אופן פאַרשאַפט מען אים אין פאַריז דאָס גליק, און איך דערלויב מיר צו זאָגן, אַז דאָסזעלביקע פּאַסירט אויך טיילמאָל אין אַמעריקע. פראַנס איז געווען קלוג און גייסטרייך, מגושמדיק און ציניש, פונדעסטוועגן איז ער אַזוי נישט געווען פאַר דער עלעגאַנטער פריידנקערישער, פראַנצויזישער טראַדיציע. ער האָט געשריבן נאָך וויטערע ראָמאַנען, פונקט ווי אַנדערע ווערק, און צו 1896, אין עלטער פון צוויי און פופציק יאָר, האָט ער זיך געפינען צווישן די גרויסע פראַנצויזישע חשובים און איז אַריינגענומען געוואָרן אין די רייען פון די פערציק אומשטערבלעכע רישעלס. איצט איז אים שוין אייגנטלעך גאָרנישט

מער פארבליבן צו טון, ווי צוצושפארן זיך אין זיין באקוועמען פאטעל און אויפצונעמען די אפלאדיסמענטן פון פאריז.

אבער פלוצלינג איז געשען עפעס מאדנעס און איבער־שרעקנדיקס. דער קאמף ארום דער דרייפוס־געשיכטע איז אויסגעבראכן. אנאטאל פראנס איז ארויף אויף דער ארענע, שליסט זיך אן אן עמיל זאלא, וועלכן ער האט פריער אנגעגריפן אלס חזירישן שריפטשטעלער. עס איז נישט פאראן קיין ביישפיל פאר אזא שטייגער ארויסטריט: אן אקאדעמיקער, וואס איז געווארן א סאציאליסט, גערעדט אויף ארבעטער־פארזאמלונגען, און טאקע אזוינע זאכן, וועלכע א בכבודיקע צייטונג האט נישט געקענט פארעפנטלעכן. יא, ס'זאל נאך האבן געשען עפעס ערגערס: דער שטאלץ און דער רום פון דער קונסט לשם קונסט־קולטור, האט געשריבן ראמאנען מיט א ראדיקאלער טענדענץ! ער איז צוגע־לאזן געווארן אין קרייז פון די אומשטערבלעכע, איצט האט מען שוין נישט געקאנט מער זיך באפרייען פון אים. און מ'האט געמוזט צוזען, ווי איינער פון די זיילן פון די ליטערארישע אוי־טאריטעטן שילדערט זיין פאטערלאנד אלס אן אינזל פון פינג־ווינען, ווו די פני פון דער קירך און פון דער מלוכה זענען מאדנע, פליגללאזע פייגל אין סורדוטן און אין צילינדערס, וואס לייגן ארויף די פליכטן אויף דעם פעבל:

„צי זעסטו דען נישט, מיין זון — רופט ער אויס — יע־נעם וואנזיניקן, וואס בייסט אפ די נאז ביים שונא, ווערלכן ער שליידערט אנידער אויף דער ערד, און יענעם אנדערן, וועלכן א פרוי שפאלט דעם קאפ מיט אן אומגעהויער גרויסן שטיין?“

„איך זע זיי — ענטפערט בולא — זיי שאפן געזעצן, זיי באגרינדן דאס אייגנטום, די פרינציפן פון דער ציוויליזאציע, די באזע פון דער געזעלשאפט, דעם פונדאמענט פון דער מלוכה“.

— וויאזוי? — פרעגט דער אלטער מיל.

—„דערמיט וואס זיי גרענעצן אפ זייערע פעלדער. דאס איז דער אורשפרונג פון יעדער רעגירונג. דיינע פינגווינען, א מייס־טער, זענען זיך מקריב דער דערהאבנסטער גאנצער טעטיקייט.

אין משך פון אלע יארהונדערטער וועט אייער ווערק דורך די רעכט-געלערנטע פארהייליקט ווערן, דורך דער מאכט באשיצט און באשטעטיקט ווערן".

„דער פינגווינען-אינזל" איז פארעפנטלעכט געווארן אין 1908. דאן ברעכט אויס די מלחמה, און דער אלטער מאן — ער ציילט שוין זיבעציק יאר — מעלדעט זיך פארטיידיקן זיין פאטערלאנד. פונדעסטוועגן איז דאס ביי אים לחלוטין נישט, ווי ביי אסאך אנדערע, אז ער זאל אויפגעבן יעטוועדע האפנונג לטובת דעם פראלעטאריאט און זיך אונטערווארפן דער פראפאגאנדע פון קאפיטאליסטישן נאציאנאליזם. צו פינפאונזיבעציק יאר זעען מיר אים, טראגנדיק א רויטע פאן, אין דעמאנסטראציע-צוג פון די פראנצויזישע ראדיקאלן, וואס האבן פראטעסטירט קעגן דער באפרייונג פון די מערדער איבער זשארעסן. ער איז תמיד גרייט, א׳צווזאגן זיך פון א ליטערארישן באנקעט, אויב ס׳איז נויטיק, צו רעדן אויף אן ארבעטער-פארזאמלונג קעגן דער קאפיטאליסטישער קירך און דער קאפיטאליסטישער מלוכה. ער, דער גרעסטער פון די אומשטערבלעכע, האט אנגעהויבן א קאמף קעגן די איבעריקע ניינאונדרייסיק, קעגן די פארנעמע יוגנט פון זיין לאנד, וואס האט זיך אפגעגעבן א געמיש פון קאטוילישן מיסטיציזם און האמאסעקסואליזם, פון דדאאיסטישן אידיאטיזם און ספארט, וואס זייער ענדציל איז באשטאנען צו ווענדן דאס מאשינגעווער קעגן דער ארבעטערשאפט.

אנאטאל פראנס ווערק זענען א זעלטענע סטודיע פון קאמף צווישן דער אלטער פעסימיסטישער, צינישער קולטור פון קאפיטאליזם און דער נייער שעפערישער קולטור פון פראלעטאריאט. דידאזיקעביידע קולטורן לאזן זיך בשום אופן נישט פארייניקן, אבער פונדעסטוועגן גלויבט פראנס אין זיי ביידע. ער איז געווען א סאציאלער רעוואלוציאנער מיט זיין פולן באוווסטזיין און אורטיילקראפט, ער איז אבער געבליבן, באאיינפלוסט פון דער געירשנטער קולטור, יענע אלטערטימלעכע זאמלונג פון פארצווייפלונג און פחד, וואס ער האט ארייגעצויגן אין זיך מיטן שטויב אין זיין פאטערס בוכהאנדלונג, פאטאליסט און אפחוזקער.

ער שרייבט אָן דעם ראָמאַן „די געטער זענען דורשטיק", אין וועלכן ער שילדערט די מענטשהייט, ווי באַשאַפן צו עלנט און צעשטערונג אויף אַלע אייביקייטן. אָדער „דער אויפשטאַנד פון די מלאָכים", ווו אויך דער הימל ווערט דערטרונקען אין בלוט און עס בלייבט נישט קיין שום האָפנונג.

נאָך דעמדאָזיקן ווערק אָבער לאָזט ער אַרויס אַן אויפרוף אונטערצושטיצן רוסלאַנד, אָדער ער פאָדערט אויף די אַרבעטער אַנצושליסן זיך אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל. ער האַלט פאַר די אָרגאַניזירטע לערער פון פראַנקרייך אַ וווּנדערבאַ״ע רעדע, בעת וועלכער אַלע אַנוועזנדע ברעכן אויס אין אַ געוויין.

איך האָב שוין אַסאַך מאָל ציטירט פון דערדאָזיקער רע-דע, איך חזר דאָ נאָר איבער איין אָפּזאַץ, — ווייל ס'איז די פליכט פון אַ שריפטשטעלער צוצוהעלפן צו דער ווייטמעגלעכער פאַרשפּרייטונג פון דידאָזיקע ווערטער:

„שכל, חכמה, דורכדרינגלעכקייט, אַלע כוחות פון געפיל און פאַרשטאַנד, וועלכע איך האָב תמיד געפרווּט צו זיין איבערגעגעבן, קומט מיר צו הילף, שטאַרקט מיין שוואַכע שטים, טראָגט זי, ווען ס'איז נאָר מעגלעך, צו אַלע פעל-קער פון דער וועלט, און פאַרשפּרייט זי צווישן אַלע, וואָס האָבן נאָר אַ גוטן ווילן אויסצוהערן דעם געבענטשטן אמת. אַ נייע וועלט ווערט געבוירן. די מאַכט פון פינסטער-ניש שטאַרבט, פאַרגיפטעט פון איר אייגענעם פאַרברעכן. די כיטראַקעס און ברוטאַלן, די צעשטערער פון פעלקער האָבן זיך פאַרדאָרבן דעם מאָגן אינם בלוט. ווי טיף זיי זענען אויך דורך די זינד פון זייערע בלינדע און פאַרדאָרבענע הערשער פאַרוווּנדעט, צעריסן און צעשפּרייט, אָבער די אַרבעטער בלייבן אויבנאָן, און מיר וועלן זען פאַרווירקלעכט דאָס גרויסע סאָציאַליסטישע נביאות: די פאַראייניקונג פון דער אַרבעטערשאַפט, וועט זיין די פרייד פון דער גאַנצער וועלט".

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אויף אַלע נעקראָלאָגן צון אַנאַטאָל פראַנס, איז פאַרטושט געוואָרן די פּאָליטישע זייט

פון זיין לעבן. די ליטעראַטור-קריטיקער האָבן אים דערהויבן צום מייסטער פון דער פראַנצויזישער פּראָזע, אַלס דעם בעסטן סאַטיריקער אין דער טראַדיציע פון רעבעלס, וואָלטער אָדער רענאַן; פאַר די ראַדיקאַלע צייטונגען איז איבערגעלאָזט געוואָרן צו לויבן אַנאַטאָל פראַנס, דעם קרייציקער, דעם טרעגער פון דער רויטער פאָן. מען פרוווט תמיד מיר איינרעדן, אז אונזערע טאָרי - קריטיקער זענען ערלעכע מענטשן; פונדעסטוועגן באַוועגט מיך דאָסדאָזיקע אַביסל אין דעם צו צווייפלען.

איך פרעג זיי נאָר איינמאָל פאַר אַלעמאָל, וואָס אייגנטלעך ווילן זיי. וועלכער באַוויז וועט גענוגנד זיין פאַר אונזערע קולטור-טרעגער? דאָ איז זייער געקרוינטער ליבלינג, זייער פאַרערטער מייסטער, דער מאַן, וואָס איז געווען אַזוי גייסטרייך, ווי נאָך קיינער נישט. און ער באַווייזט, אַז מען קאָן פונקט אַזוי גוט זיין גייסטרייך אַלס דינער פון דער גערעכטיקייט, ווי פון גאָלד. איך פרעג די פּען-הערן, צי קאָן נאָך זיין אַ זאַך גייסטרייכער, ווי דער:

„דאָס געזעץ אין זיין דערהויבענער גלייכהייט פאַרווערט סיי רייכע, סיי אָרעמע צו שלאָפן אונטער די בריקן, צו בעטלען אויף די גאַסן און ברויט צו גנבענען".

45

אַ לערנבוך פאַר רוסלאַנד

— וואָס מיינסטו אייגנטלעך — פרעגט פרוי אָגי — צו האָבן געשריבן מיט דעמדאָזיקן בוך?

— אַ לערנבוך פאַר קולטור.

— פאַר די שולן? — פרוי אָגיס שטים קלינגט אויסערגעוויינלעך שפּאָטיש.

— עס וועט אין פאַרלויף פון זעקס חדשים באַנוצט ווערן אין רוסלאַנד אַלס אַ לערנבוך אין די הויכשולן.

— אין רוסלאַנד, יאָ...

— און אין יעדן לאַנד פון איראָפּע, וויבאַלד די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט נאָר מקוים ווערן. דער צו דער מאַכט-דער-גרייכטער פּראָלעטאַריאַט וועט שאַפן אַ נייע פּסיכאָלאָגיע און אַ נייע עטיק, פאַרשטייט זיך, אַז אויך אַ נייע קונסט און אַ נייעם קונסט-מאַסשטאַב.

— און יעדעס לאַנד וועט אפשר וועלן שרייבן זיינע איי-גענע לערנביכער — האָט פּרוי אָגי צוגעוואָרפן.

— אָן ספק, און זיי וועלן בעסער אַרויסקומען ווי מיינע. אָבער ביז היינט האָט עס נאָך קיינער נישט געטון, — און עס וועט אַלעמערשטן נעמען זיך צום וואָפן, וואָס איז שוין פאַראַן. איך האָב געגעבן דעם אַרבעטער אַן אויפריכטיק-אָנגעשריבן בוך, פון שטאַנדפּונקט פון זיינע האָפנונגען און באַדערפעניש. איך זאָג אים: פאַרוואָס לייענט איר די ביכער פון אייערע שונ-אים, יענע מענטשן, וואָס בויען-אויף זייער רום און גלאַנץ פון אייער עלנט און נידערגעשלאָגנקייט? פאַרוואָס לאָזט איר אייך אַזוי כסדר אָפּנאַרן? דאָס לעבן איז זייער גרויזאַם; — אָבער דאָס גרויזאַמסטע אין אייער גורל איז דאָס, וואָס איר באַ-וווּנדערט יענע טאַטן, וועלכע צערייבן אייך; יענעם געשמאַק, וואָס פאַראַכטעט אייך; יענע פאַרהעלטעניש, וואָס זייער אָנהויב און סוף איז אייער פאַרשקלאַפונג און דערנידריקונג.

— זאָלן נאָר אַרבעטער לייענען דאָס בוך?

— איך באַנוץ דאָס וואָרט אַרבעטער אין רעוואָלוציאָנערן זין, איך פאַרשטיי מיט דעם די אַלע יענע, וועלכע זענען זיך מקריב דער נוצלעכער אַרבעט, אָן חילוק צי ס'איז האַנט אָדער קאָפּ-אַרבעט. איך ווענדע זיך קודם-כל צו די יונגע קאָפּ-אַרבעטער, צו די אינטעלעקטועלן. דער יונגער האַנט-אַרבעטער איז אין אַ געוויסער מאָס געצוווּנגען צו זיין אַ שקלאַף, אָבער דער יונגער אינטעלעקטועלער שטייט, ווי הערקולעס, נאָך תמידביים שיידוועג צווישן צניעות און זינד. ער קאָן זיך פאַרקויפן צו די אויסנוי-צער, ער קאָן זיך לאָזן אונטערקויפן פון אַ פּראַק, אויטאָ, שיכּרות און שיינע ווייכהויטיקע, פאַרגרעבטע ווייבער. ער קאָן אָבער

אויף הערן מיין רוף, האַרטעוען זיין נשמה, צוריקקערן זיך אין בוידעם-שטיבל אַריין, וואָס איז דאָס וויגעלע פון קונסט, צוריק צו דער אַלטער און בכבודיקער באַשעפטיקונג, שאַפן ליטעראַטור ביי אַ פּראָסט ביסל זאַבער-גריץ.

צו דידאָזיקע יונגע אינטעלעקטועלן, וואָס שטייען וואַקלענדיקע ביים שיידוועג, זאָג איך: פּריינט, די וועלט פון אָרגאַניזירטן רויב און שפּעקולאַציע, אין וועלכער מיר לעבן, זעט אויס צו זיין מעכטיק און אייביק, פונדעסטוועגן איז זי נישט מער ווי אַ בייזער חלום, וואָס וועט אין עטלעכע יאָר אַרום צערונען ווערן. שוין שפּראָצן אין זייערע הערצער די זאָמען פון פאַרניכטונג. איך רעד שוין דאָ נישט וועגן איר מאָראַלישער מפּלה, פון דעם פאַקט, וואָס זי דריקט אונטער די אורפאַרלאַנגען פון די מענטשן נאָך גערעכטיקייט און פרייהייט, איך רעד נאָר אין מאַטעריעלן זין: זי קאָן נישט באַשעפטיקן אירע אייגענע אַרבעטער, זי שאַפט פון איבערפלוס עלנט, פון ווילשטאַנד מלחמה און צעשטערונג. זי פאַלט זיך פאַנאַנדער פונקט ווי אַ פּיראַמידע, וואָס שטייט אויף איר שפּיץ. און אויב זי איז זיך צעפאַלן, טאָ וואָס בלייבט איבער אויסער די אַרבעטערשאַפט? ווו איז דען דאָ אַן אַנדערער כוח אויסער די סאָלידאַריטעט, ברידערלעכקייט, און אידעאַל פון קעגנזייטיקער הילף, וואָס זאָל האָבן פאַר אַלע נוצלעכע אַרבעט, במקום דעם היינטיקן אידעאַל פון קויף-און-פאַרקויף, אויסנוצונג און רויב, מאָרד און פאַרשקלאַפונג, וואָס מיר רופן אַן קאַפּיטאַליזם.

דידאָזיקע געוואַלטיקע נייע מאַכט בילדעט זיך אינם האַרץ פון אונזער וועלט, גרייט זיך צו צו שאַפן די צוקונפט. זאָל דאָסדאָזיקע נייע לעבן נישט שאַפן קיין קונסט? זאָלן מענטשן נישט אויפציטערן פאַר אַזאַ צוקונפטס-בילד און אויך אויפטרייסלען אַנדערע, דערמיט וואָס עס ווערט ווירקלעכקייט? אָט אין דעם באַשטייט דיין אויפגאַבע, יונגער פריינט, דאָ ליגט די צוקונפט, אָבער נישט אין דער באַגרענעצטער דינסט צו דער קאָנוועניץ, צו דער הייליקער איבערחזרונג פון אוראַלטע ליגנס,

צום שטענדיקן קאפירן דאס טפשות, גרויזאמקייט און כיטרע־קייט. די קינסטלער פון אונזער צייט זענען געגליכן צו היפנא־טיזירטע מענטשן: אומבויגזאמע חזרן זיי איבער עפעס א לערע, א פארמעל גארנישט־זאגנדיקע. איך זאג: לאז דיך נישט איינ־וויגן מיט ווערטער, פריינט, גיי ארויס אנטקעגן דעם אויפגייענ־דיקן לעבן, נעם אנטייל אין קאמף, דריק אים אויס אין א נייער קונסט, זיי מקריב דיין דינסט א נייעם פובליקום, דעם פובליקום, וואס דו וועסט דיר אליין שאפן. דאס איז דער זין פון דעמדאזיקן בוך, דאס לעצטע ווארט, וואס איך האב צו זאגן: דיין שעפערישער כוח באגנוגנט זיך נישט דערמיט צו שאפן קונסטווערק, נייערט אויך גלייכצייטיק א נייע וועלט, שאף נייע נשמות, באוועגט פון נייעם אידעאל פון סאלידאריטעט, א נייעם ליבע־אימפולס און גלויבן, וועק נישט בלויז האפנונג, נאר אויך אנטשלאסנקייט.

— אזוי, אט דאס איז דער זין פון דאזיקן בוך, — דער־קלערט אגי. — אפשר וועלן מיר פארשטיין יווייניק מענטשן, אבער גראד צו א קלענער צאל וועט עס אנקומען.

פרוי אגי גייט צו צו אים און נעמט אים ארום; זי צי־טערט א ביסל.

— יא, איך פריי מיך, וואס האסט אנגעשריבן דאסדאזיקע בוך, טראץ מיין פחדנות.

אגי שמייכלט.

— אזוי זאלן מיר זיך לאזן פאטאגראפירן! א גליקלעכער סוף אין דעם שענסטן בורזשואזן סטיל!

סוף